**Digitales Brandenburg**

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

# Ṿinṭer

**Brenner, Yôsēf Ḥayyîm**
**ברנר, יוסף חיים**

**Ṿarshe, 1936**

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

Pll

O.P.C.N.
BUCURESTI

י. ח. ברענער

# ווינטער

ראמאַן



1

פרעמיע צו די „ליטעראַרישע בלעטער"

1936 וואַרשע

י. ח. ברענער

# ווינטער

## ראמאַן

פון העברעיש ד. מאַלקין

וואַרשע 1936

אַרויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער"

2203

Universitäts-
bibliothek
Inventarnr.
*98032081*

Printed in Poland

I. Ch. BRENER — WINTER
(Powieść)

Nakładem tygodnika
„LITERARISZE BLETER", Warszawa

Druk. „Grafia", Warszawa, Nowolipki 7.

# י. ח. ברענער

ס'איז באמת אַן עוולה, וואָס אַט דער יידישיסטער צווישן די העברעישע שרייבער, דער מענטשלעכסטער צווישן די יידישע קינסטלער איז פאַרבליבן מיטן רוב פון זיינע ווערק פרעמד און ווייט דעם יידיש-לייענער. אָנגעהויבן פון זיין ראָמאַן „בחורף“ ביז זיין לעצט ווערק „שכול ושכלון“ האָט ער, ווי זעלטן-ווער פון די העברעישע און יידישע שרייבער, אַרויסגעבראַכט די אינע-ווייניקסטע גראַנגלענישן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין איר שווערן בלאָנקען און בלאָנדזשען אין די צוויי-דריי צענדליקער יאָרן, — פון אָנהייב ציוניזם אין יידישן סאָציאַליזם ביז 1921, — ווען אַ מערדערישע האַנט האָט געמאַכט אַ סוף צו זיינע יאָרן-ליידן. און נישט נאָר אין זיינע ראָמאַנען-דערציילונגען, אויך אין זיינע הונדערטער אַרטיקלען און נאָטיצן, געשריבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, טרעפן מיר זיך אָן אויף דעם גייסטרייכן און טיף-יידישן קינסטלער-דענקער.

איך ווייס נישט נאָך אַ שרייבער ביי אונז, וועלכער האָט ווי ברענער פאַרשטאַנען דעם גאַנצן טראַגיזם, דעם ווייטיק פון די מאַסן, וואָס רייסן זיך צו אַ נאָרמאַל לעבן ביי די סאַמע אומנאָרמאַלסטע, אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען. געקוקט דעם טייוול אין סאַמע געזיכט אַריין, האָט ער וועגן דעם גערעדט אָפ̇ן, אויפריכטיק, נישט געשוינט זיך און אַנדערע. ברענערס ווערק וואָלטן געקאָנט און געדאַרפט זיין אין דער יידישער ליטעראַטור, שטאַם-ווערק, פון וועלכע מען וואָלט געקאָנט לערנען און לערנען.

ברענער און זיינע ווערק פאַרוויגן נישט און פאַרשלעפערן נישט, זיי רייצן, זיי רעגן כסדר, זיי וועקן דאָס געוויסן, זיי מאָנען, זיי רופן. און דאָס גראָד איז אַזוי וויכטיק פאַר אונזער יידישער ליטעראַטור.

---

יוסף חיים ברענער איז געבוירן אין 1881 י. אין נאָי-מלין, אוקראַינע, ביי אַן אָרעמען מלמד. צו פערצן יאָר אַוועק לערנען אין ישיבה. 1897 קומט ער קיין ביאַליסטאָק, וויל ווערן אַ בעל-מלאכה, פרוּווט אַרבעטן ביי אַ סופר, 1898 פאָרט ער אַריבער קיין האָמעל, דערנעענטערט זיך צו דער אַרבעטער-באַוועגונג, באַטייליקט זיך אין דעם האָמעלער בונדישן אָרגאַן „דער קאַמף“, באַקענט זיך מיט דער רוסישער און דייטשער ליטעראַטור, געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון שאָפּענהויער און ניצשע. ער דעביוטירט מיט אַ דערציילונג „פת לחם“ אין „המליץ“ (1900). דאָס זעלבע יאָר גיט ער אַרויס אין „תושיה“

א באַנד העברעישע נאָוועלן „מעמק עכור“. 1902 פאַרעפנטלעכט דעם ראָמאַן „בחורף“ און 1904 „מסביב לנקודה“.

מיטן אויסברוך פונם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג איז ער אַנטלאָפן פון מיליטער, וווּ ער האָט דעמאָלט געדינט, מ׳האָט אים געכאַפּט און מיטן עטאַפּ געשיקט אין זיין היימשטאָט (באַשריבן אין „מא׳ עד מ״). אין באָברויסק האָט אים אַ גרופּע בונדיסטן אָפּגעשלאָגן פון דער וואַך. ברענער פאַרלאָזט רוסלאַנד, קומט קיין לאָנדאָן, גיט אַרויס דעם זשורנאַל „המעורר“, וואָס ער אַליין רעדאַקטירט, זעצט און פאַרשפּרייט. צווישן פאַרשידענע נאָוועלן און אַרטיקלען אָפּגעדרוקט דאָרט זיין דראַמע „מעבר לגבולין“, וווּ ער שילדערט דאָס יידישע לעבן פון ווייטשעפּל. 1902, נאָך אַ ריי וואָגלענישן איבער פאַרשידענע לענדער פאָרט ברענער אַריבער קיין פּאַלעסטינע, פּרוּווט זיך דאָרט איינאָרדענען ווי אַן אַרבעטער. באַטייליקט זיך אין „הפועל הצעיר“, אין „אחדות“, פאַרעפנטלעכט גרעסערע דערציילונגען און ראָמאַנען: „בין מים למים“ (1910), „מכאן ומכאן“ (1911), „עצבים“ (1911) און לסוף זיין „שכול וכשלון“. ער ווערט שטאַרק באַליבט און פאַרערט ביי דער ארץ־ישראל־יוגנט און אַרבעטער. 1921 באַזעצט ער זיך אין תל־אביב און דעם ערשטן מאַי בעתן פּאָגראָם אין יפו, קומט ער אום פון מערדערישע הענט.

אין זיינע ווערק שילדערט ער די נויט און עלנט פון דער יידישער אָרעמקייט און די ליידן און מאַטערנישן, מאַטעריעלע און גייסטיקע, וואָס די פּויל־געפּרוּווטע יידישע אינטעליגענץ איז אויסגעשטאַנען פאַר דער לעצטער תקופה. מיט אויסזיכטסלאָזן פּעסימיזם זענען דורכגעדרונגען זיינע הויפּטווערק, וווּ אין פאַרשידענע געשטאַלטן טרעט פאַר אונז אַרויס איינער און דער זעלבער טיפּ, דער ביז לעצט פאַרצווייפלטער, יידישער אינטעליגענט. נאָר איי־ניקע פון זיינע שאַפונגען פאַרמאָגן די עפּישע רויקייט, אַלע איבעריקע זענען געשריבן אין אַן אויפגערעגטן, אומרויקן צושטאַנד, זענען אַזוי ווי טאָג־ביכער, וווּ ס׳איז אַלץ אויף דער הייסער מינוט פאַרצייכנט. ווי דער אינהאַלט, אַזוי אויך זיין סטיל און זיין שפּראַך איז אומרויִק, געררייצט. זיין העברעיש איז פון שטיקער יידיש, ריסן פון לעבעדיקער ווירקלעכקייט. ברענער איז שטאַרק סו־ביעקטיוו אין אויסטייטשן די געשעענישן און געשטאַלטן. דער אויטאָביאָגראַפישער עלעמענט פאַרנעמט אַ ווילטיקן פּלאַץ אין זיינע ווערק. זיי גיבן איבער די גלגולים פון זיין וואָגלענדיקער נשמה אין דער יידישער וועלט.

ג. מ.

* *
*

איך האָב מיר צוגעגרייט אַ העפט גלאַטיק פּאַפּיר און איך רעכן שרייבן עטלעכע נאָטיצן און בילדלעך פון „מיין לעבן“ —

„מיין לעבן“ — אין גאנזנפּיסלעך: קיין צוקונפט און קיין געגנוואַרט האָב איך דאָך נישט; פאַרבלייבט בלויז די פאַר־גאַנגענהייט —

די פאַרגאַנגענהייט!.. ווען עמיצער וואָלט געהערט דאס לעצטע וואָרט, וואָלט ער זיכער געמיינט, אז עפעס שרעק־לעכע געשיכטעס האָב איך צו דערציילן פון מיין „פאַרגאַנגענ־הייט“, עפעס אַ גרויזאַמע טראַגעדיע, אַ האַרצרייסנדיקע און מוח־דערשיטערנדיקע —

אָבער סאיז דאָך נישט אזוי! אויך אין מיין פאַרגאַנ־גענהייט זענען דאָך נישטאָ קיין אינטערעסאנטע געשיכטעס, קיין פאַרכאַפּנדיקע מעשיות, קיין שרעקלעכע טראַגעדיעס; נישטאָ קיין מאָרדן, נישט קיין ליבע־קאָנפליקטן, און אפילו נישט קיין לאָטעריע־געווינסן און פלוצימדיקע ירושות; סזענען דאָרט פאַראַן מענטשן־שאָטנס, טונקעלע וויזיעס, באַהאַלטענע טרערן, זיפצן...

מיין פאַרגאַנגענהייט איז נישט קיין פאַרגאַנגענהייט פון אַ העלד פשוט דערפאַר, ווייל איך אַלייז ביז נישט קיין העלד.

איך בין אַ בחור אַ מלמד אין דעמדאָזיקן דאָרף.

און פונדעסטוועגן, כאָטש איך בין נישט קיין העלד, ווייל איך פאַרשרייבן דידאָזיקע פאַרגאנגענהייט מיינע, די פאַרגאנגענהייט פון מיין נישט-העלדישקייט. די פאַרגאנגענהייט פון די העלדן ווערט באַשריבן פאר דער וועלט און מערודערט אויף מיט איר די וועלט; מיין פאַרגאנגענהייט, די פאַרגאנגענהייט פון אַ נישט-העלד, שרייב איך פאר מיר און אין דער שטיל.

און אפילו אַזא הקדמה געניגט.

---

## א.

פון פירשטן און באַראָנען שטאַם איך נישט. מיין משפחה איז נישט קיין מאַטעריאַל פאר געשיכטע-שרייבער. מיין פאָטער איז דער זון פון עפעס אַ ר׳ לייזער עליו־השלום — מיט דעמדאָזיקן טיטל איז ער עולה־לתורה — און מיין מוטער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אינם הויז פון ר׳ ברוך, ר׳ ברוך גאָלדעס, ר׳ ברוך שענקער.

דעמדאָזיקן ר׳ ברוך דערמאָנען די איינוואוינער פון צ. מיין געבורט-שטאָט, עד היום מיט אַ קרעכץ, אַזעלכע יידן ווערן וואס אַמאָל ווייניקער.

ער איז מיר אָפּגעשטאָרבן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליינער יונגל, און פון זיין אויסזען זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון בלויז זיין געקנייטשטער שטערן און זיין שוואַרצע, סעמיטישע באָרד. און וואָס סאיז שייך פאַקטן און געשעענישן קומט מיר אַמאָל אויף אין זכרון, און דאָס אויך אָפּגעהאַקט און מטושטש, ווי פון אַ נעפּל ארויס. מיין אָנקומען אין חדר, צו פינפטהאַלבן יאָר פון מיין לעבן, ביי וואס דערזעלביקער ר׳ ברוך האָט געזאָגט: „זאָל זיך יערמיק גיין שפּילן אין חדר צו ישראלן, דעם דרדקי-מלמד; אַן אָרימאַן אַ ייד דאַרף האָבן פרנסה“. נאָך עפּעס: יעדן טאָג פאַרנאכט פלעג איך

---

*) דידאזיקע דערציילונג איז געשריבן געוואָרן אין יאָר תרס״ב.

זיצן אויף דער שוועל פונם בית־מדרש, דאָרטן אין דעד ווייבער-שול איז געווען אונזער „חדר", און פלעג וואַרטן אויף דעמדאָזיקן „זיידע" מיינעם מיט אומגעדולד. ווען ער פלעגט קומען דאַוונען מנחה פלעגן די קעשענעס פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע זיין פול מיט פלוימען, באַרן, קאַרשן... פאַר מיר. קען זיין, אז דידאָזיקע שטיקלעך זכרונות שווימען מיר אויף, ווייל זיי פלעגן שפּעטער דערמאנט ווערן ביי אונז אין שטוב, ווען איך בין שוין אויסגעוואַקסן: אין שעהן פון אומעט און איינזאַמקייט פלעגן אַזעלכע מיני זכרונות זיין זייער באַליבט ביי מיין מאַמען, אָנצוהויבן מיט זיי אירע שמועסן מיט מיר.

— געדענקסט, ירמיה, ווי ער פלעגט דיך ביינאַכט צודעקן מיט זיין שוואַרצן כאַלאט ?..

אין דער צייט פון זיין לעצטער קרענק איז אונזער הויז געווען אַ רשות-הרבים. די שטאָט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, נאר ער איז געווען רואיק. זיין פריילעך געמיט און זיין ליצנות האָבן אים נישט פאַרלאָזט ביז דער לעצטער מינוט.

— קעצעלע! — פלעגט ער אַ זאָג טאָן צו איינעם פון די אַרומיקע, אַ פאַרמרה-שחורהטן — וואָס ס'טזיך אוועקגעזעצט, בעל-בכי מיינער, אין אַ ווינקל — און האָסט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ? ע, שוטה! וואס איז דאס פאַר אַן עצבות ווידער? ריר זיך, שטיי אויף, נעם אַביסל וואַסער, פונם „רבי"נס וואַסער, און גיס אַריין אין דיין קליינער מנורה — און סוועט דיר ווערן גרינגער. נישטאָ וואס צו טרויערן! דער וועג איז נאָנט.. מיר וענען יידן, טפש!..

אַ שעה פאַרן טויט האט ער געטרייסט און געבענטשט אַלעמען. אויך מיך, דעם קליינינקען, האט דער טאַטע אַרונטער-געשטעלט אונטער זיינע הענט, ר'זאל מיך בענטשן. ער האט מיך אַרומגעטאַפּט — די אויגן זענען אים שוין טונקל געוואָרן — און האט אויסגעדריקט זיין ווילן, איך זאל זיין אַ ייד

ווי סדאַרף צו זיין... אין עטלעכע שעה אַרום האט מיך דער טאַטע אויפגעוועקט פון אַ טיפן קינדערשן שלאָף און האט מיך געפירט זיך זעגענען „מיט אים". אויף דער ערד, אַרום אַ גוף איינגעהילט אין שוואַרצן, זענען געשטאַנען ברענענדיקע ליכט. די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן.

דער נאָמען „ר' ברוך גאָלדעס" איז געווען אַ פּינקט-לעכערער ווי דער אַנדערער: „ר' ברוך שענקער". די שענקערײַ איז געווען, אייגנטלעך, דאס געשעפט פון זיין ווייב „גאָלדע, די אשת-חיל", זיין באַשעפטיקונג איז געווען: דאַוונען, חסידות און כּלל-זאַכן. אָט דאס לעצטע פלעגט גאָלדע אין אַ הייסער מינוט קרוינען מיטן נאָמען „פּאַשוועגדערישקייט און שכרות".

אין אַ פאר-יום-טוב-צייט, און בכלל אין יעדער פאר-ענגטער צייט, פלעגן כמעט אַלע אָרימעלייט פון שטאָט, באַ-זונדערס די חשובערע, די בכבודיקערע און שעמעוודיקערע, קומען צו ר' ברוכן נעמען ביי אים אַ „גמילות-חסד". און אז די „פלונית'טע פלעגט זיך נישט קענען איינהאַלטן און זי פלעגט אָנהויבן לאָזן הערן הויך איר שטימע, פלעגט דער „משוגענער" אָנהויבן מיט זיסע ריידעלעך און ער פלעגט נעמען איינרעדן זיין „עזר-כנגדו". סאיז דאָך זיכער, אז אַזא גרויסע מצוה וויל זי פונקט אזוי גוט ווי ער, אי וואס, טאָמער שרעקט זי זיך, אז איר געלט וועט פאַרלוירן גיין, — לייגט ער פאָר דעם לוה, ער זאָל ברענגען אַ משכון, ער זאָל זיך מטריח זיין און ברענגען זיין ווינטערדיקן פעלץ. דער-נאָך, ווען מפלעגט דאַרפן, פלעגט קומען דער בעל-משכון און אים צונעמען צוריק —

— דו שרייסט, גאָלדע, אַ וודאי ביסטו גערעכט מיט דיין שרייען... אָבער אָן כעס, מיין ווייב. זאָג אַליין, וואָס קען מען טאָן? און ביי דיר וואָלט רעכט געווען, אז אַ ייד זאל נישט גיין אין בית-מדרש אַריין יום-טוב? — נו? זעסט, איצט פאַרשטייסטו אַליין, אז מהאָט אנדערש נישט געקענט טאָן!

וועדליק, ווי ספּלעגט זאָגן זיין בעל־דברטע האט מען געקענט נאך מער „צעפּלאַצט ווערן" — פון זיין שפרות. דאס איז געווען אַ גרויסער חסרון, אייגנטליך אייגער פון זיינע פעלערן. סאיז נאָך געווען גוט, וואס געוויינטלעך פלעגט ער קיין „משקה" נישט נעמען אין מויל אריין, אַ חוץ פון צייט צו צייט אַ קליין גלעזעלע נאָכן דאַווגען ; אָבער סהאָבן גע־קלעקט די „יומי־דפגרא"ס אין משך פון יאָר, זיי זאָלן איר פאַרביטערן דאָס לעבן. ער פלעגט מיט זיך מיטברענגען פון קלויז די גאַנצע „חברה". און אַ כוצדעם, וואס מפלעגט אויס־ראָמען דאָס גאַנצע עסנוואַרג פון שטוב, אפילו וואָס פלעגט זיך געפינען אין די לעכער און באַהעלטענישן, מפלעגט אויס־נישטערן און צוגזלענען אלע מיני געבעקס און איינגעמאכטס פון אויון און פון קעלער, מפלעגט אויסגעפינען און איינ־שלינגען אלע זויערע אוגערקעס, וועלכע זענען געווען איינגע־שטעלט אויף ווינטער אינם קעלער, וואס אין הויף, — פלעגן זיי נאך מאכן א „תל-עולם" פון דער גאנצער דירה און ער אין דער שפיץ פון אַלעמען. אָנהויבן פלעגן זיי אין פלוג שטיל, מיט האלב-פארמאכטע אויגן און מיט אַ טרויעריקן ניגון, א פאמעלעכן, אַ יידישלעכן, אַ מחיהדיקן, אָבער צום סוף פלעגן זיי משוגע-ווערן, פלעגן טאַנצן מיט די לעצטע כוחות, און ער פלעגט אַלעמען האלטן ביי די אַקסלען, פלעגט „באַמקען" נישט מיט זיין קול, פלעגט קנאַקן מיט די פינגער, שרייען „לעבעדיקער, לעבעדיקער!" — און פלעגט איבערקערן די וועלט...

אמת, דאס איז נאר איין זייט פון דער זאַך. אינדער־אמתן האט ר׳ ברוך פאַרשאפט זיין צווייטער העלפט אויך פאַרגעניגן מיט זיין נאָמען און זיין אָנזען.

דאַוונען פלעגט ער שטיל, שטייענדיק אומבאַוועגלעך אויף איין אָרט, אָן אַ מינדסטן ריר, מיט אַ פולשטענדיקן בטול־היש. נאָר אַמאל פלעגט ער זיך אויפרייסן און אויסשרייען

מיטן גאַנצן כּוח: „טאַטע אין הימל! טאַטע אין הימל!״ און ער פּלעגט זיך גאָרנישט מאַכן פון דער עבירה, פון מפסיק זיין אינמיטן קריאת־שמע אדער אין שמונה־עשרה.

מהאט עס אַמאָל דערציילט דעם רבין, האט ער אַזאָג געטאָן: „נו״...

---

מיין מאַמע יהודית — דאָס איז אַ „יידישע טאָכטער״ לויט איר כאַראַקטער און לויט איר לעבן. אין מיינע גוטע און אידעאַליסטישע יוגנט־צייטן פלעג איך ליב האָבן זיך צו צעגיסן אין פּאָעטישע מחשבות וועגן אירע פּיינען, וועגן איר געדולד, וועגן די גרעניצן פון איר וועלט און איך פלעג זען אין איר דעם סינבאָל פון „דער יידישער פרוי״, ווי עס שילדערן זי אונזערע שרייבער פונם באַקאַנטן מין. איך פלעג זי אמאָל אויך אנקעגנשטעלן אין מיין פאַנטאַזיע מיט מיין פאָטער, סהייסט: ער איז שלום געצל דער מלמד און מער נישט, אָבער זי — זי איז אַ צנועה, זי איז אַ כּשרע, זי איז אַ סבלנטע, זי איז איבערגעגעבן צו איר מאַן און קינדער, זי... מיט איין וואָרט, זי איז — „אַ יידישע פרוי״!

איצט... איצט — גאָרנישט. „אַ יידישע פרוי״ — אַוודאי: אַן אָרעמע פרוי, וואָס ליידט יסורים.

זי איז אַ נידעריקע. זי האָט אַ לענגלעך, שמאָל פּנים, פול מיט קליינע גריבעלעך, שפורן פון אַ פּאָקן־קרענק. אַן איינגעפאַלענע ברוסט. אירע אויגן זענען נישט קיין גרויסע, זיי זענען מילדע, און אין דער פייכטער שוואַרצלעכקייט פון זייערע אַפּלען גלאַנצט עפּעס אַ טרויער, וואָס נעמט אָן ביים האַרצן.

אז זי איז געווען אַ מיידל — פלעגט זי מיר אָפט דערציילן — איז זי געווען נישט קיין מיאוסע און זי פלעגט אויך ליב האָבן אַ טאַנץ צו טאָן. אָבער די פּאָקן־קרענק, אויף וועל־

כער זי איז קראַנק געוואָרן צו זיבעצן יאָר, און איר לעבן גופא — דאס לעבן פון אַ יתומה אין הויז פון דער בייזער גאָלדען, ר׳ ברוכס, עליו השלום, ווייב, — האָבן ביי איר צוגערויבט סיי איר שיינקייט סיי איר פריילעכקייט.

(? ב״ח) איר פאָטער ר׳ ירמיה איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ סוכאָטניק. זי איז געוואָרן אַ יתומה קליינערהייט. און כאָטש איר קרובה איז געווען גאָלדע און ר׳ ברוך איז איר נישט געווען קיין קרוב, איז פונדעסטוועגן גאַנץ שווער אָנגעקומען ר׳ ברוכן צו קריגן די הסכמה פון זיין פרוי אַריינצונעמען די יתומה צו זיי אין שטוב. זיי זענען געווען קינדערלאָזע, נאָר די געשעפטן זייערע זענען תמיד געשטאַנען שלעכט צוליב די „שגעונות“ פונם באַלעבאָס. אָבער צום סוף האָט זיך דערמאַנט די שענקערקע, אז דאס איבעריקע מויל פאַרמאָגט אויך אַ פאָר הענט מיטצוהעלפן — און זי האט נאָכגעגעבן דעם מאַן.

בשעת מיין מאַמעס קרענק האט „איר גוטער טאַטע“ זיך געראַנגלט מיט אַלע זיינע כוחות קעגן דער סכנה — און ער איז זי בייגעקומען. נאָר ווען די קראַנקע איז געזונט געוואָרן און זי האט באַטראַכט איר אויסזען און איר מצב — האט זי שוין בעסער געוואָלט דעם טויט איידער דאס לעבן.

אָבער די צאַרטע שטימע פון איר גואל און איר רעטער האט זי נישט אויפגעהערט צו טרייסטן:

— האָב נישט קיין מורא, טאָכטער מיינע, איך וועל דיך נישט אַוועקגעבן פאַר אַן עם־הארץ!

און ער האט מקיים געווען זיין צוזאָג.

אין איינעם אַ פרייטיק־צו־נאַכט — זי איז דאַמאָלס געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, וועלכע איז געשטאַנען אין שדוכים, נאָר אָן הצלחה — האָט מיט זיך ר׳ ברוך געבראַכט פון בית־מדרש אַן אורח, אַ יונגען ליטוואַק, ער זאָל עסן ביי אים, ווי ער פלעגט זיך שטענדיק פירן. ביים עסן האָבן זיי זיך

מפלפל געווען, ער און דער אורח, אין דברי תורה. און אז ר׳ ברוך האט גענומען אויספרעגן דעם אורח וועגן זיין לאגע, האָט אים יענער דערציילט, אז ער איז אַ בחור. נאָכ־דעם ווי דער אורח איז אוועק פון שטוב און ער איז גע־גאַנגען נעכטיקן אין קלויז, האט איר גוטער טאַטע אויף איר אַ ווייכן קוק געטאָן און ער האט געזאָגט:

— אַ פיינער יונגערמאַן, אַ „מתנגד"... אָבער ער קען אין די שוואַרצע פינטעלעך.

און זי האָט פאַרשטאַנען. אמת, ער האט נישט געפונען קיין חן אין אירע אויגן, אין אירע מיידלשע אויגן, ווייל ער איז געווען אַ נישט־שיינער און אויך זיין ליטווישע שפראַך האט געקלונגען פרעמדלעך אין אירע אויערן. אָבער צי וועט זי דען זאָגן אַ דעה? זי וועט נאך זיין איבערקלייבעריש? אַ בעל־עגלה אָדער אַ שוסטער וואָלטן דען געווען בעסער איידער ער? זאל זי זיין אומדאַנקבאר און נאָכקלערן אויף דעם, וואס ר׳ ברוך טוט? אויב „ער" געפעלט ר׳ ברוכן — מן־הסתם ווייס ער!

סהאָט נישט לאַנג געדויערט און אַ ניי פאָרל איז, ביים אַנטייל פון אַלע איינוואוינער פון דער שטאָט, פון קלעזמער און אונטערפירער און ברענענדיקע ליכט און פונם שטאָטישן רב ר׳ חנן־נתן, געשטאַנען ביים מיסט־בערגל וואס ביים קלויז אונטער אַן אויסגעהאָפטענעם פאָרהאַנג, אַן אויסגעשפרייטן אויף פיר דרענגער. מזל טוב!

---

מיין טאַטע איז אַ מענטש פון מיטלען און גרעבלעכן וואוקס, זיינע געזיכט־שטריכן זענען מגושמדיקע, די נאָז און די ליפן גראָבע, די אויגן זענען טונקל־גרויע און די באָרד זיינע איז אַ גרינלעך־געלע. יונגערהייט פלעגט ער זיך שטאַרק

אָפּגעבן מיט אַט דער באָרד זיינער, ער פּלעגט זי קעמען און פאַרונדיקן—איצט וואַקסט זי אָן שטערונגען.

אין זיין לעבנס־תּורה שטייט געשריבן: מדאַרף זיך צופּאַסן צו דער סביבה. צווישן חסידים זיי אַ חסיד און צווישן משכּילים—אַ משכּיל. זיי ווייך ווי אַ לעמעלע, און פאַר אַ „נגיד"—ווי וואַקס.

ער האָט זיך ליב און איז זייער אַמביציעז, אָבער עס קומט אים אָן גרינג זיך איינצוקוועטשן, צוצוגעוואוינען, זיך צוצופּאַסן. זיין גרעסטער באַגער איז: ער זאָל אויך זיין צו לייטן גלייך, ער זאָל קומען צווישן מענטשן און ער זאָל קענען זאָגן זיין וואָרט...

ער איז אַ געבוירענער אין דער ליטע. זיין טאַטן דעם אָרימען וואַסערטרעגער האָט ער נישט געקענט, וואָרום ער איז אים אָפּגעשטאָרבן קינדווייז. אָבער, כאָטש ער ווייס דעם אמת, האַלט ער פאַר נויטיק און פאַר ריכטיק זיך צו באַרימען אין צ. אַן אָרט, וואו מקען אים נישט, מיט זיין משפּחה־יחוס און אַלעמען צו דערציילן, אַז ער שטאַמט פון גבירים און רבנים, אַז דער מינסקער גדול אָדער דער קאָוונער אדיר זענען זיינע קרובים.

אויך ער האָט זיך, פּונקט ווי די מאַמע מיינע, אויפגעהאָדעוועט אַ „יתום". זיין מוטער, וועלכע איז נאָכן טויט פון איר מאַן פאַרבליבן אַ וויסטע אלמנה און האָט זיך „אויפגעהאַלטן" פון פאַרקויפן געקאָכטע באָב און אַרבעס, האָט אים אַוועקגעשיקט פון דער היים. האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט אַן איינזאַמער און פאַרוואָרלאָזטער איבער די גאַסן, אַן איינגעוויקלטער אין שמאַטעס און אַ הונגעריקער, און יעדערער פלעגט אים פאַרטשעפּן און שלאָגן אַלעמאַי ער קען נישט דעם „קדיש" ווי סדאַרף צו זיין. נאָכדעם ווי מהאָט אים אַרויסגעטריבן פון דער „תּלמוד־תּורה", האָט ער זיך דערצויגן אין די גרויסע ישיבות, וואָס אין די קליינע ליטווישע

שטעטלעך. ווען ער האָט זיך שוין געהאט אויסגעלערנט ווי׳ געהעריק די מלאכה פון זיך אוגטערלעקן צו יעדערן און אָפּנאַרן יעדערן, אפילו אזעלכן, וואס האט קיין שום שייכות נישט מיט אים, שוין אָפּגערעדט פון ראש־ישיבה, פון משגיח, פון זיינע ברויטגעבער און די קלויז-דאַוונער; ווען ער האט זיך שוין אויסגעלערנט אָפּצוטאָן שפּיצלעך זיינע חברים, הנאה צו האָבן פון זייער דורכפאַל און צו פאַנגען הערצער דורכן שטענדיקן באַרימען זיך, אז עה איז אַ אויסערגעוויינלעכער „מתמיד“, — איז ער, אַלטווערנדיק פופצן יאָר, געוואָרן אַ מלמד אין די דערפער, דאס הייסט: אַ האָלצהאַקער, אַ וואַסער-טרעגער, אַ פּאַמוניצע-ארויסטראָגער, אַ בהמה-אָנפּיטערער און אַ צילברעט פאר די הערשאַפט-געפּילן פון דער דאָרפישער באַלעבאָסטע, ווי דער מנהג איז. נאָכדעם, ווי ער איז אָפּגע-שטאַנען אויף דעמדאָזיקן פּאָסטן פיר-פינף יאָר, האט אים דאס האַרץ אַ צי געטאָן צו פּרובן זיין מזל אין דער פרעמד און ער האט אַוועקגעוואַנדערט אין די דרום-שטעט פון רוסלאַנד, אונטערן איינפלוס פון די וואוגדער-געשיכטעס, וואס עס פלעגן אין יענע צייטן דערציילן אַלע מלמדים, וועלכע פלעגן זיך אומקערן אַהיים אין דער ליטע פון „מרחקים“. אז ער איז געקומען קיין צ. איז ער דאָרט פאַרבליבן, נעמענדיק מיין מאַמע יהודית פאר אַ ווייב, אָדער ריכטיקער, געגומען-ווערנדיק פאר מיין מאַמע יהודית פאר אַ מאַן.

---

מיין טאַטנס תתונה, פונקט ווי זיין נסיעה אין אַ פרעמד לאַנד נישט באַזיצנדיק קיין פּראָפעסיע אָדער עפּעס אַ קענט-שאַפט, זענען געווען, ווי מזאָגט, זאַכן גלאַט אין דער וועלט אַריין, אָן א באַרעכענונג, אָן אַ באַשטימטן ציל, אומבאַוואוסט-זיניק. און בכן, ווען די פויקנדיקע קלעזמער זענען שטיל געוואָרן, האָט זיך אויפגעכאַפּט דער כמו-קעניג און דערזען צו

זיין שטוינונג, אז... ער איז געפענטעט אין שטריק! דאָן האָט זיך ביי אים אין מוח באַזעצט אַ רעיון, אז דאָ איז פֿאַראַן עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענער שווינדל. אים האָט זיך געדוכט, אז ער האָט שטענדיק געהאַפּט אויף עפּעס גרויסעס — ער איז דאָך עפּעס געפֿאָרן אין די מרחקים, ער איז געווען אַ „פֿריי פֿויגעלע", ער האָט געטאָן, אַלץ וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט, און איצט — אַ פֿרעמדער שווער, אַ „חסיד שוטה", אַ שוויגער אַן „ארורה", אַ מיאוס ווייב... פֿונוואַנען נעמט זיך עס אַלץ?

און ער איז אין כּעס געוואָרן.

זיין צווייטע העלפֿט האָט געזען זיין ארומצאַפּלען זיך אין שטייג — און דאָס האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען. זי האָט דאָך אים נישט אָפּגענאַרט, זי איז דאָך אים געגעבן געוואָרן כּדת משה וישראל, טאָ וואָס וויל ער? וואָס ברוגזט ער זיך? פֿאַרוואָס איז זיין פּנים פֿאַרצאָרנט?

און ביידע צדדים, וועלכע האָבן איינגעראַמטן זיך נישט אָפּגענאַרט אין עסק, זענען געווען אומצופֿרידן. נאָכדעם, ווי ר' ברוך איז געווען געצוואונגען נישט מקיים צו זיין זיין צוזאָג אין די תּנאים: צו געבן הונדערט רובל נדן און שבתדיקע און יום-טובדיקע קליידער ווי ספּירן זיך באַלעבאַטים, האָט ער זיך איבערצייגט, זעענדיק די נקמה-זאַכן, וואָס דער ליטוואַק טוט אָן זיין אומשולדיקע לעבנס-חברטע, אז ער איז אַ „מתנגד גמור"...

און די לאַגע איז ערגער געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג. די באַלעבאָסטע, גאָלדע די אשת-חיל, האָט געבורטשעט אויף די „אומזיסטע מיילער" אומדערטרעגלעך. צו פֿאַרבלייבן ביי ר' ברוכן אין הויז האָט דאָס „פּאָרל" נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט, און דעם יונגענמאַנס פֿאַרביטערונג האָט זיך געהאַט אין וואָס צו פֿאַרקערפּערן. קיין גראָשן נישט, קיין קליידער נישט און קיין עסן אויך נישט!

דאס יונגע ווייבל האט זיך געקוויקט מיט איר „האָניק-חודש“. זי האט פלוצלינג „אנגעהויבן צו פאַרשטיין“ איר גאנצע גרויסע זינד, די גאנצע שרעקלעכע שולד אירע. פאר וועמען און מיט וואס האט זי געזינדיקט — אויף אַזא פראגע וואָלט זי נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, אבער זי האט זייער געשפירט איר זינד, זי האט געשוויגן. פאר איר שלום-געצלען איז זי געווען גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער, צו ארבעטן פאר אים די שווערסטע ארבעט טאָג און נאכט, אַבי סזאָל איר פארגעסן ווערן איר גרויסע זינד לגבי אים...

די לופט-שלעסער זענען צערונען געוואָרן! אמת, סאיז אויך פריער פאר איר קיין סוד נישט געווען, אז די קעסט ביי איר באַלעבאָסטע זענען נישט מער ווי א צוזאָג, אז איר גאַנצע האָרעוואַניע אין משך פון צען פעליקע יאָר אין דער שענק, אירע מאַטערנישן טאג און נאַכט האָבנדיק צו טאָן מיט די שכורים, איר גאַנצע ארבעט, וואס האט ביי איר אלץ צוגערויבט, — אז דאס אלץ וועט גאָלדע, איר אויפהאָרע-ווערן, נישט געדענקען און זיך נישט דערמאָנען; אבער זי האט געהאָפט, אז די הונדערט רובל, וואס מהאט דערמאנט אין די „תנאים“, וועלן איר קומען צו הילף. זי האט ניטט געוואוסט ווי ווייט אומזיכער סאיז דער מצב פון איר גוטס-טוער און זי איז געווען זיכער, אז ער וועט זיין הבטחה נישט פאַרשוועכן. זי האט געחלומט גאָלדענע חלומות: זי וועט זיך מאַכן עפעס א קליין געשעפט, אַ באַקאַליי-קראָם... זי וועט זיין די שפייזערן, א באַלעבאָסטע פאר זיך, און ער — אַ זייַדענער יונגערמאַן, איר כבוד און איר קרוין... און דאס אלץ איז אַוועק מיטן רויך. ביידע זענען אָרימעלייט, „צוויי מתים גייען טאַנצן“. און ער דערהרגעט זי נאך נישט!..

אָבער ער האט זיך בעגנוגנט דערמיט, וואס ער האט איר פאַרביטערט דאס לעבן, וואס ער האט איר געדראָט, אז ער וועט זי פאַרלאזן און זי וועט פארבלייבן אַן אייביקע „עגונה“.

און די גוטהאַרציקע שכנטעס האָבן שוין געגומען האָבן צו איר מיטלייד, אנקלאגן איר אין די אויערן אויף איר ביטער מזל, שילטן דעם משומד ימח־שמו, די „שלאַנג“, גאָלדען, וועלכע איז שולדיק אין אלץ און אפילו באַרעדן ברוכן אַליין, אז „אויך ער, זאל מוחל זיין, האט פליגן אין נאָז“.

די צוקונפטיקע עגונה האט געקליבן נחת פון אלע זייטן, נאָר דער „מתנגד גמור“ האט זיינס נישט אויסגעפירט.

ר' ברוך האט נישט געקוקט אויף זיין ווייבס ווארנונג, אז „מוועט אים באַגראָבן אין פרעמדע תכריכים“ און האט זיך אויסגעגלייכט מיט „זיין איידעם“ אויף וויפל ער איז נאר געווען ביכולת: ער האט אים אָוועקגעגעבן אַ טייל פון זיינע ספרים, האט אים איבערגעלאָזט אַ שטר־ירושה אויף זיין „שטאָט“ אין קלויז און האט זיך באמיט מיטן כוח פון זיין אָנזען אין שטאָט צונויפצוגעמען פאר „זיין ליטוואַק“ אַ חדר אויפן קימענדיקן „זמן“.

אין פון דאַמאָלס אָן פראוועט מיין טאַטע מלמדות ביזן היינטיקן טאָג.

## ב.

מיין טאַטע פלעגט נישט ליב האָבן צו לערנען זיינע תלמידים ביי זיך אינדערהיים און ער פלעגט שטענדיק בעסער דינגען אַ חדר אין דער פרעמד. אונזער וואוינונג איז געווען אַ „הינער שטייג״, זי האט געקאָסט אַ רובל אַ חודש. מיין מאַמע איז געווען אַ פאַריינזאַמטע. אין דער שטוב-פירונג פלעגט זי זיך באַמיען צו באַווייזן דעם טאַטן, אז זי איז נישט ווי אנדערע, וואס ווייסן נאר אויסצובערענגען און מיטפאַרדינען גאָרנישט; זי איז אן אנדער ווייב, זי פארדינט אַ גראָשן, אַ פארדינערן, זי איז גרייט צו טאן אלץ, צו ארבעטן יעדע אַרבעט, וועלכע סזאָל זיך נישט מאַכן. זי פלעגט קריגן פעדערן צו פליקן, קליידלעך צו וואשן, קליינע מיידעלעך אויף לערנען מיט זיי „סידור און תחינות״, און ווינטער-צייט פלעגט זי נאך זיין באַשעפטיקט ביים שעכטן גענז צום פאר-קויפן אדער ביי קצבות, אויף איר שפראַך, ווארום זי פלעגט ליב האָבן צו רופן דידאזיקע ארבעט אירע: דאס קויפן די גענז, שטאָפן זיי און דאס גאנצע עוסקן זיך נאך דער שחיטה— מיטן נאָמען „קצבות״, סהייסט: אַ מענערשע אַרבעט!

אויך היינט נאך האט אין אַ געוויסער מאָס נישט אויפ-געהערט דאס זעלבע באַמיען זיך „צו ווייזן אים״ פון איר זייט און דאס זעלבע „קרימען מיט דער נאָז״ פון זיין זייט,— היינט, ווען זיי לעבן שוין צוזאמען איבער צוואנציק יאָר,

איצט, ווען די לאַנגע געוואוינהייט האָט שוין אויסגעגלייכט אַסאַך אומגלייכהייטן, און באַזונדערס דאַמאָלס...

אַסאַך זאַכן פון מיין טאַטנס אויפפירונג זענען איר דאַמאָלס נישט געווען געפעלן, איר דער אויסגעהאָדעוועטער ביי ר׳ ברוכן עליו-השלום, און באַזונדערס זיין „פרייקייט״ און דאָס, וואָס ער פלעגט רעדן אַנדערש ווי ער מיינט. זאָל ער טאַקי גערעכט זיין דערמיט, וואָס ער זאָגט, אַז אַ מענטש דאַרף יוצא זיין פאַר מענטשן מער ווי פאַרן אויבערשטן, סהייסט, צווישן מענטשן זיין אָפּגעהיט און אין שטוב פריי? זאָל אַזוי זיין געשריבן אין די ספרים? און ר׳ ברוך — פאַרוואָס פלעגט ער אַזוינס נישט זאָגן?

נאָר, אַפילו ווען זי פלעגט וואַגן צייטנווייז אים אויף עפּעס צו מאַכן אויפמערקזאַם, פלעגט דידאָזיקע באַמערקונג טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַ צערטלען זיך פון אַ פרוי, וואָס ספּלעגט אים אַריינברענגען אין כּעס. ער איז געווען גראָב אין זיינע רייד און אין זיינע באַוועגונגען, ער פלעגט ליב האָבן זי צו דערצערנען דערמיט, וואָס ער פלעגט לויבן אַנדערע פרויען און ער פלעגט הנאה האָבן פון איר כּעס, און ער פלעגט אויך אַזוי איינאָרדנען און דערפירן דערצו, ער זאָל נישט זיצן אין שטוב, באַזונדערס אין די יום-טוב-טעג.

מענטשן רעדן, ווי באַקאַנט, מיט אַ סענטימענטאַלע ווייכקייט וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט בכלל און בפרט וועגן זייער קינדהייט. די יסורים, וואָס זיי האָבן דאַמאָלס געליטן ווערן פאַרגעסן דורך דער לאַנגער צייט און די אָנגענעמע איינדרוקן, וואָס זענען פאַרבליבן, וואַקסן אויס און ווערן פאַרשענערט און צעגיסן זיך אין די הערצער ווי זיסע געטראַנקען. נישט אַזוי איז ביי מיר. דאָס אויסזען פון מיין פאַרגאַנגענהייט בכלל איז פאַרשטעלט פאַר מיין זכּרון און צוגעדעקט מיט אַ גרויסן פאַרבלאַטיקטען באַרג זאַמד, וואָס הענגט איבער זיי און די איינצלנע פאַקטן, וועלכע האָבן

זיך ארויסגעקריגן פונם חורבן און וואס איך ווייס זיי מער ווי איך געדענק זיי — איז אויסער וואס זיי וועבן זיך נישט צוזאמען און קריגן נישט קיין פלייש און בלוט צו ווערן איין קערפער, זענען זיי נאך זייער שווארצע און שווערע.

די מלאכים פון מיין קינדהייט שוועבן מיר פארביי און זייערע אויגן — טריפן גרויסע טריבע טרערן; דער קול פון זייערע פליגלען טראָגט מיט זיך פיינטשאפט און פארלאָזנקייט, דאס איז אַ קול פון אַ גוססדיק קינד, אַ קול פון אַ קליין הינדעלע, וואס די מוטער האט עס פאַרלאָזט גייענדיק זוכן אַ גראָשן-פרנסה. און דאס פנים פון דידאָזיקע מלאכים דריקט אויס טרויער, אומעט, צער — אַ צער אַטיפע וואס עקבערט דורך ביזן גרונט, אַ צער אַ טעמפער געמישט מיט בלאָטע, אַ צער אָן אַ סוף און אָן אן עק, וואס דויערט אייביק...

מיין מאמע פלעגט צוליב אירע געשעפטן אַוועקגיין און מיך פלעגט זי איבערלאָזן אונטער דער השגחה פון דער באַלעבאָסטע פון אונזער דירה, און מיינע תביעות אויף עסן פלעגט זי דערלעדיקן אויף אזא אופן: זי פלעגט נעמען אביסל צוקער און אַ שטיקל חלה, פלעגט עס צוזאַמענלייגן, צעקייען מיט אירע ציין און זי פלעגט עס ארייַנטאָן אין א ברעג פון אַ דין טיכל, דעם ברעג טיכל פלעגט זי פער-בינדן אין אַ קניפל און מיר עס געבן אין מויל אריין צו נאָגן.

נישט בעסער פון דעמדאָזיקן מאכל איז געוועזן די בלאָטע, וואס איך פלעג צוזאמענגעמען אין מיינע שמוציקע הויפנס, ווען איך האב שוין זוכה געווען ארומצוקריכן אויף דער פייכטער ערד.

און מיין געשטאלט, ווען איך בין אלט געוועזן אַ יאָר פיר איז געווען אַזא: אַ קינד מיט אַ געשוואָלן פנים, וואס האט אַ אויסזעז פון פאַרמעט. דער שמוציקער און אומגאַטיר-

לעכער גוף איז אָנגעטאָן אין אַ העמד ווי עפּעס אַ לאַנגער און צעריסענער זאַק. די קורצע פּיסלעך זענען באָרוועס. אויפן העמד פון אויבן שיינט אַראָפּ אַ טלית־קטן מיט ציצית. אויפן קאָפּ, וועלכער איז צוגעדעקט מיט אַ טיכל (מיטן בלויזן קאָפּ— איז אַ גרויסע עבירה, אָבער אַ היטל—איז פּונקט קופּערנע קאָפּיקעס!) איז אַ „תּפילין של ראש״ געמאַכט פון אַ קאַרטאָפל, מיין טאַטנס קונסט־אַרבעט, און דער זעלבער מין „תּפילין של יד״ איז גוט צוגעפּעסטיקט מיט אַ פאָדים צו מיין האַנט. און איך שאָקל מיך אָן אָן אויפהער. מיין מויל האַלט אין איין זשומען און מיט מיין האַנט פאַרדעק איך די אויגן, ווי אַ גרויסער, ווען ער שרייט: „אח—אָ—אָ—ד״, און בעת מעשה קוק איך נאָך, וואָס פאַר אַ רושם איך מאַך אויף די צרומיקע.

אַ יום־טוב אינדערפרי. סאיז ליכטיק. אַ האַרבסטיקע זון רייסט זיך אַריין אין די שויבן פונם איינציקן פענצטער, וואָס געפינט זיך אין מיינע עלטערנס קליינעם צימער. די פּאָדלאָגע איז אויסגעשמירט מיט אַ געלער פאַרב; אויך דער אויוון איז פונדאַסניי געקאַלכט פונקען פון מנוחה שוועבן אַרום אין דער לופטן. יום־טוב... דער טיש איז צוגעדעקט מיט אַ ווייס טישטוך. אויפן פענצטער הענגט אַ ווייסער פאָרהאַנג. דער טאַטע איז אין שול, און די מאַמע מיינע, אָנגעטאָן אין אַ לייַנען־קליידל, זיצט ביים טיש און לייענט מיט האַרץ דעם ספר „שמחת הנפש״. איר טרויער און האַרצוויייטיק וואָס זי איז נישט געגאַנגען אין בית־מדרש פאַרשווונדן ביסלעכווייז, און עס נעמט אויפשטראַלן אינעווייניק אַ פרייד צוליבן רעיון, וואָס געפינט זיך אין הייליקן ספר, אַז סאיז אַ גרויסע מצוה צו זיצן אינדערהיים און אַכטונג צו געבן אויף די קינדער. דער רבונו־של־עולם געפינט זיך אומעטום, וואו מע פאַרלאַנגט אים. אַסאַך אַגרעסערע עבירה איז, אַז די ווייבער קומען זיך צונויף אין גאָטס הויז און זיי פאַרברענגען די צייט מיט לשון־הרע און מיט קנאה... אָט למשל, ווי מרים די באַלע־

נאָסטע פון דער דירה, וואס איז מיטגעגאנגען מיט איר מאן מענדל אין שול אריין, און געלערנט צו קענען דאווענען אין סידור איז זי דאך נישט... וואסזשע דען איז דער צוועק פון איר גיין? —

איר אויפגערודערט געמיט ענדערט ביסלעכווייז איר שטימע, וועלכע ווערט טרויעריקער און הארציקער, וויינענדיקער און קלאָגנדיקער. זי טראכט ווייטער אריין וועגן דער שלעכטקייט פון מרים׳ן און וועגן דער גוטקייט פון די פיש, וואס זי האט געקויפט ערב יום־טוב, און זי לייענט די מעשה מיט דער מוטער פונם הייליקן תנא, זיין זכות זאל אונז ביישטיין, וועלכע האט געוואָלט אָפּוואשן די פיס פון איר זון דעם תנא און אויסטרונקען דאס וואסער...

פון אָנהויב זיץ איך אין אַ ווינקל און מיין קליינע גאל ווערט צעפלאצט: אלע מיינע בקשות, וואס איך האב געבעטן דעם טאטן מיך מיטצונעמען אין בית־מדרש אריין, זענען געווען אומזיסט. און איך קען דאך שוין קדושה און ברכות. און וואס איז, אז איך בין באָרוועס? איך האב, אמת, געפרובט אויסדריקן מיין פראָטעסט דורכדעם, וואס איך האב מיך ארויסגעגנבעט פון שטוב און בין נאָכגעלאָפן מיט א געשריי נאך מיין אוועקגייענדיקן טאטן—און איך האב מיך נישט אומגעקערט מיט גאָרנישט: איך האב געשפירט אויף מיר זיין האנט.

צים סוף ענדערט זיך מיין שטימונג. איך שטיי גיך אויף, רירעוודיק און זייער־זייער ערנסט גיב איך אַ כאפ דעם שטול, וואס אָן אַ ווענטל און שטעל אים אוועק אינמיטן צימער — אָט איז אַ „בימה״; מיט מיין מאמעס רויט טיכל וויקל איך מיך ארום איננאנצן — אט איז אַ טלית. און מיין טאטנס לאנג און שמאָל האלזטיכל וויקל איך צונויף ווי אַ ספר־תורה, נעם עס ארים, קוש עס, דריי זיך ארום דערמיט ארום דעם שטול מאכנדיק כסדר מיטן מויל „ניום־ניום־ניום״

און גיי מיר ארויס א מצוה-טענצל. איך האב מיר הנאה פון מיין וועלט!

די זון שיינט און צעשפרייט אירע שטראלן אויף אלץ. דער אביסל קאליעדיקער וואנט-זייגער קלאפט מיט א גיכ-קייט, וואס מאכט לאכנדיק. סאיז עלף אזייגער, די שעה ווען יידן גייען ארויס פון שול. מיין מאמע רייסט איבער דאס לייענען און שטייט אויף פון איר אָרט ברומענדיק „שלום געצל". זי גיט אטראכט וועגן אים און זי דערמאָנט זיך, אז ער האט זיך שטארק געעיסקט מיט זיין באָרד איידער ער איז געגאנגען דאוונען. ארום א האלבע שעה איז ער געשטאנען פארן שטיקל-שפיגעלע, וואס איז צוגעקלעפט מיט ליים צו דער וואנט. נישט ווילנדוק גייט זי אויך צו צום ארט, וואו סאיז דאָס אָפגעריבן גלאָז און זי פארריכט אירע האָר אונטערן שייטל. פלוצלינג דערשפירט זי מיך. אים מיט צערטלעכקייט צעגיסט זיך איבער אלע אירע אויסגעמאטערטע געזיכט-שטריכן:

— אוי, מיין טייערער חכם! אוי, מיין קלוגער בכור! אזא חכם איז דאָך אויף דער גאנצער וועלט נישטאָ.. דאס קינד וועט זיין א גרויסער תנא... אזוי נאָכצומאכן.. אָרעמינ-קער... אין שול ארייין האט ער געוואָלט... מיין טייערער... גוטער מזל מיינער... וויין נישט, קינד מיינס... דער טאטע האט דאך דיך געשלאָגן... דיין טאטע, נישט קיין אנדערער... באָרוּעסער, אָרימינקער... איצטער וועט דער טאטע קומען און וועט זיך דאן שפילן זיך... שפיל זיך מיין זון, שפיל זיך... מיר וועלן באלד עסן מיטאָג...

איך צעשפיל מיך נאך מער. און די מאמע, רעדנדיק צו זיך וועגן דעם, אז מדארף שוין זייער נויטיק קויפן שיכלעך פאר איר חכם, לייגט אויס די לעפל אויפן טיש, גרייט אלץ צו, קוקט זיך נאָכאמאָל איין אין שפיגל און זעצט זיך אוועק אויף איר אָרט.

פון ראָג געסל הויבט זיך אָן באווייזן א גרופע מענטשן.

דאס גייט מען צוריק פון שול; יידן איינגעבויגענע און אנגעזאָטיקטע מיט תענוג פונם חזנס זינגען, פון די מחלוקתן אין קלויז, פונם יום-טובדיקן העמד און פון דער פאַרשטייענדיקער סעודה, גייען און כאפן אזוי-זיך אַ שמועס; יונגעלייט-בעקלעך טראָגן זייערע אויסגעהאפטענע טלית-זעק אונטער די אָרעמס און שלעפן זיך נאָך נאך זייערע יונגע ווייבלעך, וועלכע זענען אויסגעפוצט מיט כלערליי צירונגען; פלוידערנדיקע ווייבער פארענדיקן זייערע געשפרעכן און צעזעגענען זיך, נאר תיכּף קומען זיי זיך ווידער צונויף און פלאַפּלען ווייטער צוזאמען ווי פריער, — סאיז זיי שווער זיך פאנאנדערצעשיידן און איינשטילן די צונג; דאַרע און קרענקלעכע קינדער טראָגן גראָבע סידורים אין די הענט. אַ הערלעכע מאַניפעסטאציע!

ביי אונז אין שטוב איז אַ ווארטנדיקע שטילקייט. מיין מאמעס אויגן זענען ארייגעטאן אין די פענצטער-שויבן, זיי בלאָנדזשען און זוכן. איר פנים דריקט אויס באאומרואיקונג און א מין האָפענונג, וועלכע הויבט זיך אן צו אנטוישן. סאיז איר שווער שלום-צו-מאכן מיטן געדאנק... זי האט זיך דאך אזוי פיל געמיט פון זיינעטוועגן, און אלץ איז איר, ברוך השם, געלונגען, אלץ איז אָפּגעבאקט און אָפּגעקאָכט נישט ערגער ווי ביי אלע יידן.

אבער ער ווייזט זיך נישט!

אט האט זיך מרים׳ס שטימע, ווי זי שמועסט מיט איר פריינדן. דער שמועס פליסט ווי א טייך. דער „צימעס“, די גבירטע... ראַטאָנדע... סוף כל-סוף גייט די פריינדן אוועק באגלייט מיט אַ שטארקן אָנזאג, זי זאל נישט פארגעסן צו קומען נאכמיטאג „מאכן א ברכה“... זי וועט וואָרטן!

און מיין טאטע איז נישטאָ.

אָט איז ר׳ שמעון שרייער, דער וואס פארשפעטיקט תמיד ארויסצוגיין פון שול, אויך ער גייט שוין דורך. די

גאס ווערט ליידיק. נאך א מענטש, וואס האט פּערשפּעטיקט, אָבער סאיז אויך נישט ער. מיין מאמע נעמט נישט אראָפּ איר בליק פון פענצטער, זי איז פארגליווערט. איך גיי צו צו איר, מיין באק רירט אָן איר מאָגערע באק. א טרער טראָפּן פאלט פון אירע אויגן אויף מיינע ליפּן און רינט אראָפּ...

מיין טאטע איז נישטאָ!

די טיר גיט א סקריפּע. מרים, באלאדן מיט איר נייע קלייד, און מענדל, אויסגעפּוצט אין הויכן צילינדער, קומען אריין מיט א גרויסן טומל. מיין מאמע איילט אריין אין זייער צימער. איך נאך איר.

— גוט יום-טוב אייך, מרים! גוט יום-טוב, ר׳ מענדל! מרים, איר ווייסט, איך האָב דאך נאך נישט געזען אייער נייע קלייד. אינדערפרי בין איך געווען פארנומען און אין בית-מדרש אריין גיי איך דאך ניש, ברוך השם; כהאָב נישט קיין שטאָט וואו צו שטיין דאָרטן... כמיין: איך האָב נישט אויף וועמען איבערצולאָזן מיין ירמיה... הם... טייערער שטאָף... טראָגט געזונטערהייט, מרים! מיין שלום-געצלען האט איר נישט געזען?

— אהא, חכמה, פאר שלום-געצלען ביסטו אומרואיק! — הויבט אן די פריינדן מיט א שטימע פון א לוסטיקער חכמתטע.

— זארג נישט, יהודית! — זעצט מענדל פּאָר זיין ווייבס חכמה — ער וועט נישט זיין הונגעריק, חלילה... ער איז גע-גאנגען צו קאָצינען מיט נאך א סך געסט...

— ר׳איז אוועקגעגאנגען?! — רעגט זיך מיין מאמע אויף און איר שטומע ציטערט.

— טאָ וואס איז?! — טרייסט זי מרים — מיך וואלט גארנישט געארט, ווען מיין מענדל גייט פון מיר אוועק און שלעפּט זיך ארום אין פרעמדע הייזער זוכן כבוד! זאל איך אזוי לעבן, ווי איך וואלט גארנישט געזארגט... זאל ער זיך גיין... און דו, גיי עסן מיטאג.

— וואס הייסט ! אן אים ! וואס איז, איך בין עפעס א גויע, כ׳זאל מיך אוועקזעצן עסן יום-טוב אָן אים ?.. אָ, די פיש וועלן פארפרוירן ווערן, זיי וועלן קאליע ווערן...

— זאל ער וויסן ! — טענהט ווייטער מרים...

און מיין מאמע קערט זיך אום און זעצט זיך אוועק אויפן פריערדיקן ארט. דעם „שמחת הנפש" לייענט זי שוין נישט. קיין ווארט לאָזט זי שוין נישט ארויס פון מויל. פון צווייטן צימער הערט זיך דאס קלינגען פון טעלער-לעפל און מרים׳ס שטימע, ווי זי שמועסט מיט איר מאן. איך, ציטערנ-דיק זיך א ריר צו טאן און א הויך ארויסצולאזן, הויב אויף די אויגן א מינוט צום פענצטער, א מינוט צו דער מאמען. איך בין באליידיקט פון דער עוולה, וואס מיין טאטע האט אָפּגעטאָן. מיין תּורהלע איז א פארלאזענע. סנעמט מיך שוין נישט קיין שום זאך צום שפילן. אונזער שכנטעס מיידעלע ברענגט מיר אריין איר פופע, כ׳זאל זי אויסלערנען „המוציא-מאכן", שטופ איך זי אָפּ מיט פיינטשאפט.

— גיי צו דיין מאמען !..

די שטילקייט הילט זיך איין אין דערשלאגנקייט, אין טרויער... — — — און א ביטערער שלאָף באפאלט מיך...

און פלוצים טרינק איך זיך אין א ים פון קושן :

— ירמיהלע, זון מיינער, תּנא מיינער, חכם מיינער... דו וועסט מיר מיינע אויגן פארלויכטן... מיט דיר דארף אין קיין זאך נישט... קינד מיינס — — —

## ג.

אין די שווערסטע און קאלטסטע ווינטער-טעג פלעגט דידאָזיקע אָרימע פרוי מיך פירן אין חדר אריין צו ר׳ ישראל דרדקי-מלמד אינם זעלבן קליינעם שליטעלע, וועלכן זי האט באנוצט אויף פירן קליידער צו וואשן צום טייך.

ר׳ ישראל, וועלכער איז שוין געווען זיכער, אז אין אזא קעלט וועלן זיך די תלמידים זיינע נישט צוזאמענקומען לערנען (די קינדער פון די באלעבאטים — זענען געצערטלט, און די קינדער פין די ארימצלייט—נאקעט), איז זיך געלעגן „ווי אַ קייסער" אויף דער לעזשאנקע פונם ווארעמען אויוון. צוליב זיין „באלעבאָסטע" — מיין מאמע—קריכט ער אראָפּ אן חשק, קראצט זיך און זאגט:

— א, אין אזא קעלט, אין אזא קעלט... אן איינשטעלע-ניש... מסירות נפש בפועל ממש... יא... איך זאג תמיד: יהודית!.. אויפגעהאדעוועט ביי ר׳ ברוכן, זכרונו לברכה... יאָ... איז אט הער, יהודית... איך זאג תמיד: „קיין זאך גייט נישט פארלוירן. קיין זאך איז נישט אומזיסט אויף אונזער וועלטל, איך זאג... יא... נאך עפעס זאג איך, יהודית: דו האסט נישט וואס מקנא צו זיין קאָצינען... ער נעמט פאר זיך א מלמד, ער צאלט פופציק רובל א חודש — און די קינדער זיינע זענען „גויים", חמורים, קענען קיין „עברי" נישט... וועמען דארף מען מקנא זיין? — דיר דארף מען מקנא זיין... און איך בין טאקי מקנא... הלואי, וואלט מיין עלטערל גע-

ווען א צענט-חלק פון דיין זון... און דו האסט נישט וואס מקנא צו זיין קאצינען... עשירות איז נארישקייטן... עט...

— פע... — מאכט מיין מאמע אן אָנשטעל און זי וויל נישט קיין רייכקייט און קיין קנאה — ברוך השם... איך זינדיק נישט.. אבער וואס, ר׳ ישראל, איז טאקי פאראן אַ האפענונג, אז איך מאַטער מיך נישט אומזיסט?..

אין דרויסן איז אַ חורבן: אַ קעלט, אַ זאַוויערוכע, אַ שניי. מיין מאמע שטייט אין אַ צעריסן זומער-קלייד; דאס וואַרעמע טוך, וואס אויף די אַקסלען, איז דורכגענעצט און געלעכערט. זי ציטערט פון קעלט און פון אַ אינצרלעכער אויפרודערונג. און אירע אויערן הערן זיך איין צו די מעשיות פון איר מלמדיכע (ר׳ ישראלס ווייב), וועלכע שפרינגט אונטער און שילדערט מיינע „מעלות״. דער מאַמעס אויגן פארגרעסערן זיך און ווערן פייכט און זי ווישט זיי אויס מיט די ברעגן פון איר פארשמוציקט קלייד.

דער ווינט ברומט, פייפט, שטורמט. און ר׳ ישראל, אינם ווינטער-שפאַנצער, שטייט און פילאָזאָפירט און פאַרטיפט זיך אין דער חקירה, אז קיין זאך גייט נישט פארלוירן אין אונזער וועלטל, אפילו נישט די קלענסטע זאַך. אלץ האט אן אָרט. אַלץ איז געוואוגן און געמאָסטן, אלץ איז פאָרויסגעזען...

— נו, יערמיק, — טרייסלט ער זיך ענדלעך פאַנאנדער — נעם נאָר דעם חומש, וועסטו זאָגן „תרגום״. זאָל דיין מאַמע הערן, זאל זי הערן... זי איז ווערט, זי זאָל האבן נחת פון דיר...

---

מיין טאַטנס באַציאונג צו מיר איז געווען אַן אַנדערע. קיין באַזונדערע ליבע-געפילן האט ער נישט געפילט צו מיר, און פונדעסטוועגן האט זיך זיין גאַנץ לעבן קאָנצענטרירט אויף מיר, כ׳מיין דערמיט צו זאָגן, איך בין ביז אים געוואָרן דער

איינציקער מיטל צו דערגרייכן זיין געזעלשאַפטלעכן אידעאַל. מיין אויסצייכענען זיך האָט אים געדינט אַלס אַ באַשיצונג פאַר די, וואס פלעגן אים וועלן אמאָל איינשטילן, ווען סהאָט זיך ביי אים דערוועקט דער חשק צו זאָגן אַ דעה; און געבן אים אַמאָל אַ שנעל איבער דער נאָז, ווען ער האָט זי גע־שטעקט וואו מ׳דאַרף נישט. ער איז דאָך עפעס דער טאַטע פונם „שטאָטישן עילוי״!

איך האָב, וואס אן אמת, געהאַט קעגנער. אַ סך האָבן אין מיר איינגעפונען פעלערן, וועלכע פלעגן מיין פאָטער שטאַרק אריינברענגען אין כעס און פלעגן דערפירן, ער זאל צו מיר אויסלאָזן זיין נקמה. אין בית־מדרש פלעגן די, וואס האָבן מיר מקנא געווען, פאַרמאַטערן מיט פראַגעס, פלעגן מיר אונטערלייגן שטרויכלונגען אויפן וועג, פלעגן מיך שטופן, טשעפן זיך צו מיר מיט רייד. אין פלוג איז דאס דאָזיקע פאַרטשעפן געקומען פון גוטמוטיקייט, אבער סהאָט אויך נישט געפעלט דערביי קיין שפּאָטישע, ספּעציעלע שנאה. מיין טאָטע פלעגט בעת מעשה שטיין נעבן זיי, ר׳פלעגט קוקן אויף מיר פון אַ זייט און וואַרטן, איך זאָל מיך אויסצייכענען מיט אַ קליגן־ווערטער־קאַמף, מיט אַ עגטפער פון אַ גרויסן, און דאס דאָזיקע וואַרטן זיינס פלעגט זיין באַגלייט מיט אַ נערוואַזיטעט, מיט אַ בייזער מינע; סהאָבן אים זייער טיף אָנגערירט מיינע גענג און מיינע אויפפירונגען, ווארום זיי האָבן געדאַרפט זיין די הערנער, מיט וועלכע ער זאָל שטויסן זיינע שונאים און קעגנער, און אז ער פלעגט זיך אין דערדאָזיקער האָפענונג אנטוישן פלעגט ער אויסגיסן זיין כעס אויף מיר, און דער „עולם״ פלעגט דערפון הנאה האָבן. די פראָסטע מאַסע און די אַמעראַצים פלעגן זיך צו מיר באַציען ווי צו אַ תלמיד־חכם: אַ קליינער יאָלד... און אונזערע בייכיקע און מיושבי־דיקע בין איך באמת נישט געווען געפעלן. אפילו מענדל, דער באַלעבאָס פון אונזער דירה, האָט תמיד ליב געהאַט

איפצוּווייזן מיין טאַטן, אז איך האב אַן אויסזען פוּן אַן אַלטן מאן, אז איך בין אַ בטלן אין וועלט-זאַכן, אַ מרה־שחורהניק, אַ משוּגעהדיקע בריה, אַן אמתדיקער טפש. מיין טאַטע פלעגט זיין אין כעס. ער האט געוואָלט הערן בלויז לויב. איך בין געווען זיין „לידל״ אוּמעטוּם, וואוּ ער האט זיך געפוּנען. ביי אים איז אויסגעקוּמען, אז אלע שטאָט־מענטשן האבן נישט קיין שוּם אַנדער געשעפט אַ חוּץ „זיין ירמיהון״. דידאָזיקע פאַנטאזיע זיינע האט זיך נאך פארשטארקט, ווען איך בין אַריבערגעגאַנגען פוּנם דרדקי-מלמדס חדר אין זיין חדר אריין, אוּן אין מיין זכות האט מען אים אָפּגעגעבן עטלעכע פוּן די בעסטע תּלמידים אין שטאָט. איך בין נאך דאַמאָלס נישט אַלט געווען קיין פוּלע זיבן יאָר. ויקרא, במדבר, האַלב ישעיה אוּן עטלעכע פוּן תּרי־עשר בין איך שוין געהאט דוּרכגעגאַנגען. דאס לייענען עברי איז מיר נאך אמת אָנגעקוּמען אביסל שווערלעך; דאָך האָט מיין טאַטע מיט מיר אָנגעהויבן לערנען די גמרא בבא־מציעא כדי זיך אויסצוּפּיינען, אוּן ער האט אַלעמען טויב געמאַכט מיט די מעשיות אוּן גוּזמאות, וואס ער פלעגט זיך אָנדערציילן:

— איר וועט גלויבן, ר׳ משה, ער האט דאך באלד אָנ־געהויבן פוּן „שנים אוחזין״ אוּן נישט פוּן „המפקיד״, סאיז אים דען עפּעס אַ נפקא־מינא?.. די מעשה איז אזוי... דעם ערשטן טאָג... „זה אוֹמר כּוּלה שלי וזה אוֹמר חציה שלי — זה נוטל...״, בקיצוּר, ער גיט מיך באַלד אַ פרעג דעם מהר״מס אַ קשיא, ווי איך בין אַ ייד... אָט דער קליינער!.. איך ווייס נישט וואס צוּ ענטפערן, ווי איך בין אַ ייד, אוּן ער לאָזט נישט אָפּ: פארענטפער אים די קשיא זיינע! כע־כע... איך קוּק נאָך אין די מפרשים, אַהער, אַהין—ערשט דער מהר״ם!..

פאַרבייגייענדיק גיט ער צוּ, אז ער האָט מיך אַוועק־געזעצט אין איין כּיתּה מיט יאַנקעלע, טאַקע דעם ר׳ משה׳ס זוּן.

דידאָזיקע באַמיאונגען זיינע און אויך מיין באַגער צו קריגן אַ גרויסן נאָמען האָבן ביסלעכווייז דערגרייכט זייער ציל. מיין פאָטער האט אָנגעהויבן פילן, אז פון איצט אָן האט שוין נישט קאָצין און זיינס גלייכן דאָס רעכט אים אָפּשטויסן מיט פאַראכטונג: „שלום געצל, מהאָט דיר שוין וויפיל מאָל געזאָגט, אז אַ מלמד דאַרף זיך נישט אַריינמישן אין אַזעלכע געשעפטן!״ — איצט איז ער דאָך שוין נישט קיין פשוטער מלמד. די גאַנצע וועלט ווייסט, אז ביי אים אין שטוב וואַקסן אין דער פאָרם פון אַ ווילדן און באָרוועסן יינגל צוויי טויזנט רובל נדן, אז דידאָזיקע יהודית, וואָס האט אַ געשטיפּלט פנים, באַדעקט מיט גרויסע פלעקן, האָט אַ געבענטשטן בויך, אַ קוואַל פון „עילויים״.

און אז ס׳פלעגט אים אַמאָל זיין גוט אויפן האַרצן און דאָס ג ל י ק פלעגט זיך אַריבערגיסן איבער אַלע ברעגעס און ארויסשפּאַרן אין דרויסן אַרויס, פלעגט ער קומען זיך טיילן מיטן גליק צו דערזעלבער יהודית, וועלכע פלעגט אין אַזעלכע מינוטן פאַרגעסן אירע אַלע יסורים און בזיונות און פלעגט פול ווערן מיט דאַנקבארקייט און נחת אָן אַ סוף. די פיס פלעגט ער פאַרלייגן איינעם אויפן אַנדערן, ר׳פלעגט זיך אָנשפּאַרן אויפן ווענטל פון שטול, פלעגט רעדן געלאַסן וואָרט ביי וואָרט און מיט פאַרגעניגן מאַריך זיין אינם דערציילן — וועגן זיין גרויסקייט און אָנגעזעענקייט: אז ער איז נישט קיין מלמד ווי אַלע מלמדים, ער איז אַ מלמד נאָר אין חדר א.ן אין דער וועלט איז ער אַ „באַלעבאָס״. דעם לעצטן יום-טוב איז ער געוועזן אויך ביים ג ב י ר אין שטוב.

— פאַרשטייסט, יהודית?

— איך פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי... וואס איז דאָ פאַראן צו פאַרשטיין?

— אַי, אַ יידענע בלייבט אַ יידענע!.. קענסט נישט פאַרשטיין... קאָצין האט דאָך געהאט אַ חנוכּת-הבית, האט ער

פארבעטן דעם רב, משה שמערלס, ר׳ צדוק דעם אייניקל, אלימלך דעם מלוה... כע, ישראל דרדקי-מלמד איז דאָרטן נישט געווען... און איך רוף מיך אָן אין אַ וויץ צו קאָצינגען: ר׳ נתן, זאָג איך, ר׳ נתן!.. — ... ר׳ נתן —

— וואָס זאָג איך דען?.. דו ווייסט דאָך, אז איך האָב דיר דאַמאָלס קיין וואָרט נישט געזאָגט, ווען דו ביסט צוריק־געקומען... סאיז נישט אין מיין נאַטור, ווי אנדערע ווייבער, ווי ד י, למשל (דער פינגער גיט אַ וויין אויפן צווייטן צימער, וואו סוואוינט מרים)... נאָר, פונדעסטוועגן, שלום געצל, פונ־דעסטוועגן... איך זאָל אזוי לעבן, ווי דו וואָלסט בעסער גע־טאָן, ווען דו קומסט צוריק גלייך פון בית־מדרש צו דיין ווייב און דיין שטוב... איך זאל אַזוי לעבן.. די גאנצע גוטסקייט איז ביי די גבירים?. סאיז ביי אונז, ברוך השם, נישט גע־ווען ערגער ווי ביי אַלע יידן... די יויך איז געווען ווי קריס־טאל... אַ גאנצע העלפט פון אונזער ראַבער הון איז דאָרט געווען... און דער קוגל, איז צעגאַנגען אין מויל... און אז נישט ווי ביי קאָצינגען — טאָ וואס איז? דאַנקען גאָט!.. דער עיקר איז דען צו זיין זולל־וסובא׳ס? וואס?

— „ווי ביי קאָצינגען״ — שפעט אָפּ מיין טאַטע און צע־קאָכט זיך—אַי, חכמה! הלואי זאל איך זען אויף אונזער ירמיה׳ס חתונה אַ העלפט דערפון, וואס כ׳האָב דאָרטן געזען!.. פרעג, וואס האט דאָרטן ג ע פ ע ל ט!.. אַלערליי געבעקס, — אַלערליי איינגעמאַכטס, אַלערליי פישן און פליישן, אַלערליי פארבייסנס!.. און די גבירטע האָט געשיינט מיט איר גאָלדע־נעם זייגער... יעדער מאכל, וואָס מהאָט געגעסן...

— בקיצור... — באַמערקט מיין מאַמע שטיל — פאר פרעמד געלט וואָלט איך אויך געווען אַ „בריה״ און איך וואָלט אויך געקענט אָנגרייטן און אָנבאַקן אַלץ...

— אַי! — פראָטעסטירט דער טאַטע מיט אַ מאָדנער באַ־

וועגונג, ווי ר'וואָלט זאָגן: זאָלסט נישט זיין קיין נאַר! ווענט האָבן אויערן... אַזעלכע רייד טאָר מען נישט רעדן !..

-- וואס זאָג איך דען ?.. איך זאָג נאַר... גוט, גוט וואס דו קומסט צווישן מענטשן, סאיז דיין פאַך אזאַ... אָבער אַלץ האָט אַ גרעניץ... ווען דו וואָלסט געקומען אין דער צייט, וואָלט מיין יום-טוב נישט פארשטערט געוואָרן... איך האב מיר גערעכנט: סוועט קומען יום-טוב, דער ליבער יום-טוב... וועלן מיר אלע זיצן ביים טיש... וועל איך אויך וויסן, אז סאיז יום-טוב ביי יידן... צי איז מיר טאַקי פאַרווערט צו האָבן אַ ביסל נחת אויף מיין וועלט ?.. און וואס איז געווען דער סוף... ביסט געקומען אין אָוונט... שיכור ווי לוט. ירמיה איז געזעסן אין אַ ווינקל ווי אַ פארזינדיקטער... סאיז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים... ער איז געזעסן, געזעסן — און אַנטשלאָפן געוואָרן...

— ירמיה! – געדענקט דער טאטע דעם עיקר -- אָט דאס זאָג איך דאָך טאַקי, אז דו קענסט נישט פאַרשטיין !.. קאָצין זאָגט: לחיים, שלום געצל !.. און ר' צדוק דער איניקל: לחיים, שלום געצל, וואס מאכט דיין קליינער ? און דער רב זאָגט: זה הקטן גדול יהיה !..

און ער צעגייט זיך אין מתיקות...

---

# ד

און נאָך אַלץ, אָדער, ריכטיקער, אַ דאַנק דעם אַלעמען, איז געוואָרן די השגחה פון מיין פאָטער אויף „זיין שטאַרקסטן זכות אין לעבן״ אַ שטאַרקערע און אַ שטרענגערע. ער האָט גע־נומען שאַרף אַכטונג געבן אויף אַלע מיינע טריט, אויף אַלע מיינע גענג; ער האָט מיר קיין רו נישט געגעבן...

ער פלעגט מיך האַרב באַשטראָפן אויף יעדן שריט, צו־ליבן מינדסטן וואָרט, צוליב יעדער מינע, וואָס איז אים נישט געפעלן. אַלע קוקן אויף מיר, אַלע אינטערעסירן זיך מיט מיר — און איך מוז אָפּציילן מיינע טריט, זיין ריין פון יעט־וועדן פלעק. נאָך עפּעס: ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט רק צו באַווייזן וואונדער, מבטל צו מאַכן מיט מיין אויסצייכענען זיך אַנדערע, אָבער איך טאָר דערביי חלילה נישט זיין אַנדערש ווי ס'איז אָנגענומען. איך מוז זיין גלייך צו אַלעמען — און זיי איבעריאָגן. ער פלעגט מיך רודפן אַלעמאַל: איך בין נישט אויפמערקזאַם אויף מיינע מלבושים, אַלעמאַל: איך בין אַ פאַר־טראַכטער. דאָס דאַרף מען נישט!..

אין חדר בין איך געווען דער שעיר לעזאזל פאַר די זינד פון די באַלעבאַטישע קינדער, אויף וועלכע מיין טאַטע האָט מורא געהאַט אויסצולאָזן זיין כעס. הירשקע דעם גבאיס זון קען נישט דעם וואָך־שיעור, אָבער ער האָט אַ מאַמע, וואָס רופט זיך „שימקע קאָזאַק״; דערפאַר פאַלט אויף מיין קאָפּ דער נקמה־ברען אין דער פאָרם פון אַ רעגן קלעפּ.

אין בית־מדרש האָט זיך פון מיר געפאָדערט, כ׳זאָל אַרויסווייזן סימנים פון גרויסקייט און אָפּגעזונדערטקייט. כ׳האָב מיך איינמאָל באַנאַרישט און נישט אויסגעהערט פון חומש דאָס לייענען פון אָנהויב ביזן סוף — און שוין שטייען אַלע און האָבן פאַרגעניגן פון דער סצענע, ווי דער טאַטע מיינער, פול מיט פאַנאַטישן גרימצאָרן, לערנט מיך מיט דער פויסט גאָטספאָרכטיקייט. די יינגלעך אַרום לאַכן אויפן קול, און איך שטיי אַ פאַרשעמטער און באַליידיקטער. איך בין אינגאַנצן באַלייגט מיט בלוטזויגערישע פּיאַווקעס...

מיינע חברים פלעגן זיך תמיד פרייען מיט מיין אומגליק, זיי פלעגן ליבהאָבן זיך מיט מיר צו רייצן, אַ שטאָך געבן, אָפּשפעטן פון מיין אויסזען, פון מיין גאַנג, פון מיינע תנועות, וואָס איך אַליין האָב זיי מיר פאַרעכנט פאַר אַ גרויסן פאַרברעכן. מפלעגט מיר געבן כלערליי מיאוסע צונעמענישן: „זיידע“, „אַלטער בטלן“... איך בין געווען אַ „נישט זייעריקער“ אַ פרעמדער, איינער, וואָס מישט זיך נישט אין זייערע אַרומיאָגענישן און שפּילערייען. און שרייבנדיק דידאָזיקע פראַגמענטן, דערוואַכן און לעבן־אויף ביי מיר אין זכרון אַ סאַך בילדער פון אונזערע מלחמות און קריגערייען, אָדער, ריכטיקער. בילדער פון זייערע „רדיפות“, וועלכע זענען געווען פול מיט אַ ביטערער קינדערשער אכזריות...

דאַן האָט זיך ביי מיר באַשאַפן, ווי געוויינלעך, יענע פאַרבאָרגענע גאווה, די באַגראָבענע, די קרענקלעכע, די פּייניקנדיקע, די גאווה וואָס איז צוזאַמענגעמישט מיט אַ שרעקלעכער ברענענדיקער קנאה: „אַ וודאי! זיי זענען „גויים“, זיי ווילן שוין אויף אייביק פאַרבלייבן דאָ, זיי וועלן זיין אַזעלכע פּשוטע קרעמערס, ווי זייערע טאַטעס... אָבער איך?.. איך וועל פאָרן אין דער ליטע, אין אַ ישיבה... איך שטייג איבער זיי אַלע!..

מיין קליינער אין מיר איז זיי מקנא — זיי די פריילעכע, די שיינע שפּילערס, און זיין צווייטער קליינער חבר האָלט

זיך גרויס לגבי זיי, קלאַמערט זיך אין זיין שטאָלץ און שטאַרקט אים: „איך וועל דאָך זיין... נישט גלייך צו זיי! מיך הייסט מען, איך זאָל מיט זיי איין חזרן, איך בין דער בעסטער אין חדר, דער מתמיד"...

מיין באַגער צו לערנען איז, אמת, געווען אַ נאַטיר־לעכער אין אַ געוויסער מאָס, ר'איז אַרויסגעפלאָסן פון מיין ערנסטן, רעליגיעזן כאַראַקטער; אָבער די הויפּט־סיבה דערצו איז געווען מיין יאָגן זיך נאָך לויב, מיין באַמיען זיך צו קריגן אַ נאָמען —

„לערנען"!.. די למודים זענען געווען די פּרטים פון בוי פון בית־המקדש, דינים פון קרבנות און נגעים מיט לאַנגע „רשי'ס", פאַרדרייטע און אומפאַרשטענדלעכע פּסוקים פון ספר איוב, אויסטערלישע סוגיות, אָן שרייבצייכנס, געלערנט אויף אַ משוגנהדיקן זשאַרגאָן...

איצט, פאַרשטייט זיך, איז מיר אוממעגלעך אַריינצו־דרינגען אין תוך פון מיין גייסטיקן צושטאַנד אין יענער צייט. איצט דאַכט מיר, אז מיין התמדה איז תמיד געווען אַן אוי־סערלעכע, פאַר לייטן־וועגן בלויז: די ליפּן פלעגן זיך באַוועגן און די מחשבות מיינע זענען געווען ווייט פון די „צרעת מיט די נגעים". אָבער סקען זיין, אז איך האַלט אזוי, נאָר דערפאַר וייל מיר איז איצט אוממעגלעך צו פאַ־שטיין די מעגלעכקייט פון קייען מיט איבערגעגעבנקייט דאס דאָזיקע גאַנצע שטרוי, און איך פארגעס דעם כּוח פון דער השפּעה פון דער סביבה, דעם כּוח פון געוואוינשאפט — און דעם כּוח פון דער כינע־זישער מויער, וואס דריקט אויף אַ יונג קינד.

סאיז דאָך, אמת, נישט אלץ געווען אָן אַ טעם און אָן אַ זין. סאיז געווען אויך אַ ביסל שפּייז פאר מיין נשמה. די בראשית־מעשיות פון דער וועלט־באַשאפונג... וועגן די ריזן... ווי אברהם ווערט אַריינגעוואָרפן אין קאַלכאויון צוליב זיין יידישקייט... ווי יעקב ראַנגלט זיך מיט עשיו'ס שר... ווי די

יידן ווערן אויסגעלייזט פון מצרים דורך משהן... און אפילו די אלע טרוקענע געזעצן פארמאָגן דאך אויך אַ ווערט פון תורה. אַלץ איז דאָך געגעבן געוואָרן משהן אויפן באַרג סיני; אלע ווערטער וואס אין אלע ספרים, ווי אין די אַמאָליקע אזוי אין די לעצטע, אלע תגין, אלע פינטעלעך, אלע אותיות, וואס אין דער הייליקער תורה, — אלץ איז דאָך הייליק און פּאָרכטיק, אלץ איז פול מיט שרעקלעכע סודות און מיט טיפע געהיימנישן, אין אַלץ געפינט זיך די גאנצע חכמה פון דער וועלט, אלע פארשיידענע מדרגות, וואס דער מענטש קען דערגרייכן... דאס איז אַלץ!.. און ווי גליקלעך און ווי אויסגעצייכנט זענען יענע, וועלכע האבן זוכה געווען דערמאָנט צו ווערן אין דער תורה גופא! עשיו, לבן, בלעם — אפילו דידאָזיקע רשעים האָבן דאָך עפעס אַ ספּעציעלן, גראַנציעזן אויסזען, אפילו זיי האָבן דאָך עפעס פליגלען!

מיין באַציאונג צו דער וועלט איז געווען דער סימבאָל פון ערנסטקייט. אַלץ האָב איך באַטראַכט מיט דער גאַנצער טיפקייט פון מיין נשמה, וועלכע איז תמיד געווען אָפן, גרייט אויפצונעמען איינדרוקן. יעדער קליינער שינוי אַרום מיר, יעדער קליינער פאַקט האָבן אין מיר דערוועקט מחשבות. די וועלט — איז אַ פּאָדערהויז, וואס איז שווער דורכצוגיין צוליב דער שרעקלעכער מלחמה, וועלכע מ׳מוז דאָ פירן מיט דער טומאה, מיט דער קליפה, מיטן יצר־הרע. דער מענטש — איז אַ זעלנער. אַלע הייליקע ספרים, וועלכע זענען פאַראַן פיל אָן אַ צאָל, לערנען וויאזוי אלץ מנצח צו זיין און אַריינצוקומען אין פּאַלאַץ אַריין. די מלחמה־סטראַטעגיע—דאס זענען די מצוות.

אָן מצוות האָב איך מיר גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן דאס לעבן בכלל. איך פלעג האָבן גרויס רחמנות, ווען איך פלעג טרעפן עפעס אַ „גוי". ווי אומגליקלעך איז דאס דאָזיקע באַשעפעניש! עס מאַטערט זיך אָן אַפּרוּ, עס זייט, שניידט,

אַרבעט, פרעסט, זויפט, און מן־הסתם פעלן עס קיין צרות אויך נישט, און סוף־כל־סוף וואס? צום סוף שטאַרבט עס — און אַלץ איז פארשוואונדן ווי מיטן רויך. אנדערש איז מיט דעם ייִד, מיט אַ גוטן ייִד, אַ ייִד „בבחינת מוח״, וואס די גאנצע וועלט איז באַשאפן געוואָרן פונזיינעטוועגן, וואס ער איז דער איינציקער צענטראַלער פונקט, וואס זיין גאַנץ לעבן איז מכוון בלויז צו טאָן דעם ווילן פון זיין באַשעפער און זיך מתדבק זיין אין אים... דער צדיק איז דער תכלית פון דער וועלט. גאָט, ברוך הוא, האט איינגעזען, אז צדיקים זענען פאַראן ווייניק, האט ער גענומען און האָט זיי פאַרפלאנצט אין יעדן איינציקן דור. און איך, נו, ווען איך, למשל, וואָלט מיך באַמיט צו זיין אזא צדיק ווי ר׳ נחמן בראסלאָווער?.. ניין, ווייזט אויס, אז מדארף געבוירן ווערן אַ צדיק, מדארף ארויסקומען אויף דער וועלט האָבנדיק אַ גרויסע נשמה... אַי, מיר לערנען דאָך: „הכל בידי שמים, חוץ מיראת שמים״? איז דערפון געדרונגען, אז דער מענטש איז אַ בעל־בחירה און אפילו א קנעכט און א דינסט קענען דערגרייכן צו דער מדרגה פון משה רבינו — — — האַ?

דער עיקר איז, א מענטש דארף זיין אן עָניו, ער דארף זיך שעמען פאר זיין באשעפער, ער דארף געדענקען, אז ער איז אַ ווערמל, אז ער קומט ארויס פון א טפה סרוחה, אז ער איז אן ערדישער גוף... און דערדאָזיקער געדאנק האט זיך ביי מיר באַזעצט צוזאמען מיט דער אמונה, אז דער מענטש איז דער אויסדערוויילטער פון אלע באשעפענישן, דער מלך פון דער נאטור, די קרוין פונם באַשאף. ער האט געטאָן איין מצוה — און ער האט אריבערגעוואויגן זיך און די גאנצע וועלט לכף זכות — — —

די וועלט האט זיך ביי מיר פאָרגעשטעלט אין דער געשטאלט פון דער יידישער אומה. מחוץ פון איר האט גאָרנישט עקזיסטירט. סזענען, אמת, פאראן נאך אומות, די אומות

העולם, און יעדע אומה האט איר שר דאָרטן, אין דער פמליא של מעלה, און אוודאי האט דער רבונו של עולם אויך עפעס מיט זיי צו טאָן, אָבער לגבי יידן זענען זיי גאָרנישט מיט נישט, וואָרום זיי האָבן דאָך נישט קיין תורה און קיין מצוות און ממילא — קיין לעבן אויך נישט. אמת, זיי האָבן דאָרטן זייערע פארשיידענע „לשונות", און א סך פון די „גויים" פארגעמען זיך מיט חכמות, מיט חכמות חיצוניות, אָבער זיי זענען קיינמאָל נישט דערגאנגען, און זיי קענען נישט דערגיין צו יענער חכמה, וואס מיר געפינען, למשל, אין „מהר"ם שיף", אין „פני יהושע". דער „ערבי נחל" אָדער דער אלשיך, למשל, זענען דאָך בלויז מפרשים פון די פינף חומשים, — טאָ גיב א קוק זייער גרויסקייט: זיי נעמען און פרעגן הונדערט קשיות אויף איין פסוק, ברענגען דרייסיק מאמרי חז"ל, וואס האָבן אין פלוג קיין שום שייכות נישט מיט דעמדאָזיקן פסוק, ברענגען נאך עטלעכע הקדמות און פלפולען זיך אָפּ עטלעכע זייטלעך ביז פון אלע קשיות בלייבט גאָרנישט. און דאס קרומע ווערט אויסגעגלייכט. געפינען זיך אין די נארישקייטן פון די „גויים" אזעלכע זאכן ?„

און אז איך פלעג איבערגיין פון דער „חכמה" צום אונטערשייד וואס צווישן די גויים און צווישן יידן אין גאָט־זאכן, פלעג איך מיך נישט ווילנדיק דערמאָנען אָן מיינע חברים, די יינגלעך, וועלכע טראכטן אויך נישט אריין אין אזעלכע זאכן. זיי זענען פארנומען מיט זייערע נארישע טו־עכצער, מיט די אומזיניקע שפילערייען, און איך... איך קלער נאָך וועגן מיין אויפפירונג, איך טראכט וועגן זין פון דער וועלט, איך קלער אריין אין מיין באשעפער, איך... איך... בכן, הייסט עס, אז איך האלט מיך גרויס ? אוי, שוטה, רשע, גראָבער יונג ! דו האלטסט זיך גרויס אנטקעגן זיי ? דו ביסט דען בעסער פון זיי ? דו ביסט דען זיי נישט מקנא און דו ווערסט גאָרנישט געשטרויכלט מיט פארשיידענע זינדיקע

מחשבות? דו ביסט דען נישט פול מיט אלע שלעכטע מידות? און וואס האסטו אויפגעטאן? צו וועלכער מדרגה ביסטו דער־גאנגען? דו ביסט דאך ערגער פון זיי: זיי ווייסן נישט, זיי טוען עס נישט גערנווילק, אבער דו ווייסט דאך יא וועגן לעבן פון יענע אלע פרומע לייט, די הייליקע און גרויסע — קענסטו זיך דען גלייכן צו זיי? שוין אפגערעדט וועגן די תנאים, אמוראים, און די גרויסע מענטשן וואס אין די מדרשים און אינם זוהר, נאר אפילו דער „אוהב ישראל", דער של"ה הקדוש אדער דער מחבר פון „יסוד ושורש העבודה"... אט דאס זענען צדיקים. . און דו... דו—ביסט גארנישט!

מיט דער געוואלדיקער גרויסקייטפון דידאזיקע צדיקים, די העלדן, האב איך באוויזן זיך צו באקענען אין דער פרייער צייט. ווען איך פלעג קומען אין בית־מדרש אריין א ביסל פארן דאווענען, פלעג איך אריינקוקן אין ספרים. איך האב געוואוסט ווי גרויס עס איז די זינד פון ביטול־תורה. אלימלך מלוה, וועלכער איז דאן געווען איינער פון די אנגעזעענע און חשובע יונגעלייט, פלעגט ליבהאבן מיך צו פאר־מאטערן מיט גימטריאות, מיט נוטריקון'ס און פארשיידענע מראי־מקומות, וועלכע זענען געקומען א דאנק דרוקפעלערן אדער צו־ליבן פעלן פון שרייבצייכנס. ער פלעגט זיי אויסזוכן מיט גרויס טאלאנט און פלעגט זיי געפינען אין „חזקוני", אין „מאור עינים" אדער אין „טור ברקת".

ווען מיין גייסט האט זיך נישט צופרידנגעשטעלט, בעוונותינו הרבים, מיט די פארשיידענע לימודים, מיט וועלכע סהאבן מיך געשטאפט מיינע לערערס און רביים, מיטן גאנצן הארצן, — מיט „הלכות נדה ומקואות" וואס אין יורה־דעה, וואס סהאט מיך געלערנט ר' חנן־נתן, דער רב פון שטאט, — האב איך גענומען זוכן נאך ספרים. איך האב געלייענט אלץ, וואס ס'איז מיר געקומען אין האנט אריין. אביי מיט רבא'ן דאס איז א באזונדערע זאך; דאס איז א וודאי דער עיקר; דאס איז

אַ וודאי דער עיקר; דאס איז די תורה, וואס שוואַכט אָפּ דעם מענטשנס כּוח מיט איר שווערקייט; זיי דאַרף מען פאַר־שטיין מיט אַ טיפקייט שבטיפקייט; מיין חוב איז זיי צו חזרן אָן אַן אויפהער; ביי זיי טאָר איך מיך נישט אָפּנאַרן, — אַ חטא, וואס איך האָב, צום באַדויערן, ביי מיר אַנטדעקט, אז צייטנווייז היפּער איך איבער אַ סך ווערטער מיט איין מאָל און איך קוק מיך נישט גוט איין אויף דעם אָדער אנדער פּינ־טעלע: אַרויסנאָרן זיך פון זיי אָדער אינגאַנצן זיי פאַרלאָזן — איז נישטאָ קיין גרעסערע שאַנדע דערפון; אָבער „דברי אַגדה": מדרש, „עין־יעקב", „ראשית חכמה", „שבט מוסר", „מנורת המאור", „שם הגדולים", די מפרשים פון דער תורה און אלע ספרים ווי, למשל, „בחינת עולם", „מוסר השכל" א. א. וו. וועלכע איך האָב געפונען אין ר' ברוכ'ס, עליו־השלום, ירושה און אין אונזער בית־מדרש און וואָס איצט האָב איך שוין אפילו זייער נאָמען פאַרגעסן, — דאָס אַלץ איז אַ באַזונ־דער זאַך.

יאָ, מיין אויפגערודערטער גייסט האט געזוכט, געשטרעבט, געוואַרט אויף עפּעס, ער האָט זיך אומבאַוואוסטזיניק באַטיי־ליקט אין דער צרה פון דער שלעכטער, פאַרגייענדיקער וועלט, וועלכע איז פול מיט נאַרישקייטן און וועלכע וואַרט אויף משיחן און אויף דער גאולה. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס לעבן איז ווי אַ לאַנגער קאַמף, אז עס פארלאנגט אויסבעסע־רונג, לייטערונג און אומקערונג צום מקור, ס'הייסט, ביטול היש; איך האָב אויך אַ גאָט פאַרמאָגט, אַ קלאָרן און פעסטן גאָט, מיט וועלכן איך האָב געהאַט געוויסע חשבונות, געוויסע זאַכן — און איך האָב אים אַרומגעזוכט. לעבן האָב איך געזוכט, לעבן און גאָט.

נישט איינמאָל האט זיך אויף מיר אויסגעגאָסן מיין טאַטנס צאָרן צוליב מיין „געמיינער געוואוינהייט" אַרומצו־קריכן אַרום די אָרימעלייט, וועלכע פלעגן קומען אין די

שטעטלעך מיט פעקלעך ספרים און מעשיות אויף העברעאיש און זשארגאניש, ווען זיי פלעגן אויסשפרייטן זייער סחורה אויפן טיש, וואס לגבן בית-מדרש-אויוון. אלע זיינע אנרייסנס ביי די אויערן און די שטויסן אין פלייצע האבן מיך נישט אפגעריסן פון יענע קופעס דערציילונגען, מיט וועלכע איך האב מיך אייגנטלעך געשעמט צו עוסקן, איך פלעג מיך באשולדיקן פארוואס איך גיב זיך אפ מיט נארישקייטן און נישט ערנסטע זאכן, און גלייכצייטיק פלעג איך זיך שעצן גליקלעך, ווען ספלעגט זיך ביי מיר געפינען — עפעס א צופאל — א קופערנער גראשן צו באצאלן דעם מוכר־ספרים לייענגעלט. די איבעריקע טעג פלעג איך בלויז שטיין און קוקן אויף מיין הארץ-באגער מיט א סך בענקשאפט און מיט דעם וויטיקדיקן באוואוסטזיין, אז מיין גליק איז נישט ביי מיר אין די הענט. אויך די קליינע דערציילונגען פון שמ״רן און זיינע „תלמידים״: „המנס מפלה״, „געלט פאר פעטש״, „דער ישיבה-בחור״ און נאך א סך אזוינע, פלעגן מיר דערקוויקן דאס הארץ. סאיז איינמאל אפילו דער-גאנגען דערצו, אז איך האב נישט צוגעגרייט דעם שיעור! סאיז מיר אונטערגעקומען די מעשה מיט שבתי-צבי ימח שמו. ר׳ חנן-נתן האט גארנישט געוואוסט פון אלע מיינע יסורים צו-ליבן בראך פונם „פארשטויסענעם הירש״ און צוליב דעם, וואס די זאך איז נישט געלונגען, און ער האט בשום אופן נישט פארשטאנען ווי האב איך פארגעסן צו פארענדיקן די סוגיה (כ׳האב דאמאלס געלערנט מסכתא כתובות), וועלכע האט אזעלכע טייערע „מהר״ם שיף״ן און וועלכע איז נוגע די הלכה פון יורה-דעה, וואס מיר האבן יענעם טאג געלערנט, צוליב א נארישער מעשה. א בחור א בר-דעת!..

---

## ה.

איך בין דאַמאָלס אַלט געווען אַ יאָר צען, דער קלענס-טער צווישן ר׳ חנן-נתן׳ס תלמידים. די „שכירות״ פון אונזער שטאָט האט נישט גענוגט פאר איר רב, האט ער זיך דעריבער אויך פערנומען אַ ביסל מיט בכבודיקער, רבנישער מלמדות. זיינע תלמידים זענען געווען די קינדער פון די עשירים פונם שטעטל, תלמידים צוליב אָנזען און נישט צוליב לערנען, און מער ווי זיי פלעגן זיין באַשעפטיקט מיטן סדר-נשים פון ר׳ חנן-נתן, פלעגן זיי זיך באַשעפטיקן מיט די דריי טעכטער פון ר׳ צבי גלותזאָן, וועלכער האט געוואוינט אין „שכנות״ ביי אונזער רבין אין שטוב. ר׳ צבי גלותזאָן, וועלכער איז געווען אַ שוואָגער פון משה שמערלס, איז געווען דער פעטער פון יעקבן, אָט דעם משה׳ס זון, און דערדאָזיקער יעקב איז אויך געווען צווישן דעם רבס תלמידים. די דערמאַנטע דריי טעכטער האָבן געהאט מיידלעך-פריינדנס, און די צאָל פון די העלדנס איז געווען נישט ווייניקער ווי די צאָל פון די העלדן. אָטא דער „מגע-ומשא״ איז געווען פונם אָנגענומענעם מין אין די פראָווינץ-שטעט: מען קומט זיך צונויף און מען פאַרברענגט די צייט מיט הוליען, מיט רכילות און מיט ראַנגלען זיך. און דידאָזיקע שפיל איז געווען נישט אָן ליבע-קאָנפליקטן. יעקבס הארץ, למשל, האט געצויגן צו דער יינגס-טער פון די דריי טעכטער, און אין האַרץ ביי עובדיהן, דעם רבס זון אַליין, איז געווען אַ „סימפּאַטיע״ — כ׳האָב שוין פאַר-

געסן צו וועמען... דאַכט מיר... ניין, אויך צו דער ייִנגסטער.
דאָס איז געווען אַ באַליבט מיידל, מיט קאַרשן-ליפּן, אַ הויכע
ברוסט און אַ מויל פול מיט קלינגענדיקן געלעכטער. אָבער
דאָס האָט נישט צו דער זאַך. מיין הויפּט-כוונה איז געווע
צו פאַרצייכענען, אַז איך, וואָס בין ווייט און דערווייטער זיך
פון אַזעלכע סצענעס, האָב מיך געשעמט פאַר זיי ביז דער
טיפעניש פון מיין נשמה. — בכלל, איז מיין באַציאונג צום
אַנדערן געשלעכט תמיד געווען אַ נישט-פרייער און אַ שעמעוו-
דיקע. פון מיין קינדהייט אָן איז דער אויסרוף: „מיט אַ מיידל!"
געווען די גרעסטע חרפה. אַז איך בין אויסגעוואַקסן זענען
אויך געוואַקסן מיין דערווייטערונג און מיין שעמעוודיקייט פאַר
פרויען, — אַ דערווייטערונג און אַ שעמעוודיקייט, וועלכע זענען
געווען דער עקסטרעמסטער קעגנזאַץ צו קאַלטקייט און רייג-
קייט. מיין כאַראַקטער איז תמיד געווען אַ פלאַמיקער ביז גאָר,
אָבער איך האָב גלייכצייטיק געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז
מיין געשטאַלט, מיין קול און מיינע באַוועגונגען זענען שווער
צום איבערטראָגן פאַר אַ חוהס טאָכטער: זיי לאָזט באַלד אַראָפּ
אירע ברעמען און ווערט שווייגעוודיק, כמעט טרויעריק. אַז
איך פלעג אַמאָל דערהערן הינטער מיינע פּלייצעס דעם היל-
כיקן געלעכטער פון אונזער רבינס שכנס טעכטער, פלעג איך
אים תמיד נעמען אויף מיין חשבון, און ספּלעגט אויך טרעפן,
אַז מיין געקרענקטער אייגנליבע פלעגט זיך אויסדאַכטן און זי
פלעגט אויפכאַפּן אַ געלעכטער פון דער לופט... די ליידן, וואָס
איך האָב דערפון געליטן זענען געווען פאַרבאָרגענע, פאַר-
גראָבענע אין די טיפענישן פון מיין נשמה און זיי פלעגן באַ-
שאַפן נישט-גוטע געפילן. איך האָב קיינמאָל נישט שלום-גע-
מאַכט מיט זיי. ליידן צוליב „גלות השכינה", צוליב דעם,
וואָס „ירושלים של מעלה איז אין געפענגעניש", צוליבן „שאור
שבעסה" — דאָס איז נישט שלעכט, דאָס זענען יסורים של
מצוה. אָבער ליידן צו ליבדעם, וואָס מיין „שמוציקער חומר-

איז נישט גלייך אין זיין אויסזען צום שיינעם אויסזען פון אַ פריציש זינדל, צוליבדעם, וואס „מיינע האָר זענען נישט געקרייזלט, כדי דער בער זאל זיך אויף מיר אָנרייצן״; ליידן צוליבדעם, וואס איך קען מיך נישט איינקוקן אינם קליינעם פינגערל פון אַ פרוי, כדי מיין לעבן זאָל ווערן פאַרשניטן פון דער וועלט — אז אָך און וויי צו מיר!.. וויאזוי וועל איך קענען מיין קאָפּ אויפהויבן פאר מיין באשאפער? צי פאסט דאס פאר אזא, וואס האלט מלחמה מיט דער קליפה? אדרבה, איך דארף מיך דאָך פרייען, וואס איך פאַרמאָג אן אָפּהאלט פאר מיין יצר-הרע און פאר מיינע תאוות. אמת, אַוודאי וואָלט בעסער געווען, ווען איך בין יאָ מסוגל צו זינדיקן און שטארק זיך און בין מנצח, נישט אזוי ווי איצט... אָבער, נאָכאמאָל, אָך און וויי צו מיר, רשע גמור! איך ווייס דאָך יאָ, אז איך באזיץ נישט די מידה פון יענעם צדיק, וואס אין דער מעשה מיט דער „מטרוניתא״; איך האב דאך אפילו קיין כוח נישט צו האלטן דעם אָפּמאַך, וואס איך האב וויפיל מאָל מיט זיך אָפּגעמאכט איך זאָל נישט קוקן אויף קיין מיידל; איך בין דאָך אין דער בחינה פון איינעם, וואס טוט תשובה און זינדיקט באלד ווייטער, ווארום וויפל מאָל האב איך געוויינט מיט ביטערע טרע־ן ביי „תפלה זכה״ און האָב אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס זיך צו דערווייטערן פון דער זינד — פון דער באַוואוסטער זינד — און איך האָב נישט אויסגעהאלטן דעם נסיון... איז אַזא שווער-זינדיקער מענטש, ווי איך בין, קען נאָך האָבן טענות און תרעומות צו זיין באַשעפער, אַלעמאי ר׳האט זיך אויף אים מרחם געווען און האט אים באַשאפן אַ מיאוסן! און בכלל, ווי שעם איך מיך נישט זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע מינדערווערטיקע זאַכן?.. אויף יענער וועלט וועט מען מיך פרעגן וועגן מיין תורה, וועגן מיינע מצוות און נישט וועגן אויסזען פון מיין נאָז! — — —

איך ווייס עס אליץ — און פאַרבאָרג פון מיר אַליין מיין

לינד... איך ווייס עס אַלץ — און מיינע אויגן פאַרגנבענען זיך, קוקן זיך איין, בלאָנדזשען ארום... איך ווייס עס אַלץ — און מיין האַרץ צעגייט אין מיר, ווערט צעריסן, וויינט...

דערדאָזיקער קאַמף, וועמענס שילדערונג פאַרמאָגט שטריכן, וועלכע פאַרוועבן זיך נישט אין ווערטער, און ברעקלעך פאַקטן, וואָס לאָזן זיך נישט באַשרייבן, גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים אין מיין גאַנץ לעבן. די יאָרן פון מיין וואַלגערן זיך אין די בתי־מדרשים, פון מיין עסן „צדקה ברויט" ביי פרעמדע טישן האָבן נאָר געקענט נאָך פאַרשטאַרקן מיין נישט־פלינקייט, מיין אומאָנגענעמלעכקייט, מיין מיאוסקייט, שעמעוודיקייט און אָפּגעזונדערטקייט. עס האָט זיך אויך גאָרנישט געענדערט, ווען איך בין אַרויס פון דאָרט „אין דער וועלט אַריין", ס'הייסט זיך צו וואַלגערן אין טונקעלע וואוינונגען אַלס הונגערנדיקער העברעאישער לערער. סהאָט זיך ביי מיר נישט געענדערט דאָס נישט אַכטונג געבן אויף מיין אויסערלעכקייט און אויף מיין קליידונג, אַ זאַך, וואָס די ישיבה האָט ביי מיר אַנטוויקלט ביזן עקסטרעם. סהאָט אפילו געדויערט אַ לאַנגע צייט און איך האָב מיך נישט אָפּגעזעגנט מיט מיין לאַנגער קאַפּאָטע. איך האָב, אמת, פאַרשטאַנען, אַז „אַן אייראָפּעאישער מענטש דאַרף טראָגן אייראָפּעאישע קליידונג", אָבער מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך וועל האָבן נאָך אַ קאָמישערן אויסזען, ווען איך וועל ענדערן מיין קליידונג. עס האָט זיך אויך נישט געענדערט מיין געדאַנקענגאַנג וועגן שיינקייט, און ערשט ווען ביידע צדדים אין מיר פלעגן זיך פריער באַנוצן מיט פסוקים, מיט מאמרי חז"ל און מיט שטיקלעך פון ספרי־דרוש, פון מוסר־און חקירה־ספרים, פלעגן זיך דערנאָך שטעלן איינער קעגן אַנדערן: דער הערשנדיקער גייסט אין טורגעניעווס ראָמאַנען און אין פושקינס און לערמאָנטאָווס לידער פון איין זייט, און די אַרטיקלען פון פיסאַרעוו, שעלגונאָוו און זייצעוס־גלייכן, די אפילו קענער פון דער עסטעטיק אין די זעכציקער

יאָרן, פֿון דער צווייטער זייט. איך פֿלעג האָבן אַ שטאַרק פֿאַר-
געניגן לייענענדיק די זאַכן פֿון די לעצטע. זייערע געשרייען
זענען געווען אַ באַלעבונג-טוי פֿאַר מיין צעבראָכן האַרץ. יאָ,
די דאָזיקע זאַך טאָר נישט ווירקן אויף מיינע לעבנסבאַדינ-
גונגען. איך בין אַ קלאָרער מוסטער פֿון דער אנשויאונג פֿונם
יידנטום. דער עיקר איז די גערעכטיקייט און נישט די שיינ-
קייט. עס האָט נישט קיין שום ווערט די אויסערלעכע שיינ-
קייט, די קערפּערלעכע. איך דאַרף נישט בטל ווערן פֿאַר דער
גריכישער אַנשויאונג. איך דאַרף ביי מיר נישט שפּירן קיין
שום שולד אַלעמאַי איך פֿאַרשאַף נישט קיין פֿאַרגעניגן מיט
מיין אויסזען יעדערן, ווער עס קוקט מיך אָן. איך וועל ביי
מיר נישט אַראָפּפֿאַלן פֿאַר נאַרישע שפּילערייען. פּיסאַרעוו
זאָגט... אים איז גרינג צו זאָגן: ער אַליין איז אַ שלאַנקער,
אַ שיינער, אָבער איך... איך—וויאַזוי קען איך עפּעס דאָ באַ-
שליסן? וויאַזוי קען איך דאָ אויסמיידן מיין פּערזענלעכע
פּניה? ווען מיין פּנים וואָלט, לכל הפּחות, אויסגעדריקט חכמה,
טיפֿקייט, גרויסקייט, וואָלט איך שוין מותּר געווען אויף גע-
טאָקטע גלידער, אויף דער הויט-פֿאַרב... אָבער איצט... — סאיז
דאָך שרעקלעך! — נישט דאָס און נישט דאָס... אָבער וואָס
וויל איך? אַ וודאי איז שיינקייט אַ מעלה פֿאַר אַ מענטש...
פֿאַר מיר איז גענוג בלויז דער באַוואוסטזיין, אַז אויך אַ מיאו-
סער קען זיין אַ גוטער מענטש... ניין, נאָר אַ מיאוסער...
דאָס הייסט... — —

אין יענער צייט פֿלעגט די נאָענטקייט פֿון אַ פֿרוי,
וועלכע סזאָל נישט זיין, מיך ברענגען צום אַראָפּלאָזן די
אויגן, צו האַרצקלאַפּעניש און צעשטרייאונג. נאָך עפּעס: קיין
פֿרוי, וועלכע סהאָט זיך מיר געמאַכט צו באַגעגענען, האָט
נישט געהאַט קיין אויגן געשטאַלט, נאָר דאָס גאַנצע געשלעכט
איז געווען ווי איין גאַנצעס, פֿאַרדעקט מיט אַ ווייסן שירעם.
פֿון דער אַנדער זייט האָט אין אַ געוויסער מאָס מיין דאַמאָלס-

טיקע באַציאונג צום „שיינעם און שוואַכן געשלעכט" געהאַט אין זיך עפּעס אַ מין סענטימענטאַליטעט. צוליב מיין נישט־קע־נען די פרויען האָב איך געהאלטן „אַ מיידל" פאר אן אנ־דערע, באַזונדערער וועלט, כ'פלעג זי אפילו אָפּט פארגעטערן, כאָטש צוזאַמען דערמיט — די אייביקע סתירות און ווידער־שפּרוכן! — האט זיך נישט געענדערט מיין מיינונג איבערן אמתן ווערט פון דער פרוי אלס אזעלכע, נישט אין באַצוג צו מיר. פון מיין קינדהייט האב איך געוואוסט, אז סזענען געווען די „אמהות" און אנדערע נשים צדקניות, אין וועמענס זכות אונזערע עלטערן זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים; אז סזענען געווען פרויען, וועלכע האָבן דערגרייכט צו אזא מדרגה ווי, למשל, רבי'ס דינסט, וועלכע ווערט דער־מאנט אין דער גמרא, ווי דעם בח"ס טאָכטער... און פונדעסט־וועגן — „פונוואַנען נעמען מיר, אז די פרוי ווערט אָנגערופן מענטש ?"... פרויען זענען לייכטזיניק, פרויען טאָרן נישט שעכטן, פרויען זענען פטור פון מצוות, פרויען, קנעכט און קליינוואַרג מיט איין קלאַפּ, און בכלל איז אַ מיידל נישט באַ־שאפן געוואָרן אויף אריינצוטראכטן... א פרוי איז בלויז צוליב שיינקייט... און די דיקע גמרא'ס מיט זייערע מפרשים און מפרשי־מפרשים, און אלע פּוסקים, און אלע פּלפּולים זענען דאָך ביי מיר בלויז אויסגעטוישט געוואָרן אויף אנדערע ספרים, ספרים, וועלכע זענען, אמת, פול געווען מיט פיינע פארנויגונגען פאר דער פרוי, אָבער די פאקטן, וועלכע זענען דאָרט געבראכט געוואָרן און די באַלייכטונג פון די פאקטן האָבן געגנוג באוויזן, אז די פרוי אין אלגעמיין איז אַ קליינ־לעכע, אַ ליגנערן, אן אכזרטע, האט ליב בלויז איר גוף, איז אן אויסגערעכנטע, אַ שרעקעוודיקע, אַ קאָנסערוואַטיווע, איז ווייט פון קריטיק און פון דענקען... און דעריבער ווען עס פלעגט מיר דאמאָלס אויסקומען צו רעדן וועגן דער „פרויען־עמאנציפּאציע", פלעג איך, וואס אן אמת, צווישן די ווערטער

אַרויסזאָגן מיין תוך-געדאנק, אָבער כ'פלעג דערווייל מאַכן באַמערקונגען און באַמערקונגען צו די באַמערקונגען, ביז סוף-כל-סוף פלאגט מיין אויספיר ווערן גאָר אן אנדערער... אַ זאך, וועגן וועלכע מדארף נישט דיסקוטירן, איז — אז די פרוי איז אין אַלגעמיין ענלעך צום מאַן; אַ באשטימטע זאך איז, אז מיר זענען נישט קיין „קאַוואלערן" פון דער „גאָלדענער יוגנט", וועלכע זעען אין דער פרוי נאָר די נקבה... אמת, מיר קענען זיי אין לעבן נאָר אין זייער אַ באשרענקטער מאָס— און אונזער מיינונג וועגן זיי מוז דעריבער זיין אַ ביסעלע נישט אינגאַנצן ריכטיק... און אמת, די שיינע מיידלעך זענען בכלל... און סאיז אוממעגלעך, זיי זאָלן זיין אַנדערש... אבער סאיז נאָך קיין ראיה נישט... איצטער איז עס טאַקי אזוי, אָבער שולדיק אין דעם איז דער אַנטוויקלונג-גאַנג פון דער קולטור... די דענקפעאיקייט פון דער פרוי, — מוז מען מודה זיין, — איז ביי היינטיקן טאָג שוואַכער פונם מאַנס, און אינדעראמתן ווילן זיי גאָרנישט קיין וויסן; אָבער, דאקעגן, האָבן זיי אַנדערע גוטע מידות, וועלכע די מענער פארמאָגן נישט... בכלל קען מען נישט פאראלגעמיינערן... סזענען פאַראַן לייטישע פרויען... די ערשטע סימנים פון דער „צוקונפטיקער פרוי" באַווייזן זיך ערשט... די צווישן-געשלעכטלעכע באַציאונגען קענען און דאַרפן זיין אַנדערע. סאיז דאָך אַ אומזין געפינען פאר נויטיק אויפצווייזן, אז די פרוי איז נישט בלויז קיין נקבה, פונקט ווי דער מאַן איז נישט בלויז קיין זכר. די טרעפסט טאַקי, אז מיר זענען נוטה צו מיינען, אז אויך די מענער...

גאר, וואס פאר אַ מיינונגען איך זאל נישט האבן געהאט וועגן דער פרוי — זי געפינט זיך לגמרי נישט אין מיין לעבנסבוך, זי פעלט מיר, איך בין אַליין, ווי אַ בוים אין סטעפ... מיין באקאנטשאַפט מיט מיידלעך איז, געצוואונגענערהייט, קיינמאָל גישט אַריבער די גרעניץ. מיינע ליידן האָבן

בײַ מיר געשאַפן עפּעס אַ מין גרויסהאַלטעריי, ווי איך וואָלט
מיך מיט אַ כּיוון פֿון זיי דערווייטערט, ווײַל איך וויל מיך
נישט דערנידעריקן און זין אַראָפּלאָזן צו זיי. דידאָזיקע
כּלומרשטע „גאווה" פּלעגט אין מיר דערוועקן אַמאָל שפּאָט
און חוזק צו מיר אַליין, אָבער נאָך שווערער איז מיר גע·
ווען די משוגעהדיקע פּײַנטשאַפט, וועלכע האָט זיך בײַ מיר
באַשאַפן און איך האָב זי בשום אופן נישט געקענט אָפּטויטן
און אַרויסרײַסן פֿון מײַן האַרץ. דידאָזיקע פּײַנטשאַפט איז
געווען באַזונדערס צום שיינעם מיידל, וואָס גיט אפילו קיין
קוק נישט אויף מיר, אָדער וואָס קוקט אויף מיר מיט שפּאָט
און ס'אַרט איר נישט מײַן צײַנקריצעניש. אָבער נישט קיין
בעסער געפֿיל האָב איך געהאַט צום „גייעם מיידל", אַ מין
„האַלבער זכר", און קען זײַן, אַז די מיידלעך פֿון דעמ·
דאָזיקן מין האָב איך נאָכמער נישט ליב געהאָט — אפשר ווײַל
מיט זיי פּלעג איך זיך מער באַקענען, און אפשר ווײַל בײַ
זיי פּאַרלירט זיך יענער ווײַבלעכקייט·חן, וועלכער סאינטערע·
סירט מיך, לכל הפּחות, בײַ די טיפּישע מיידלעך. ווי סזאָל
נישט זײַן — פּלעג איך זיך זייער פּײַניקן. מינוטנווײַז פּלעג
איך מיך דערמאָנען אַ פּנים פֿון עפּעס אַ מיידל, אַ שפּאַציר·
סצענע אין אַ זומער·נאַכט — און איך פּלעג זיפֿצן, מקנא זײַן,
און בענקען... פֿאַרוואָס זיי? פֿאַרוואָס ווייסן זיי ווי צו באַ·
גיין זיך מיט אַ מיידל?.. מײַן שטאָלצקייט, וועלכע בונטעוועט
זיך דאַן און רעדט מיך אָן זיך אײַנצוזעקשנען און צו באַ·
שליסן אַז איך בין דאָס אַלץ מבטל, אַז איך בין העכער פֿון
דעם אַלעמען, — שיט נאָר זאַלץ אויף מײַנע וואונדן. איך בין
גרייט צו שרײַען, צו ברומען ווי אַ חיה, וועלכער סהאט
אַ קויל געטראָפֿן. ווי אַ פֿלאַם ברענט אין מיר דער באַגער
זיך צו פֿ אַ ר ל י ב ן, אפילו ווען איך זאָל בלויז לײַדן פֿון
דעמדאָזיקן פֿאַרליבן זיך. איך האָב קיינמאָל נישט געקענט
דאָס דאָזיקע געפֿיל, וואָס קערט איבער וועלטן!.. וויפֿל איך

האָב פאַרשטאנען, ווי קאָמיש עס איז, וויפל איך האָב נישט געוואָלט קיין ליידן, וויפל איך האָב געטראַכט וועגן דער סכנה, וועלכע איז פאַרבונדן מיטן בלינדן ווילן, האב איך מיך אַלץ נישט געקענט באַפרייען פונם באַגער ליבצוהאָבן. בראַנדשייטערס און גיהנום-יסורים זענען אין מיר געווען.

און ביי אַזאַ געמיט-צושטאַנד האָב איך געקאנט עטלעכע מיידלעך: די נערמאן, די לערנער און יענע... ראַכיל מאַי-סציעוונא... אָבער גענוג. דאָ פאָדערט זיך קונסט, — אַ זאך, וועגן וועלכע די לעצטע בלעטלעך זאָגן עדות, אז זי פעלט ביי מיר. איך האָב אָנגעפילט אַ בויגן מיט ווערטער און ווער-טער -- און איך האָב גאָרנישט געזאָגט. אָט דאָס אַליין א׳ז דאָך אַ אומזין, אָט דאָס באַמיען זיך מיינס אַלץ אַרויסצוזאָגן. וואס איך וועל מער אָנוואַרפן פאַרבן אויף פאַרבן—וועט דאָך תמיד איבערבלייבן ביי מיר אינעווייניק יענע עיקרדיקע זאַך, די פאַרבאָרגענע, וואס באַהאַלט זיך אין פאַרשווינדט...

יאָ, גענוג. מדארף זיך אומקערן צו דער זאַך. קיין אינטערעסאַנטער ראָמאַן וועט דאָך סיי-ווי-סיי נישט אַרויס-קומען, זענען דעריבער אפשר בעסער פונקען פון מיינע נישט-אינטערעסאַנטע זכרונות

## ו.

איך בּין דאָמאָלס אַלט געווען א יאר צען, דער קלענ־
סטער און דער אָרימסטער צווישן ר׳ חנן־נתנ׳ס תּלמידים,
אָבּער איך געדענק, אז איך פלעג מיך כמעט גרויסן מיט מיין
אָרימקייט און איך האָבּ קיינמאָל נישט מקנא געווען די שיינע
בּגדים, וואס מיינע חברים פלעגן טראָגן. אַ שטארקע קנאה
האָבּ איך נאָר געהאַט צוּ זייער „דערוואקסנקייט״: זיי זענען
„בּר־מצוה״ס, מענטשן וועלכע מקען שוין מצרף זיין צו אַ
מנין און צוּ מזומן, און איך בּין אַ קליינער. זיי דאַווענען אין
תּפילין, אַ קרוינדל אויף זייער קאָפּ און א צירונג אויף דער
האַנט; ווען זיי גייען אין בּית־מדרש אַריין, שיינט דאס אויס־
געהאפטענע תּפילין־זעקל אין זייערע הענט, און איך וואס?...
אמת, זיי, די גראָבּע יונגען, פילן נישט זייער גרויס גליק
און דידאזיקע אומדאנקבּאַרע האָבּן גאָר קיין מורא נישט אפּ־
צוּטאן שרעקלעכע עבירות ווי דאַוונען נישט ערנסטערהייט,
נישט אַכטונג געבּן אויף די תּפילין, עסקים מיט מיידלעך —
אט דאס האָבּ איך בּאמת נישט געקענט פארשטיין! זיי זענען
דאָך גרויסע, גאנצע יידן, סאיז דאך שוין אַראָפּ פון זיי די
ערבות פון זייערע טאַטעס, זייערע עבירות פאַלן דאך שוין
אויף זייערע קעפּ, טא ווי האט מען דאס אַזעלכע פארשטאָפּטע
הערצער דאס נישט צוּ בּאגרייפן? און אויבּ אפילו זיי זענען
נישט דערגאנגען צו דער מדרגה פון „דינען גאט פון ליבשאַפט״,
דארפן זיי דאך אבּער מורא האבּן פאַר אַ שטראָף... סאיז,

פשוט אַ ווילדע זאך, וויאַזוי גיבן זיך די מענטשן גאר נישט אָפּ קיין רעכנונג! און איך, ווי גליקלעך וואלט איך געווען, ווען מיינע מעשים ווערן פאַרשריבן אויף מיין חשבון און נישט אויף מיין טאַטנס. אמת, איך בין אַ רשע גמור, סאיז מיר אַ חרפה צו לעבן, אז איך גיב זיך אַ דערמאָן די חסדים פונם אויבערשטן, וועלכער האַלט אויף יעדע מינוט מיין לעבן און איך ווידערשפעניק קעגן אים, דאס הייסט, איך שטעל מיר אים נישט פאָר יעדע מינוט פאַר מיינע אויגן, און סטרעפט אויך אז איך עס און שלאף, ווייל עס ווילט זיך, און נישט מיט אַ פריעדיקער כוונה, אז דאס איז צוליב גאט, ברוך הוא. איך בין נאך ערגער, אַ סך ערגער פון זיי. — און פונ־דעסטוועגן בין איך געווען זיכער, אז מיינע מצוות וועלן איבערוועגן די וואָגשאָל.

און די מצוות האָב איך ליב געהאַט. אמת, דאס דאַוונען, דאס דאזיקע לאַנגע, שטענדיקע, פארפליכטנדיק דאַוונען, וואס ציט זיך עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד, איז מיר — טראָצדעם, וואס איך האָב געוואוסט, אז אלע ווערטער האָבן אָן אַ צאָל כוונות — געווען צו לאַסט. און איך פלעג אין הארצן לויבן די קאָצקער חסידים אָדער אפילו די מתנגדים, וואס ביי די ערשטע איז די התלהבות דער עיקר און ביי די צווייטע — דאס לערנען תורה. אָבער אלע מצוות אין אלגעמיין פלעגן מיר תמיד פאַרשאַפן פאַרגעניגן. אמת, מצוות זענען נישט גע־געבן געוואָרן, מזאָל פון זיי הנאה האָבן און מטאָר נישט זאָגן: „איך וויל נישט קיין חזיר־פלייש“, אבער וואס זאל איך טאן, אז איך האָב פאָרט הנאה פון דער זאַך? וואַס זאל איך טאָן, אַז איך האָב ליב מיין באַשעפער און זיינע מצוות? אדרבה, איך בין זיכער חשוב ביים רבונו של עולם צוליב־דעם. קיין „טרוקענע מנהגים“ זענען ביי מיר נישט געווען בנמצא; אלץ איז געווען נשמות, אַלץ זאַכן וואָס שטייען ברומו של עולם, זאַכן, וואס מאַכן אַ גרויסן רושם אין די עולמות העליונים.

און איך געדענק די מלחמה, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַ־
קערט ביי מיר אין האַרצן, ווען איך בין געקומען אין דער
ליטע — וואָס זאָל איך זיין, אַ חסיד צי אַ מתנגד? עובדיה,
דעם רבס זון, וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט מיר, האט
מיר געעצהט, איך זאל מיך פירן ווי דער מנהג איז דא
אויפן אָרט, וואוהין איך בין געקומען, און איך האָב בשום אופן
נישט געקענט פארשטיין זיין קאַלטקייט. „איך רעד צו דיר לאָגישע
רייד — האָב איך געשריגן מיטן תלמודישן ווערטל — און דו
זאָגסט: דער וואס אין הימל וועט העלפן!" די מתנגדישע
מנהגים האָבן מיך אביסל צוגעצויגן מיט זייער נייקייט:
אז דו ביסט פון תמיד געוואוינט אנצוהייבן דאס דאַוונען מיט
אַ מנין פון „הודו", איז אנגענעם צו הערן, ווי דער חזן ענ־
דערט דעם סדר און הויבט פלוצים אן „מזמור שיר חנוכת!"
אבער איך האָב מיך נישט פאַרלאָזן אויף זיך און איך האָב נאָכ־
געזוכט אין ספרים, וואס רעדן וועגן דעם. איך האָב אפילו גע־
לייענט דעם ספר „שלום על ישראל", נישט געקוקט דערויף, וואס
איך האָב געהערט, ווי מע שפעט נאך זיין מחבר: צווייפעל —
אַ ספק, צווייפעל — צווי פאַלן, צווייפעל — צוויי פעלן. ענדלעך
האָב איך אליין געפרובט שרייבן אַ גרויסן דיסקוסיע־ספר
צווישן די צוויי כיתות און איך האָב דאָרטן באַוויזן וואונ־
דער מיט מיין הריפות און בקיאות, און מער פאַר אלץ —
מיט לאָגיק.

און אין די סליחות־טעג... אָט דאָס זענען געווען גליק־
לעכע טעג, באַגערטע טעג! וויפל געפיל פון פאַרגעניגן און
באוואוסטזיין פון זעלבסטווירדע! סאיז סוף זמן. דער עול
פון חדר איז געפאַלן, איך, אמת, פאַרברענג סיי־ווי־סיי
נישט די צייט אין בטלנען, איך לערן — איך בין דאך עפעס
נישט גלייך צו זיי — אָבער מיין לערנען איז נישט קיין מוז־
זאַך, סאיז אַ נדבה־געשאַנק פון מיין זייט. איך טו דערמיט
עפעס אַ חסד עמיצן. און אויך וויפל צו לערנען הענגט אָפּ

פון מיין ווילן. און דאָס וועטער – אַ וועטער פון סוף זומער אין אַ קליינע שטאָט. מיין מאַמע האָט געהאַט אַ קליין גערטל, וואס זי האָט באַארבעט, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין שום מגע־ומשא מיט דעמדאזיקן גערטל; איך בין געזעסן אין קלויז, כהאָב מיך באמיט צו לערנען. אהיים פלעג איך קומען נאר עסן און שלאָפן. און איידער איך פלעג זיך לייג׳, פלעג איך שטארק בעטן דעם טאַטן מיך אויפצוּוועקן צו סליחות. די־דאזיקע מצוה האט מיך געפאַנגען דערמיט, וואס אין מיר איז פאַראַן א באַרימען זיך לגבי אנדערע און אַ גוּבר־זיין דעם חומר בעתן אויפשטיין פאַרטאָג. אמת, מיין טאַטע פלעגט מיך אויפוועקן אויך אָן מיין בעטן.

אַ באגינען־פייכטקייט איז נאך אויסגעשפרייט אויף דער ערד און דער שאָטן פון דער נאַכט, אַ מטושטשער און אַ בלייכער, שוועבט נאך ארום אין דער טונקעלער ליכט, וואס איז אויסגעגאָסן אויף דער נאַטור. די שטילקייט ווערט איבער־געריסן דורכן בלעקען פון די קי, וועלכע מע פירט ארויס אויף דער פּאַשע און דורך דעם קרייען פון די הענער, וואס דאַוור־נען שחרית. די פענסטער־לאָדן זענען פארמאַכט. סיי עוֹבדיה, סיי יעקב שלאָפן נאך, און איך גיי צוריק פון שוּל; כ׳האב שוין באַוויזן אסך צו דאַוונען און אסך צו לערנען, מערער ווי סמוז אַ יינגל פאַר „בר־מצוה". גרויסהאַלטן זיך, אמת, טאָר מען נישט, אָבער... אין האַרצן שפיר איך אַ שוואַכקייט, מיין קול איז אָפּגעשוואַכט און דאס דאָזיטע טוּט מיר שטאַרק הנאה. איך גיי אריין אין שטוּב און וועק אויף מיין שלאָפנדיקע מאַמע:

– מאַמע, מאַמע, שטיי אויף! די בהמה בלעקעט; סאיז אַ צער בעלי חיים... איך בין שוין געקומען פון „סליחות"! ...

מיין מאַמע שטייט אויף און נעמט זיך באשעפטיקן מיט איר אַרבעט. איך זעץ זיך צום ט״ש און עפן די גמרא פונם קליינעם ש״ס, וואס ר׳ ברוך עליו־השלום, האָט איבער־

און אז איך פלעג אמאל טענהן מיט אומקלארע רייד, אז איך שרייב נישט צוליב אנדערע, פלעגט זיך די דיסקוסיע ענדיקן מיט אַ לייטישן פּאַטש.

מיין מאַמע האָט אין אלגעמיין געליטן פון דעם אויפפירן זיך פונם משוגענעם טאַטן מיט איר זון, נאר זי האט נישט גע־וואַגט ארויסצוזאָגן איר מיינונג, נאר ביי סצענעס, לחלוטין אומגערעכטע מצד דעם טאַטן, פלעגט טרעפן, אז זי פלעגס זיך נישט איינהאלטן:

— אבער זאג מיר, שלום געצל, פארוואס האָסטו נאר מורא פאר אנדערע? וואס גייען זיי דיך אָן? זאלן זיי די קעפ וויי טאָן פאר זייערע געשעפטן. סמאַכט נישט אויס. איך שעם מיך נישט מיט מיין זון פאר זיי, איך פאל פאר זיי נישט אראָפּ. זאל איך אזוי לעבן, אַז דאָס הארץ טוט ווייּ. דו ווייסט רק אים צו פייניקן. נעכטן האט ער נישט אָפּגע־ווישט די נאָז ווי געהעריק — און דו שלאָגסט אים. היינו שלאָגן אים יינגלעך שטיפערס — רייסטו אים אָן ביי די אויערן. וויל ער נישט אמאל מיט דיר מיטגיין דו דיינע „גבירים“ — ווערסטו אין כעס. אַ שרעקלעכער זינדיקער. הלואי, זאלן די קלענערע נישט זיין ערגער פון אים. ער איז דען גלייך צו אנדערע יינגלעך? ער האָט דען איינמאָל פון אונז פאַרלאַנגט אַ נייעם בגד אדער אַן אַנדער היטל, כאָטש ער גייט אַרום קרוע — בלויע? אַ קינד, וואס שווייגט... אַ גוט און שטיל קינד. ער קען דאָך אפילו נישט צו זען דעם צער פון אַ קאַץ... אַ גרויסער חטא דאס יינגל שרייבט. איך האָב געוואוסט, אז מפלעגט זיין אין כעס אויף קינדער, ווען זיי ווילן נישט שרייבן, און דא איז אַ פאַרקערטע וועלט. ניין, שלום געצל, דו ווייסט דאָך, אז איך בין נישט ווי די אנדערע נאַרישע מאַמעס. איך האָב מיך פיינט אריינצומישן אין דיינע געשעפטן. ווארום וואס זאָג איך דען? איך ווייס, אַז דו ביסט אַ טאַטע, און דו שלאָגסט

געלאָזט בירושה מיין טאַטן. איך לערן מעגינא דיומא: „ראש השנה", „יומא", „סוכה", „חגיגה", „מועד קטן". אבער איך מיש בלויז די בלעטער. מיין גייסט שוועבט אַרום און וועלטן, וואס פליען אינדערלופטן. איך טראכט וועגן מיין לעבן, וואס שטייט מיר פאָר אין דער ישיבה, וועגן מיינע געפילן, וועגן דער יידישער אומה, וועגן די פאַרדאָרבנקייטן פון די שטערבלעכע, וועגן די סליחות, און אין האַרצן קומט אויף אַ פארלאַנג, איך זאל אויך מאַכן סלוהות און התמנען מיין נאָמען אין אנהויב פון די חרוזים.

דער חשק צום שרייבן האט זיך ביי מיר אנטוויקלט אין די פריסטע יוגנט־טעג. איך פלעג שטענדיק אַסך „באשרייבן" אלץ וואס ארום מיר, אלץ וואס קומט פאָר ביי אונז אין שטוב, אין חדר און אין קלויז — די דריי הייזער, וואס איך האָב געקענט. איך פלעג אויך ליבהאבן צו מאַכן אַ קיצור פון מיינע לימודים, „אויסצולייגן עס אין שריפט" און קלייבן דערפון נחת אין „יומא־דפגרא"ס. מיין מוח איז געווען פול מיט פארשיידענע פאַנטאַזיעס וועגן דעם גרויסן חיבור, וואס איך וועל מחבר זיין אויף גאַנץ ש"ס און אויף די פיר חלקים שולחן-ערוך — אויף דידאזיקע גרויסע מאַרמאָר־זיילן, וועלכע גרייכן מיט זייערע שפיצן העט אין די הימלען אַריין. מיין בוך וועט הייסן „דברי ירמיהו", און איך האָב מיך שוין מצער געווען, פארוואס איך בין נישט קיין כהן, ווארום דאן וואלט איך נאך געקענט צוגעבן „מן הכהנים".

מיין פאטער האט איינגעפונען דאס דאזיקע שרייבן מיינס אלס ראוי צו ווייזן דער וועלט, כדי מען זאָלן וויסן, אז זיין ירמיה איז אויך אַ בעל־לשון. און דאך פלעגט ער מיך נישט לאָזן שרייבן אַ סך, ווי איך פלעג וועלן. לויט אים נאך, איז גענוג אנצושרייבן איין גרויסע מליצה אויף צו באווייזן און נישט מער. מדארף נישט פטרן דערויף קיין סך צייט

אים ווייל דו ווילסט פון זיין טובה וועגן... שלאג אים, לערן אים, זאָלן דיר די הענט נישט ווי טאָן... אָבער... אלע בענטשן זיך דאָך מיט אים... אלע...

— שווייג, בהמה! — ענטפערט דער טאַטע — איך ווייס איך פונקט אזוי ווי דו, וואס לייט זאָגן אויף אים, אבער דערפאַר טאַקי, דארף איך אים שטראָפן מער פאר אנדערע. איך בין נאָר אין כעס פארוואָס ער איז אָן עקשן. כהאָב אים נאָר „מכבד געווען" פאר אַזעלכע תשובות, ווי „פאר מיר אליין שרייב איך"... דער גרויסער מענטש! ער שרייבט פאר זיך אליין... איך פארשטיי נישט: אויב נישט צו ווייזן — אויף וואס זשע איז דאס שר·יבן? אויף וואס דארף מען עס די· דאזיקע נאַרישקייט? און עקשנען זיך וועל איך אים נישט לאָזן... איך בין אַ טאַטע!... איצט לערנט אים דער רב אָן געלט, אָבער סאיז דאך געווען אַ צייט, ווען איך האָב מיך מוסר·נפש געווען צוליב אים: מיין גאַנץ פערדינסט איז גע· ווען זיבעציק רובל אַ זמן, האָב איך פופצן רובל געצאָלט פאר אים פיִיולען דעם מלמד!

— א דאַנק דיר, מיין טייערער מאַן! — ווערט מיין מאַמע רויט — אלע אונזערע פריינט און ווער אונז גוטס גינט זאָלן געשטראָפט ווערן מיט אַזא „הוצאה", רבונו של עולם! וואס איז דען אונזער לעבן, שלום געצל, אויב נישט צו צאָלן שכר־לימוד פאר אונזערע קינדער? עסן מעדנים, צי גיין אין „טריאַטר"?

— נישט דאָס זאָג איך! — ווערט מיין טאַטע אביסל ווייכער— נג, נאַרישקייטן! גיב מיר, ירמיה, דיין מליצה וועגן חודש אלול...

— וועגן חודש אלול? אפשר וועט גוט זיין דער שיר: „דער ייד און דאס הייליקע לאַנד"?

— דער שיר?... נישט דיין עסק... איך זאָג, גיב, דארפסטו באַלד געבן... גיב דעם שיר אויד. אלימלך האָלט

זיך פאר אַ בעל־לשון און ער האָט צו טאָן, זאָגט ער, מיט די „גאַזעטן" אויך, כע – כע, זאָל ער זען און זאל ער זאָגן – אַ מיינונג.

איך נעם אַרויס און גיב אים אַ שטיקל פּאַפּיר, אנגעשריבן פון ביידע זייטן, וואס איך האָב אַרויסגעריסן פון דער גמרא. ער גלעט די באָרד, לייענט וועגן „חודש אלול, וואס קומט צו אונז און טוט אַ געשריי – און הייסט אונז תשובה־טאָן, מיר זאָלן אין גאָטס אויגן געפינען חן", האָט הנאה און דריקט אויס אומצופרידנהייט, הייסט מיך אויסמעקן עפּעס אַ תלמודיש וואָרט, וואס האט זיך אים געשטעלט ווי אַ ביין אין האלז, און גיט צום סוף אַ זאָג, אַז איך בין ווערט אַ פּאַטש אין באַק, אַ חרפּה און אַ שאַנד פאר מענטשן.

## ז.

ר׳ חנן-נתן האָט מיך געלערנט אומזיסט. אויסער דעם שיעור מיט אַלע תּלמידים צוזאַמען, אַ סוגיא גמרא מיט מפרשים און „פּוסקים״, האט ער פאר מיר און פאר זיין זון, עובדיהן, באַשטימט נאָך באַזונדערע שעה׳ן אויף לערנען. איך פלעג נעכטיקן ביי אים אין שטוב כמעט אַ גאַנ״ע וואך, און ווינטער פאַרטאָג און זומער באַ״ינען פלעגן מיר זיך שטאַרקן ווי די לייבן און זיך נעמען צו גאָט, ברוך הוא׳ס תּורה.

איך בין געווען זיינער אַ ליבלינג. ער איז געווען זיכער, אז איך וועל פון אים איבערנעמען, וואס ער האט איבערצוגעבן. אמת. די ליבע צו שארפקייט און די פעאיקייט צו פילפול פעלן ביי מיר, צו זיין באַדויערן, אָבער אַנשטאָט דעם האָט ער אין מיר געפונען אַ טיפן „פארשטאנד״, אַ גלייכן שכל, און דער עיקר: אמתדיקייט און תמימות. זיין באַצאָלט איז געווען מיין גוטע ווירקונג אויף עובדיהן, פון וועלכן ער איז אין תּוך נישט געווען צופרידן, און נאר די פאָטערליבע, וועלכע איז ביי אים געווען אַ ביסל מער, ווי ספּאַסט פאר זיין נאַטור, האָס פארדעקט אסך פונם זונס זינד.

ר׳ חנן-נתן איז לויט זיין נאַטור געווען פון שמאי׳ס תּלמידים, אַ קפּדן, אַ פאַנאַטיקער און אַ שווערער אין זיין באַציאונג צו מענטשן. נאר צו דער תּורה און צו די, וואס האַלטן זיך ביי איר, איז געווען אַ גרויסע ליבע ביי אים אין האַרצן, אַ שטאַרקע ליבע, אַ פלאַמיקע! די שונאים זיינע אין שטאָט פלעגן אים, אמת, צושרייבן נישט קיין שיינע מידות: איינהאַלטן פיינטשאַפט, ליבהאָבן יענעם מנצח צו זיין, און מפלעגט

אויך דערציילן אויף אים עפּעס מעשׂיות, וואָס הָאבן אַ שייכות צו געלט־זאַכן און צו חנפנען רשעים, אָט די רבנישע שוואכקייטן; אבער זיין פּערזענלעכער כאַראַקטער שטייט העכער פון זיינסגלייכן. ער איז ניעט געווען אַ „מורה הוראה" פון באַקאַנטן טיפּ. ער האט פאַרמאָגט שטרעבונגען, געפילן, שטימונגען...

די, וואָס קאָרעספּאָנדירן מיט אים, טיטולירן אים מיט דעם טיטל „חסיד ועניו", און אים אליין איז אויך קלאָר, אז עס איז אזוי. ווירקלעך רעדט ער עניוותדיק, עניוותדיק איז אויך דער סטיל פון זיינע בריוו און פון זיינע תשובות, וועלכע זענען, לויט זיין מיינונג, געשריבן „על פּי חכמת הדקדוק". עניוותדיק איז זיין אונטערשריפט: „דער קלענסטער פון דער בריאה, קליין און שפל, אַ קנעכט צו די דינער פון גאָט"; נישט באַזונדער גאוותדיק. זענען די אַטלעסענע קאַפּאָטע זיינע און די סאַמעטענע יאַרמולקע, די אָפּגעריבענע און אָפּגעבלאַקעוועטע, וועלכע באַדינען זייער טרעגער שוין אַ צוואַנציק יאָר, זינט ער האָט פאַרנומען דעם כּסא־רבנות אין צ. נאָר, פונדעסטוועגן, ווען ר' חנן־נתן קוקט אריין אין די סך כּתבים זיינע און אין די חידושים, וועלכע ער האָט מחדש געווען אויף אלע געביטן פון דער תּורה; ווען ער רעדט וועגן זיינע פילע תּלמידים, וואָס ער האט ארויסגעלאָזן אין דער „ישיבה" פון זיין פריערדיקן זיץ־אָרט; ווען ער איז זיך מפלפל אין לערנען מיט איינעם פון זיינע „חסידים", וועלכע קלייבן זיך ארום אים — יענער שטעקט אַריין לכּבוד זיין רבין, דעם רב, זיין רעכטע האַנט אין באָרד און דעם גראָבן פינגער פון דער לינקער האנט אין גאַרטל, און ר' חנן־נתן פאַרקנייטש דעם שטערן, וואָס די שלייפן זיינע זענען מסיג־גבול די האָר ביז אַ האַלבן קאָפּ, און פאַרקוועטשט זיינע גרינע אויגן, וועלכע זענען טריב פון אַסאַך לערנען, — דאַן איז ר' חנן־נתן דורך און דורך מ ר א ד א ת ר א.

ר׳ חנן־נתנס ווערטער „לימיד התורה״ זענען נישט די־זעלבע, וואס מענטשן זענען געוואוינט אונטער דעם צו פאַר־שטיין. דאס איז גאָר אַן אנדערער און באַזונדערער ענין. זיין „תּורה״ איז יענע, וועלכע איז געווען נאָך איידער די וועלט איז בעשאַפן געוואָרן ...

— ווען דיין טאַטע לערנט,—פלעגט די רביצן איינטענהן מיט עובדיהן, — עקט זיך די וועלט ! ...

און כאָטש אין דערדאזיקער שאַרפער כאַראַקטעריסטיק פלעגט אויך קלינגען אַ מין תּרעומות אויף די יסורים, וואס זי ליידט גאַנץ אָפט פון אָט דער טבע זיינער, אויף דעם, וואס ער איז דאַמאָלס נישט פעאיק צו טראַכטן וועגן אירע באַדערפענישן, וואס ער פאַרגעסט דאַן אָן אלץ, וואס סאיז רעכט, אז סגייט דאַן דורך די שעה פון מיטאָג, פון נאַכטעסן און ער גייט נישט ארויס פון זיין צימער און דאָס גאנצע היזגעזינד „גייט אויס פון הונגער״ ווארטנדיק אויף אים — פלעגן דאך דידאזיקע רייד אין אלגעמיין געזאָגט ווערן מיט אַסך שטאָלצקייט, אַ שטאָלצקייט, וועלכע פליסט ארויס פונם באַוואוסטזיין, אז אונטער די פיס פון דעמדאזיקן מענטש, וואס בעת ער לערנט „עקט זיך די וועלט״, וועט ז י זיין דאס פוסנבענקעלע.

אָט איז אַ דאָנערשטיק ביינאַכט. אינאווענט. זיבן אַ זייגער. דעם רבס הויזגעזינד פארענדיקט דאס נאַכטעסן, וואס האט אנגעמאַכט אַזא גרויסע פאַרע, אז איינער זעט נישט דעם אנדערן. דאס זופן די מילכיקע זופ און דאס קייען ס׳ברויט זענען פארגעקומען אונטער דער באַגלייטונג פון ווידלען זיך מצדן באַלעבאָס, וועלכער האלט עס פאר זיינס אַ פליכט אויפצוהייטערן דעם עולם בשעתן עסן, מיט אַ פּנים, וואס דריקט אויס עפעס אַ מין גאוהדיקע עניוות : „איר זעט, כאָטש איך בין ר׳ חנן-נתן, פיר איך מיך פונדעסטוועגן א ו י ף מיט מיין הויזגעזינד ווי אַ פשוטער מענטש ; אָבער אפילו א י צ ט

וועט דאָך קיינער קיין טעות נישט האָבן צו מיינען, אז אין בין נישט ר׳ חנן־נתן״. דאס זאָגן די אויגן זיינע, וועלכע ווערן פלוצלינג, אינמיטן ווידלען זיך, אויף א מינוט ערנסט כמעט טרויעריק. די רביצן קלאָגט זיך אויף דעם, וואס סזענען פאַראַן ווייניק קונים פון הייוון און פון ליכט, זייער מקור פון פרנסה. דאַמאלס דערמאָנט דער רב מיט אַ ליצנות די וואס רודפן אים. אָבער ד אָ ס מאָל שוין נישט גוטמוטיק: די ליצנות איז צוזאמענגעמישט פאַרביטערטקייט, מיט אַ שטאָך. מהאט אפגעגעסן כמעט צו דער זעט און מהאט געבענטשט מיט מזומן: דער רב, עובדיה און עפעס אַן „אורח״, אַ ארימאַן, וואס גייט איבער די הייזער, וואס איז אריינגעקומען בעטן אַ נדבה און איז פארבעטן געווארן צום טיש מיט אַ תנאי, וואס די באַלעבאסטע מאכט אָפּ, כזאל קיין פאריבל נישט האָבן אַלעמאַי סאיז קיין פלייש נישטאָ. דער רב, אַ שטארק פריילעכער אבער גלייכצייטיק מיט בייזע אויגן, פארענדיקט דאס בענטשן און זינגט זיך אונטער „באם־באַם״ מיט אַן אויפגעלייגטקייט, אדער ער ווארפט ארויס אַזעלכע זאַצן, ווי „איצט איז שוין ריכטיק״; „עט, וואס וויל דער „חתם־סופר?״. אַ קורצע ווײַלע דערנאָך, בלייבט ער זיצן אויפן אָרט און שמועסט דברי־חולין, פרעגט עמיצן פון די תלמידים, וועלכער לייענט בעת־מעשה אַ העברעאישע צייטונג, וואס הערט זיך מכוח פאליטיק? ער לאַכט מיט אַ ביטול־געלעכטער הערנדיק די מעשות פון די „גאַזעטן״, גיט זיך אַ זאָג, סתם־אזוי, עפעס אַ זידלווארט אויפן חשבון פון די „ח ו ב ב י ציון״, כאַפט זיך א ו י ף מיט אַ פלוצלינגן שפרונג פונם אָרט, ווי ער וואָלט פון זיך אָפגעשטויבט די וואָכעדיקייט, אין וועלכער ער איז געווען אריינגעטאָן בשעתן עסן, זאָגט אונז אָ ן דורכגייענדיק, מיר זאָלן נישט זיצן ליידיק און גייט ארײַן צו זיך אין צימער.

זיין צימער איז אַ קליינס, מיט איין פענסטער, און איז

פול מיט ספרים: גראָבע, דינע, לאַנגע, קורצע ספרים, איינ־געבונדענע אין כּל־מיני איינבונדען. בלויז איין האַלבע וואַנט איז פריי, אויף איר הענגט אַ מאַפּע פון ארץ־ישראל און דער־נעבן אַ טיש, אַ שטול און אַ לאָמפּ.

ר׳ חנן־נתן שרייבט אַ שאלות־תשובות צו איינעם פון די גדולי־הדור וועגן דער שוחטים־מחלוקת, וואָס איז אויסגעבראָכן אין שטאָט. ער וויל יענעם, דעם מאור הגדול, באַווייזן, אַז אויך אין נישט קיין גרויסע שטעטלעך זענען פאַראַן לייטישע רבנים. לא אלמן ישראל, סהאַלט נאָך נישט אַזוי שמאָל מיט יידן, דאַנקען גאָט!

קודם כּל לייגט ער אַרויף אויפן טיש אַ באַרג מיט „שאלות ותשובות״. סהערט זיך אַ געמיש פון גרויסע בלעטער. ר׳ חנן־נתנס נעץ איז איצט אויסגעשפּרייט אויפן „חתם־סופר״ און אַ שאלות ותשובות פון ר׳ עקיבא אייגער און דער „אורים ותומים״ און דער סמ״ע און נאָך אַ צען ספרים מיטאַמאָל. ער הויבט אויף זיין רעכטן פוס און שטעלט אים אַרויף אויפן שטול — און זיין גאַנצער גוף איז אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. די עקן פון זיין קאַפּאָטע פאַרלייגן זיך אויף אַ הינטער און צעטראָגן זיך אין די זייטען. דערנאָך גיט ער אַ רייב מיט זיינע דינע פינגער, וועלכע זענען ביי די שפּיצן פאַרגעלט פון שמעק־טאַבאַק, איבער די טיפע קנייטשן פון שטערן און ער הויבט אָן צופּן די האָר פון זיין קורץ און שפּיציק בערדל, ער נעמט זיי אַריין אין מויל אַריין און קייט זיי מיט די ציין.

זיין פּנים טוט זיך אויס פון גשמיות. ר׳ חנן נתן לערנט.

ער איז אַ הויכער, אַ דאַרער, ר׳האָט אַ קרומע נאָז, די געזיכט־שטריכען זענען דינע און בייזע, זיי פאַרמאָגן נישט, נישט די סעמיטישע „פּאַטריאַרכאַלישקייט״ און אויך נישט די נאַרישע צביעותדיקייט, וואָס די שוואַרצלעך־בלייכע פּנימער, מיט שוואַרצע בערד, ווי סהאָבן דאָס רוב אונזערע רעליגיע־העלדן.

ווען זיין קול, וואס זינגט כסדר אַ צעצויגענעם „מממ...“ הויבט זיך אָן צו לאזן הערן, גנבנען זיך די תּלמידים זיינע ארויס פון צימער אין שטוב אריין צו ר׳ צבי גלותזאן און דארט הויבט זיך אָן דאס עסן די נאשערייען און די הוליאנקע. אַ גאנצע וואך פלעגן מיר יעדן טאג האבן צוויי שיעורים, אינדערפרי — גמרא, און אינאָוונט — „יורה-דעה“, נאָר דאָנערשטיק פלעגן מיר מיטאגצייט איבערחזרן אלע גמרא-שיעורים פון אַ גאנץ וואָך, און דעם „יורה-דעה“ פלעגן מיר חזרן דאנערשטיק ביינאכט און פרייטיק ביז מיטאג. נאר אויף אַ גאנצע נאכט פלעגן מיר תּמיד איבערבלייבן בלויז איך און עובדיה, און אַמאל פלעג איך אליין בלייבן. דעם שכנס קליין טעכטערל פלעגט ציען דאָס הארץ מער פון די „קליינע סעיפים“ פונם חריפישן ט״ז און שכל-הישרדיקן ש״ך.

איך מיט עובדיהן פלעגן איבערבלייבן צוליבן פליכטבאוואוסטזיין צו זיצן דא, נאָענט פון ר׳ חנן-נתנען (איך — ווייל איך האב קיין אנדער ארט נישט געהאט, און עובדיה — אונטער מיין ווירקונג); אָבער מיר פלעגן זיך בלויז שאָקלען, לערנען האָבן מיר נישט געלערנט. איידער איך האב אנגעהויבן לערנען „יורה דעה“ האב איך אויף דעמדאזיקן לימוד ארויפגעוואָרפן אלע מיינע האפענונגען. כ׳האב געמיינט: „יורה דעה“, פוסקים — דאס איז געוויס אָט יענער לימוד, נאך וועלכן איך בענק אזוי לאנג. אָבער ווי איך בין נאר דורכגעגאנגען „הלכות-מליחה“, כאטש איך האב נאך נישט געהאט פארלוירן דעם גלויבן, אַז דערין ליגט דאס גאנצע וויסן, וואס איז באגרייפבאר פארן מענטשלעכן מוח און אפילו דאס וויסן וואס איז נישט באגרייפבאר, וואָרום, פארשטייט זיך, אז אויך אינדעם, ווי אין יעדן הייליקן ספר איז דאָך דאָ א נשמה, א תּוך; האט דער לימוד אליין אנטוישט מיינע האפענונגען און האָט ביי מיר נישט דערוועקט יענעם חשק, וועלכן איך האב דערווארט.

מיר שאָקלען זיך און שמועסן שטילערהייט וועגן פארשידענע זאכן, אין באזונדערס וועגן אונזער נסיעה אין דער ישיבה אריין, וואס איז דאמאלס געשטאנען אויף דער טאָג-אָרדנונג. אָט דידאָזיקע „שיחות-חולין" האבן זיך אונז תמיד אויסגעוויזן, אויך דערנאך, ווען מיר האבן געלערנט אין ישיבות און אין קיבוצים, אלס אונזערע מסוכנסטע פיינט. מיר הויבן אָן מיט א שטארקער שטימע און מיט גרויס התמדה: „אמר רבא, נו, אמר רבא, אָי-אָי" — און דער שטן גיט זיך אַ גנבע אונטער און לייגט אונז ארויף אויף דער צונג עפעס אַ מעשה אויף סתם אַ שמועס. און מיר פאַרברענגען דערכיט אַ שעה, צוויי און מער. נישט זעלטן געלינגט עס אויך דעם שטן אונז אַרויפצוברענגען אויף ניבול-פה, וואס איז גורם צו „זינדיקע געדאנקען" —

די רביצן, עובדיהס מוטער, זיצט אַנקעגנאיבער אונז. אויף אירע גוטע אויגן טראָגט זי ברילן. איר בלוזקע האט צוויי רייען ווייסע קנעפּ, וואָס גיבן איר צו אַן אויסזען פון אַ רביצן. זי זיצט „אַזוי זיך", פארטאן אין צוגרייטן דעם שבת. ביים עסן האט זי „אים" דערמאנט וועגן דעם און ער האט זיך באגנוגנט מיט אַ וויציקן ענטפער, און איצט לערנט ער שוין. איר קאָפּ ווערט צעריסן אויף שטיקער —

זי שטייט אויף, גייט צו צו דער טיר פון זיין צימער, בויגט אָן אַן אויער צו דער שפּאַרע — און הערט זיך שטארק איין עטלעכע מינוט. איך און עובדיה, מורא האָבנדיק טאָמער עפנט זיך די טיר, הויבן אָן, נישט ווילנדיק, צו מורמלען דעם אַנהויב פון „סימן". אבער אומזיסט אונזער מי. די רביצן קערט זיך אום צוריק — אויף איר גלײך פנים זענען נישטאָ יענע רויטע פלעקן, וועלכע באווייזן זיך הערנדיק זיין לערנען בעת מדארף נישט האבן מעל אויף שבת. זי מאכט נאָך עטלעכע פרובן, זי בעט אַ הלואה ביי איינעם פון די תלמידים,

וועלכער קערט זיך צופעליק אום פון ר׳ צבי גלותזאנס זאל, — און קיין הילף קומט נישט.

דאמאלס גייט זי צו נאכאמאל צו דער טיר פון זיין צימער.

— מממ... לערנט מען אפ טומאה פון קדשים, טומאה פון קדשים .. נו... יא בחזקה, ביי חזקה, אין דעם פאל... מממ...

— חנן-נתן... — גיט זיך פאמעלעך א ריר די קליאמקע און די טיר עפנט זיך אויף אריינצושטעקן דעם קאפ.

— צו ... וואס נאך ? ..

— מעל ... שמחה דער קרעמער ...

— בכן, וואס ווילסטו פון מיר ?

— חנן-נתן ...

— נו ... דו ווייסט דען נישט, אז כהאב נישט קיין צעבראכענעם שילינגער ? פארמאך די טיר.

די רביצן קערט זיך אום און הויבט אן רעדן. דער זין פון אירע רייד איז, אז איצט „איז נאך דאנקען גאט״, ווען זי זאל נעמען פארגלייכן איר היינטיק לעבן מיט זייער לעבן אין דער פריערדיקער שטאט, איידער איר פאטער, זכרונו לברכה, איז געשטארבן און איידער ע ר, זאל לעבן, האט פארנומען דעם שווערס שטול. דארטן איז ע ר, זאל לעבן, געווען א גרויסער ראש ישיבה. ס׳האט געשטראמט צו אים תלמידים פון אלע זייטן לאנד. מער ווי צען מנינים!

— הערסט, עובדיה ? דו, מיין זון, קענסט נאך נישט דעם טאטן דיינעם. הער, וועל איך דיר דערציילן ; וואס זאג איך „דערציילן״ — אז כ׳זאל דיר נעמען אלץ אויסדערציילן, וועט מיר לשון פארפעלן. פש... פארשטייסט ? ווי גאט גיט א טאג פלעגט ער אויפשטיין אינדערפרי, אפדאווענען „ותיקין״ אדער, אמאל, אפילו „ביחידות״, און פלעגט דערנאך ארומלויפן פון קלויז צו קלויז (פערציק קלויזן זענען דארט פאראן) צוגוים-צוזאמלען געלט פאר די תלמידים אויף אנבייסן. און מיר

פלעגן זיצן אָן ברויט ממש. פש... ש... סאיז דען עפעס אַ פארגלייך צווישן אונזער אָרימקייט איצט און דעם דלות דאָן? הערסט, עובדיה? אָט דאָס זאָג איך דאָך דיר. נישט איינמאָל פלעגט טרעפען, אז איך פלעג זיצן אינדערהיים און זאָרגן... דו ביסט נאך דאמאלס אויף דער וועלט נישט געווען... יא, זיץ איך אַזוי אין שטוב און זאָרג: באַלד וועט חנן-נתן קומען פון דער ישיבה (די, וואס פלעגן הערן זיין שיעור זענען געווען מופלגים אין לערנען, הלואי זאלסט דו זיין אזוי, רבונו של עולם!), און וואס וועל איך אים געבן מיטאג עסן?... איך זיץ און האב עגמת-נפש — און אט קומט ער, אָבער נישט אַליין, נאר אין דער באַגלייטונג פון אַ פיר־פינף בחורים, וועלכע האָבן נישט קיין „טאָג". נו, הא? וואָס זאָגסטו צו אַזא זאַך? איך — אידענע, אַ קליין קעפל... שטיי ווי אַ גולם... וואָס טוט מען?... סאיז דאך מיר אויך נישט אַנגענעם, די ישיבה־בחורים זאלן זאגן, אַז די רביצן איז קארג פאר זייערטוועגן... און די תלמידים — פון די בעסטע... בקיצור, איך האלט מיך איין, כזאל נישט אָנפאַלן אויף אים אלעמאי ער האט מיטגעבראכט „אורחים". אָבער איך האב דאָך גארנישט געקאכט! — שריי איך... און ער — ווי סאיז אים גארנישט נוגע — סמאכט נישט אויס, רביצן מיינע — טיטולירט ער מיך מיט אַ געלעכטערל — וואס מירן עסן, וועלן די קינדער אויך עסן. און וויסן דארפסטו, עובדיה, אַז ער איז נישט קיין גוטער אין כאראַקטער און ער קען גיך ווערן אין כעס... פש... ש... איך קען אים בעסער ווי דו. בקיצור הדבר, זון מיינער, די נשמה קען מען דאך נישט אויסשפייען... איך לויף צו איין שכנטע, צו דער צווייטער — באַקום ברויט, צום קרעמער, באַקום מיט טרערן אין די אויגן — עטלעכע הערינג, מאך זיי צורעכט מיט פעפער און מיט עסיג, און מיינע אורחים זעצן זיך עסן אַלע צוזאמען... און באַלד הויבט זיך אָן צווישן זיי עפעס אַ קריג, מע קרימט זיך שוין מיט די נעזער איינער אויפן

אַנדערן... נש... פש... אַזוי האָט דער תּנא געזאָגט, אַזוי און אַזוי האָט ער געזאָגט... און איך שטיי מיר אויף דער שוועל — און הער זיך איין... שווייגט!... — זאָגט ער — די זאַך איז אַזוי... איך טאַנץ כּמעט פון שׂמחה, דאָס האַרץ צעגייט פון נחת... אמת, נישט איינמאָל האָב איך געהערט פון מיין טאַטן, עליו השלום, אַז חנן-נתן קען אַ סך מער פון אים — זאָל זיין אָפּ-געשיידט — נאָר וואָס ער איז נאָך אַ יונגער. הערסט, עובדיה?

און מיר ביידע הערן און ווערן פול מיט ליבע צו אָט דעם „חייא, וועמענס מעשׂים זענען אַזוי גרויס". אַ בושה געפיל קומט אויף אין מיר: איך שעם מיך פאַר די מעשׂים פון יענע, וואָס שפּילן זיך איצט דאָרט פון יענער זייט וואַנט. דאָס זענען אויך מיר מענטשן!... און וואָס זענען זיי אַריינ-געטאָן?... און איך, דער רשע, בין נאָך מקנא אַמאָל, אַ גוואַלדיקע קנאה, זיי און זייערע נאַרישע פאַרגעניגנס... אוי, אוי, אוי!... און איך הויב אָן נישט-ווילנדיק:

— אַ פליישיק טעפּל, אַז ס'איז דערין אַריינגעפאַלן... נו, מדאַרף לערנען, עובדיה!

— אוודאי אוודאי... נו, אַ מילכיק טעפּל, אי... אַריינ-געפאַלן... אַ פליישיק טעפּל... אַ טראָפּן...

— מ י ל ך?... צי איך ווייטער מיט אַ התלהבות פון איינעם, וואָס דאַוונט.

— אַזוי האַלט דער „פּרי מגדים"! גיט פלוצלינג אַ פּראַל אַרויס אַ זיגערישע שטימע פונעם צווייטן צימער. און דער ניגון, וועלכער איז פול מיט ערנסטלעכקייט איז אויך נישט פריי פון אַ מין ביטול, ס'הייסט: אַזוי האַלט דער „פּרי מגדים" און שוין, — אָבער מיר דאַכט, אַז ס'איז גלייכער די שיטה פון ר' שלמה קלוגער... ממש... און ממילא וועט אויך פאַרענט-פערט ווערן די קשיא, וואָס די וועלט פרעגט... און דער „תּוספות" אין יבמות איז אַ ראיה דערצו...

אַט אזוי העלפט ער־זיך ארויס מיט זיינע תּוספותן ביז פיר פאַרטאָג. דאמאָלס וועקט ער אויף מיך מיט עובדיהן, און מיר טרינקען טיי און מיר לערנען צוזאַמען „טור“ ביזן דאַוונען.

צוועלף יאָר בין איך דאַמאָלס אַלט געווען.

---

## ח.

מיר גייט דאס דרייצנטע יאָר.

איך, וואָס כבין געווען אומצופרידן פון זיך, וואס כהאָב תמיד געפילט, אז נישט אזוי דארף מען לעבן, און סאיז נישט געווען קיין מינוט, בעת וועלכער כזאָל נישט פילן די נויטיקייט צו ענדערן, אנצוהויבן דאָס לעבן פונדאָסניי, — איך האָב געהאָפט, אז מיין בר-מצוה-ווערן וועט ברענגען די נויטיקע ענדערונג אין גיין לעבן; פון אָטאָ דעם גרויסן טאָג אָן וועל איך ווערן אַן אנדערער, וועל איך ווערן אַ מענטש, וועל איך זיין ראוי אנגערופן צו ווערן מיטן נאמען ,,ייד״, איך וועל מיך שטארקן אין דער מלחמה מיטן יצר הרע, ווייסנדיק, אז דער שכר און דער עונש פאר מיינע מעשים און פאר מיינע מחשבות וועלן פון איצט אן פאלן אויף מיין קאָפּ און נישט אויף מיין טאַטנס. און מיינע פארבארייטונגען צו דעמדאזיקן טאָג זענען טאַקי געווען גרויסע און פארשיידענע ... אבער דער טאָג גופא איז געווען אַ טאָג ווי אלע טעג. קיין שום איבערגאַנג האט זיך אין מיר נישט געשפירט. ער האט קיין זאך נישט אפגעגרעניצט און גארנישט מחדש געווען. מיין מלחמה-פירונג האט זיך נישט פארבעסערט, מיינע פיילן זענען נישט שארפער געוואָרן, מיין דאַוונען איז נישט דערהויבענער געווארן און צו דער הייליקייט פון די תפילין האָב איך מיך צוגעוואוינט אין אַ קורצער צייט און איך האב אפילו גאר גיך אויפגעהערט אכ־טונג צו געבן אויף זיי, ווי, צוליב זינדיקע זאכן.

סהאט נישט לאנג געדויערט און מיין צווייטע שטרעבונג, די עלטערע פון דער ערשטער: פאָרן אין אַ ישיבה, — איז אויך פארווירקלעכט געוואָרן. אָט גיי איך ארויס פון מיין טאַטנס רשות און ווער זעלבשטענדיק. זיי, די אַמעראצים, די גראָבע יוגנען, די „גויים״ בלייבן איבער אין דער פינצטערקייט פון דערדאזיקער שטאָט און איך פאָר... סאַראַ גרויס גליק! אמת, אויך עובדיה וועט מיט מיר מיטפאָרן, אבער דאס איז נאר דערפאַר ווייל ער איז דעם רב׳ס זון און זיין גאַנץ פאָרן קומט ארויס צוליב מיר. ווען נישט די געלעגנהייט צו פאָרן מיט מיר צוזאַמען, וואלט אים ר׳ חנן-נתן נישט אָפּגעלאָזט פון זיך.

עובדיה איז אַ צארט ייִנגל. ער האט בלויע אויגן. ער איז געוויקסיק ווי זיין טאַטע, נאר ער האט סימפּאטישע גע־זיכט-שטריכן. ער האט אַ ביסל אַ צו גראָבלעכע נאז, דערפאר אבער גיבן אים צו אַ באַזונדער חן די הערלעך, וואס האבן אים געגומען ארויסשפּראָצן ארום זיין ווייסער גאָמבע.

אין שטוב ביי אונז האט זיך אנגעהויבן דער טומל פון די צוגרייטונגען צו דער נסיעה. מיין מאַמע האט שוין געבראכט אין ארדנונג מיין „קעסטל״, און איצט זיצט זי און וויינט.

— אַ יידענע בלייבט שטענדיק אַ יידענע! — זאגט דער טאַטע, ארומבלאָנקענדיק פון איין ווינקל צום אנדערן נישט וויסנדיק וואס צו טאָן און ווי זיך נוהג צו זיין — פרעג זי: וואס איז ס׳געוויין? ער גייט דאך נישט דינען צום מיליטער, חלילה! דער רב האט אים מיטגעגעבן אַ בריוו. „יניק וחכים״, אַ קליינער און אַ למדן, — אזוי שרייבט ער אויף אונזער ירמיה׳ן, וואס דאַרף מען נאָך? פרייען דארפסטו זיך, שוטה איינע, און נישט גיסן מיט טרערן פון אינדערפרי אָן.

— אוודאי ביסטו גערעכט... — ענטפערט אַ שטימע, אַ פארשטיקטע פון טרערן — אַ פרוי איז נישט קיין מאַנסביל... וואס איך וויין? וואס זאל איך טאָן — אז איך קען מיך נישט

איינהאַלטן ...בשום אופן ... זון מיינער, זונעלע ! ... ווען וועל איך זוכה זיין זיך צו זען מיט דיר ? דו פאַרלאָזט מיך ...

און דער יאָמער ווערט שטאַרקער.

איך אליין באַרעכטיק ביי זיך אין האַרצן אויך נישט דאָס דאָזיקע וויינען. סאיז דאָך אַ יום־טוב היינט, איך פאָר לערנען תורה, איך פאָר אַהין ... מיין לעבן וועט זיך ענ־דערן ... עס וועט באַקומען אַן אַנדער אויסזען, און מיין מאַמע וויל דאָך, איך זאָל זיין אַ למדן. די תורה קומט אָן נאָר דעם, ווער סאיז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר איר ! אָבער מיין גליק פאַרטרייבט נישט, פונדעסטוועגן, מיין רחמנות און האַלט מיך נישט אָפּ פון מצער זיין זיך אַ „צער בעלי חיים", און איך באַמי מיך נישט ברענגען צום אויסדרוק די פרייד־געפילן, וועלכע טאַנצן אַרום אין מיר און גיבן מיר קיין רו נישט.

דעם רבי'ס זון איז געווען טרויעריק אפילו זיצנדיק שוין אינם באַן־וואַגאָן.

— זיי געזונט צ.! ווען וועל איך צוריקקומען צו דיר ?

— און איך וויל נישט פאָרן אַהיים דריי יאָר נאָכאַנאַנד!... וואָס איז דאָ פאַראַן צו זען ? מיין מאַמעס פּאַרטוך ? דאָרטן זענען מענטשן, דאָרטן זענען מתנגדים... דער טאַטע האָט מיר דערציילט... אַי־אַי... דאָרטן זענען אַלע גרויסע „לומדים", אפילו די קוימענקערערס... דאָרט זענען דאָ יידישע קוימענ־קערערס און וואַסערטרעגערס.. און אַלע לערנען... דאָרטן —

— דאָרטן ווערט מען אויך קאַליע, זאָגט אלימלך, — רייצט זיך מיט מיר עובדיה.

און באמת, ווען דער טאַטע מיינער האָט געהאַט דער־ציילט אלימלכן, ווי ער האָט דערציילט אַלע איינוואוינער פון שטאָט, יעדן איינציקן באַזונדער, אַז זיין ירמיה פאָרט, האָט אלימלך געפונען פאַר נויטיק צו עצהנען מיין פאָטער, ער זאָל מיך אָפּט אַ היימברענגען, „ווייל דאָרטן, שלום געצל, איז אַ

„גוטע קאמפאניע". נישט אומזיסט רעדט די וועלט אויס אויף דער ליטע".

— דו ווייסט, שלום געצל, איך אליין לייען דעם „המליץ" און בין דער מורשה פון ועד, בין איך... אָבער דעם אמת דאַרף מען זאגען: פון וואָלאָזשין זענען אַרויסגעקומען גרויסע שקאָצים !...

— נישט מיין ירמיה! — ענטפערט מיין פאָטער מיט זיכער־קייט, כמעט מיט כעס, און ער פאַרגעסט אפילו צוצוגעבן זיין מלמדישן „כע־כע".

ביי זיך אין הארצן האָב איך געגעבן געראכט זיין זיכערקייט. ווער ווערט קאליע? שוטים ווערן קאליע, לייכט־זיניקע ווערן קאליע, אַמעראַצים ווערן קאליע, אָבער נישט איך! וואָס? אַ קינד בין איך, איך זאל מיך צוהערן צו דעם וואס די חברה־לייט וועלן מיר זאגן? און וואס קענען זיי מיר זאגן? וואס? כהאב דאָך געהערט אַ מאל, ווי דער טאטע מיינער האט געהאלטן אַ ויכוח מיט איינעם פון זיירעקע. סהאט אַמאָל געטראָפען און דורך אונזער שטאָט איז פארביי־געפאָרן עפעס אַ משכיל, אַן אפיקורס — איז וואסזשע האָט ער אים געזאגט? אַז סאיז בעסער צו זיין א דאָקטאָר איידער אַ רב? איז, ערשטנס, איז עס נאך אַ ספק; און צווייטנס, לאָמיך אָננעמען, אַז די תורה איז נישט קיין תכלית אויף צו האָבן פארגעניגן דאָ, אויף דער וועלט, טאָ וואס פאר אַ נייס טוסטו מיר דאָ אויף? איך לערן דאך נישט כדי מזאל מיך רופן רב, איך לערן, ווייל סאיז אוממעגלעך נישט צו לערנען, ווייל דאָס לעבן איז דאך גארנישט אָן דער תורה, זי איז דאך דער יסוד פון דער וועלט... מיין תכלית איז דאס, וואָס איך האָב נישט קיין שום תכלית, וואס איך וויל נישט קיין תכלית, איך וויל נאר לערנען תורה לשמה, זיך מוסר־נפש זייענדיק צוליב איר. דעם דור פון ר' יהודה בר' אילעי האט מען גערופן דער גרויסער דור, ווייל דאמאלס פלעגן

זעקס תּלמידים זיך איינוויקלען אין איין טלית און לערנען תּורה... ווי אַזוי-זשע וועל איך קאַליע ווערן? זאָמד דיר אין די אויגן, שטן.

פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק אויף מיין שטאָלץ און גרויס האַלטן זיך, האָב איך זיך געשעמט צוצוגיין צו דעם יידן, וואָס איז געזעסן לעבן אונז, און פרעגן אים: „ווען קומט דער צוג אַהין און ווען וועלן מיר שוין זיין אין דער ישיבה?״ כ׳האָב מורא געהאַט, טאָמער וועט ער חוזקן פון מיר און אויסלאַכן דאָס, וואָס ביי מיר איז הייליק. איך האָב געוווּסט, אַז ס׳זענען פאַראַן אויף דער וועלט צעלאָזענע יינגען פאַר וועמען די ישיבה איז אַ חוזק-זאַך, הולטייעס, אויסער זיי זע-נען פאַראַן אויך אַפּיקורסים ממש, אַפּיקורסים אויף צו להכעיס, וואָס קענען זייער האַר און ווילן מורד זיין אין אים. אַזוי ווי יענע פון וועמען ס׳האָבן אויך געליטן די חז״ל און בּורסיפּס קינדער פון אונזער שטאָט... און אלישע בן אבויה, „אחר״, אַ חבר פון די דריי, וועלכע זענען אַריין אין פּרדס... ער איז אויך אַריין... מיט זיי איז ער אַריין... אַ בּליק געטאָן... אָבער אַ בּליק געטאָן און איז געשטראָכלט געוואָרן... שוואַך איז דער מענטש... אַ פליג...

---

# ט

די יאָרן, וואָס איך האָב אָפּגעפּוילט אין קלויז, טיילן זיך אויף צוויי תקופות: צוערשט בין איך געווען אַ נאַאיווער ישיבה-בחור געליטן, געווען צופרידן, אַ שעמעוודיקער און אַ משונהדי-קער בחור—אָבער אַזאַ וואָס שאַצט אָפּ זיין ווערט. איך האָב געפילט, אַז ס׳איז דאָ אַ באַליידיקונג אין דעם, וואָס איך עס טעג, אָבער צוליב דעם וואָס איך עס צדקה-ברויט זענען דאָך דורך מיר מיינע ברויטגעבער מקיים די מצווה פון שטיצן לומדים, נאָר דערפאַר, וואָס מיינע ברויטגעבער קוקן אויף מיר מיט גרינגשעצונג, דערפאַר וואָס ביי דער פאַרנאַרישטער וועלט בין איך אַן איבעריקער „פּאַטראָן“, אַן אָרעמער בחור, וועלכן מען קאָן נישט פאַרגלייכן מיט אַ באַלעבאַטישן זון...

אין יענער צייט האָב איך באַטראַכט פאַר אַ חרפה פאַר-נעמען זיך מיט אַ וועלטלעך ביכל, שרייבן פלעג איך נאָר דברי-תורה אין לאַנגע בריוו, און דאָס אויך זייער זעלטן. אין דער צווייטער תקופה בין איך געווען ווי אַריינגעוואָרפן צווישן הימל און ערד. אויסערלעך מער אָפּגעלאָזן, אָפּט זייער ווייניק גע-לערנט און אַמאָל געלערנט מיט התמדה ביז די לעצטע כוחות. אין יענער צייט האָב איך געלייענט פאַרשידענע ביכער. כ׳האָב מיט זיי געקעמפט, דערווייטערט זיך פון זיי, פאַרבענקט זיך און זיך אומגעקערט צו זיי. כ׳האָב שוין אויך געשריבן אַסך און נישט בלויז דברי-תורה. איך האָב פיינט געקריגן מיין לעבן, וואָס איז אָפּהענגיק פון אַנדערע, דאָס „בעטל-ברויט“. מיין געצוווּנגענע צביעות, מיין נשמה איז געווען דערדריקט, זי איז געווען געגליכן צו אַ באַלאַגערטע פעסטונג, וואָס האַלט

בײם אײנפאַלן... מײנע יסורים זענען געװען די ספיקות־װערים, װעלכע נאַגן אױס דעם יסוד, מײנע חלומות — טױטע געטער...

כ׳װעל אָבער נישט גערעכט זײן, אױב איך װעל זאָגן, אַז אין דער ערשטער תּקופה בין איך געװען תּמימותדיק. מײן קריטישער גײסט האָט מיר קײנמאָל נישט פאַרלאָזן, ער איז נאָר געװען באַגראָבן אונטער אַ גרױסן באַרג פון מנהגים, מײנונגען און ספרים — ספרים אָן אַן עק און אָן אַ סוף. קײן געװײנלעכער ישיבה־בחור בין איך נישט געװען. עס האָט מיר געעקלט, װען ס׳פלעגן זיך צוזאַמענקלײַבן מײנע חברים באַרײדן דאָס עסן, װאָס מ׳פלעגט זײ געבן „אױף אַ שמוציקן זאַק אין קיך". זענט איר דען געקומען אַהער נאָר צוליבן עסן צו־זאָגט? אין אַ מקום־תּורה זענט איר דאָך געקומען! און עס איז איבעריק צוגעבן, אַז איך האָב נישט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון די גליקלעכע און מזלדיקע, װעלכע באַטראַכטן זײער לאַגע אין דער געזעלשאַפט פאַראומבכבודיקע, אױך ס׳מאַכט זיך זײ אַ „טאָג" צו עסן אױף אַן אָנגעזעען אָרט, צו האָבן פּרנסה פון זאָגן תּהילים, לערנען משניות, צו באַרימען זיך מיט דעם „גבירס" גוטהערציקײט, װעלכער גיט אַ „זעקסער" אױף פרישטיק, אָדער די „גבירטע", װאָס פלעגט זײ געבן צװײ טעלער געקעכץ מיט רײן ברױט. איך האָב קײנמאָל נישט ליב געהאַט זיך װאַשן און אױספּוצן זיך ערב־שבת װי אַ „ליאַלקע", נישט פאַרלירנדיק דערבײ דעם „פּאַטראָנישן אױסזען", צו בלעטערן בשעתן דאַװנען דעם „קצות", צי דעם „נתיבות" מיט אַ שרעקלעכער פאַרטיפטקײט. צו שעצן זיך איבערגליקלעך װען ס׳געלינגט מיר צו דערהױבן זיך דורך דערנידעריקן מײן חבר. איך בין װײט געװען פון דעם אַלעם. דערפאַר אָבער האָט עובדיה געפונען אין מיר אַנדערע חסרונות, ערשטנס: אַ שטרעבונג אָפּצוזונדערן זיך אין אַ באַזונדער קלױז און נישט אין ישיבה; צװײטנס: פּשטות און נישט קענען פּשטלען זיך און זאָגן סברות; דריטנס: האָב איך געהאַט אַ מאָדנע נאַטור פאַרלאָזן אײן ישיבה אין שטאָט און אָנקומען אין דער צװײטער, בעת אַזױ פירט זיך נישט; פערטנס: דער „טאָג", װאָס איז

פריער געווען דער בעסטער, דער נאָענטסטער צום בית־מדרש און מיט אַלע מעלות, איז נאָך אַ קורצע שטיקל צייט מיר מיאוס געוואָרן און איך האָב אים פאַרלאָזן נאָך איידער ווי איך האָב געקראָגן אַ צווייטן, אין דער צייט, ווען אַנדערע עסן אויף איין אָרט צוויי יאָר און מער; פינפטנס: דאָס מפסיק זיין אין לערנען, מיר זיצן און לערנען, דאַכט זיך מיטן גאַנצן כּוח, און דער מוח איז פול מיט געדאַנקען וועגן דער נויטי־קייט פון לערנען, וועגן גליק ווען מ'איז קלאָר אין ש״ס, וועגן לערנען איבערפלעכלעך און טיף, און פון דער זייט קומען גאָר אָן אַנדערע געדאַנקען, וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות צו דעם, איך בין מפסיק און זאָג עפּעס מיינעם אַ חבר... און מיר רעדן אַ לאַנגע צייט וועגן פוסטע זאַכן... און דער לעצטער חסרון איז דער גרעסטער: אַפילו אין דער בעסטער תּקופה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט התמדה און יראת־שמים, האָב איך ליב געהאַט צו רעדן וועגן דער נבואה, דער אַגדה אין תּלמוד, עולם־הבּא און נאָך אַזעלכע זייטיקע ענינים, וועלכע גייען אַרויס פון געביט פון למדנות. און מיין התלהבות דאַן איז געווען גרעסער ווי בעת כ'האָב געלערנט די דינים „טוען ונטען" אָדער „שרץ בכעדשה".

די „קורצע שורות" האָבן פאַמעלעך פאַרנומען אַן אָרט אין מיין וועלט. ס'זאָלן זיך געפינען אַרום מיר ספרים גע־שריבן העברעאיש און איך זאָל זיי נישט אָנרירן — דאָס איז געווען אַ זאַך, וואָס איז אוממעגלעך. איך פלעג לייענען אַסך. טראָץ דער שוועריקייט צו באַקומען בילער, טראָץ דער וויר־קונג פון דער סביבה, דער מורא פאַר די קאָנסעקווענצן. דאָס ווייסן, אַז מ'טאָר נישט, טראָץ עובדיהס דערמאָנונג, אַז ווען מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים, וועט מען דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, אין וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אונזער צייט. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט די נייע העברעאישע ליטעראַטור נישט געקענט מיטאַמאָל געווינען מיין האַרץ, ווייל איר שונא, דער באַשיצער פונעם אַלטן, וואָס איז אין מיר געזעסן, פלעגט זי קענען מבטל זיין מיט איין וואָרט: מעשׂיות! און

נאָכמער, ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערוועקן אַ חשד בײַ מיר אין האַרצן: ווײַבאַלד דו האָסט הנאה דערפֿון — דאַרף מען דאָך דאָס נישט לערנען, און דו גיסט זיך דערמיט אָפּ, ווײַל דו ווילסט נישט אַרבעטן, נאָר דו ווילסט בעסער הנאה־האָבן.

יאָ, אין אַ באַגרעניצטער מאָס, אָבער אָן אַן איבעררײַס, אַ שטיל וואַסער, וואָס גראָבט, טיף האָבן אויף מיר משפּיע געווען די נײַע ביכער, וועלכע כ׳האָב געשלונגען. בײַספּילסווײַז האָבן זיי געענדערט מײַן פֿאַרווילדעטן געדאַנק, האָבן אויסגעגלײַכט די מײנונגען, וואָס האָבן זיך איינע די אַנדערע סותר־געווען, וועלכע זענען בײַ מיר רויִק געלעגן, ביז אַ לעבעדיק ווינטל האָט זיי נישט באַרירט, און זיי האָבן אַרויסגעטריבן די נאַרישע און ווילדע גלויבונגען, וועלכע האָבן גענעסטעט אין מײַן פֿאַרבאַלואַמירט האַרץ, און דער קאַמף איז געווען אַ לאַנגער...

אַ פּשוט בילדל פֿון לעבן, וואָס האָט מיט דער צײַט דערוועקט בײַ מיר אַ געשמאַק אונטערצושיידן צווישן שיין־געשריבענעם און סתם־געשריבענעם, האָט אויך אויפֿן געביט פֿון רעליגיע און גלויבן אויפֿגעטאָן אַ סך מער ווי אַ גאַנץ בוך מיט משׂכּילישע אויפֿווײַזונגען, אַז „די תּורה און די השׂכּלה זענען צווילינג־שוועסטער, צוזאַמענגעהעפֿטע און צונויפֿגעבונדענע, וועלכע וועלן זיך קיינמאָל נישט צעשיידן“. די דאָזיקע אויפֿווײַזונגען האָבן זיך באַמיט מיך צו איבערצײַגן, אַז מען מעג „על פּי דין“ לערנען אַ פֿרעמדע שפּראַך, אַז די כּוונה פֿון דער אָדער יענער אַגדה קען מען נאָר געפֿינען על פּי דרך החקירה, אַז דער און יענער נס האָט אין זיך עפּעס נאַטירלעכעס, און אַז אַזאַ אָדער אַנדערע חומרה האָט נישט קיין יסוד אין די ראשונים — בעת די קינסטלערישע לעבנס־בילדער, די מענטשלעכע דיכטונג, האָבן אַנטוויקלט דעם מענטש אין מיר, מײַן לעבעדיק האַרץ, וואָס האַלט גאָרנישט פֿאַר נויטיק צו פֿרעגן, וואָס שטייט אין יענער מסכתּא אויף דעם און דעם דף; ס׳האָבן זיך מיר געעפֿנט די אויגן, למשל, צו זען

דוד-המלכן אָן אַן אַטלעסענער זשופּיצע, אין וועלכע ס׳האָט אים אָנגעקליידט דער גלותדיקער געדאַנק. און דער העלד-דיכ־ טער, דער אוראַלטער מלך, האָט אויפגעהערט אויפשטיין אָפּצו־ ריכטן חצות, צו פאַסטן און איינצוריכטן די הענט זיינע „בשפיר ושליה״. פון אַלע מענטשן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון די העלדן פון תנ״ך און פון תלמוד, זענען אַראָפּגעפאַלן די שמוציקע קליידער און מאַנטלען, אין וועלכע עס האָט זיי אַרומגעהילט די פאַנטאַזיע פון אונזער גלות-ליטעראַטור און האָט פון זיי אַזוי-אַרום געמאַכט משונהדיקע שאָטנס. פוילישע יידן, וואָס שאָקלען זיך אין טלית ותפילין.

פון דער קאַמף-ערנסטקייט פלעג איך צייטנווייז אַריבער צו לייכטזין און געלעכטער, אַ געלעכטער, וואָס האָט אין זיך זייער ווייניק פונעם פראָסטן חוזקן, בעיקר איז ער פון יענעם געלעכטער, וואָס גאָט אַליין, כביכול, לאַכט.

— „אַברהם אָבינו האָט מקיים געווען אַלע מצוות, אַפילו עירוב-תבשילין אויך״ — דערמאָן איך זיך פלוצים אינעם תל־ מודישן מאמר, בעת איך און עובדיה האַלטן ביי עפּעס אַ „חולצת ולא מתיבמת״, אָדער ביי „צרורות״, „רוכב ומנהיג״ אָדער „מיפך והזמה״...

— נו, טאָ וואָס פאַר אַ שיילות האָט דאָס אַהער?

— ס׳האָט נישט קיין שום שיילות... ווען אונזער מומע שרה פלעגט אום יום-טוב שני, אום יום-טוב של גליות, קאָכן אויף שבת, פלעגט אַברהם אָבינו נעמען אַ שטיקל פיש, אַ חלה, פלעגט אָנטאָן די יאַרמלקע אויפן קאָפּ און מאַכן אַן עירוב-תבשילין.

— ירמיה! דו לאַכסט אָפּ פון דעם, וואָס די חכמים האָבן געזאָגט?

ווי אַ נאָדל וואָלט מיר אַ שטאָך געגעבן אין האַרצן.

ל׳גיב דיר נאָך, צדיק מיינער... איך פאַרשטיי נישט און ער זאָגט מיר: „לאַכסט אָפּ״...

— נאָר דאָס אַליין פאַרשטייסטו נישט? און רבה בר בר חנהס מעשיות פאַרשטייסטו יאָ? און „סבי דבי אתונא״ פאַר־

שטייסטו? און „תנור של עכנאי״ איז עפעס אַ פּשוטע זאַך? „דער באָקסערבוים איז אָוועקגעגאַנגען פון זיין אָרט״... וואָס? דאָס זענען מאַמרי חז״ל!

— אַוודאי, „מאַמרי חז״ל״... איז עס רעכט לויט די, וועלכע זאָגן, אַז די מאַמרים דאַרף מען נישט טייטשן פּשוט; אָבער פרעג דעם רוב פון אונזערע גדולים, וועלן זיי דיר זאָגן, אַז ווער עס גלויבט נישט אין די אַלע זאַכן פּשוט, אַזוי ווי זיי זענען געשריבן — יענער איז בכלל אַ כּופר אין די רייד פון די חז״ל.

— הערסטו, חכם!.. אָט דאָס איז דאָך די מעלה פון אונזער תּורה, וואָס זי איז ווי „אַ האַמער, וואָס צעשפּאַלט אַ פעלז״, יעדערער געפינט אין איר, וואָס ער וויל. וואָס דאַרפן מיר ווייט זוכן? אָט האָסטו ערשט פאַרענטפערט דעם „פּני יהושעס״ אַ פּילפּול, אויף דער סוגיא, אויסווייזנדיק, אַז זיין קשיא פון ר׳ אליעזרן אויף ר׳ אליעזרן איז גאָר קיין קשיא נישט, ווייל דאָס האָט געזאָגט ר׳ אליעזר און דאָס אַנדערע — ר׳ אליעזר... איז וואָס, מיינסטו, אַז דעם „פּני יהושעס״ פּילפּול...

— איז נישט איבערגעגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני?...

— פּונקט ווי יעדע זאַך, וואָס אַ תּלמיד ותיק וועט מחדש זיין!.. פּרד״ס...

— און „וי להון לבני-נשי, דחזין לבושא ולא חזין נשמתא״ — ווי איז צו די מענטשן, וואָס זעען דעם לבוש און זעען נישט די נשמה — ... אָבער ווער איז געווען דער מחבר פון „זוהר״ לויט דיין מיינונג?

— פאַרוואָס טאַקי נישט ר׳ שמעון בן יוחאי?

— און ר׳ שמעון בן יוחאי דערמאָנט רב המנונאן? און ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: „האָט אָנגעהויבן ר׳ שמעון בן יוחאי״? און ר׳ שמעון בן יוחאי, וואָס אין תּלמוד, איז אויך אַזאַ בעל-נסתּרות?

— דאָס איז קיין קשיא נישט! צוליב אַזעלכע טענות וועל איך נישט פאַרלאָזן דאָס, וואָס איך האָב איבערגענומען פון מיינע עלטערן. און וואָס ווערסטו זאָגן דערצו וואָס אין

דער תּורה שטייט: „האיש משה ענָיו מאד”, „וידבּר משה” און דאָס גלייכן? זאָלן מיר, הייסט עס, זיין קליגער פון אונזערע עלטערן? מיר ווייסן דאָך גאָרנישט...

— פון אונזערע עלטערן? טאָ בכן, איז „אויב די אַמאָליקע זענען געווען מענטשן, זענען מיר אייזלען”?

און נישט ווי ר׳ פּנחס בן יאירס אייזל! — פאַרגעסט מיין מיטשמועסער פּלוצים וועגן וואָס מיר רעדן און ער צעלאַכט זיך מיט פאַרגעניגן.

— נו!.. און לערנען זיך — אמת, דערמיט ביסטו גערעכט...

די באַדערפעניש זיך צו לערנען איז דאַן געקומען פון זיך אַליין. ס׳האָט זיך גענויטיקט דערין די אויסגעליידיקטע נשמה, וועלכע האָט באַגערט זיך אָנצופילן... אָבער די ישיבה איז נישט געווען קיין לערן־אַנשטאַלט...

בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

מורא האָבנדיק צו פאַרלירן די צייט האָב איך אויף דער ווייל „אַלץ” איבערגעלאָזט און האָב מיך אַריינגעטאָן אין די אַלטע לימודים מיט אַ דערפרישטן גייסט, אָבער דער האָט קיינמאָל נישט געדויערט לענגער ווי אַ וואָך צוויי, דריי:

— ירמיה! ס׳איז דאָך שוין באַלד אַ חודש, אַז מיר לערנען גאָרנישט.

— נו!..

— „ווער ס׳איז אין כּעס, איז געגליכן ווי ער וואָלט געדינט עבודה־זרה”.

— וואָס ווילסטו?

— איך זאָג, אַז רק דו זיצסט און טראַכסט, וויאַזוי דו וועסט שפּעטער לערנען, און לעת־עתּה...

—„און לעת־עתּה”... „און לעת־עתּה”... איך קוק טאַקע דער עיקר אויפן „שפּעטער”, אויף דער צוקונפט, די האָפענונג איז בעסער ווי דאָס לעבן... און איצט, איצט... איצט איז נישטאָ קיין שטראַל־ליכט, נישטאָ קיין פונק אַפילו... איצט וואַלגער איך זיך אין בלאָטע, עס אין פרעמדע הייזער און

דריי זיך אַרום מיט אַן אויסגעמאַטערטער נשמה״... געדענקסט דאָס? איצט קען איך גאָרנישט טאָן, ווייל איך מוז אָנקומען צו אַנדערע... ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך לערן מיך אויס עפּעס אַ מלאָכה, כ׳זאָל נישט דאַרפֿן זיין ווי די אַלע בטלנים, וואָס עסן „אומזיסט ברויט״... דאָס זענען דאָך גראָבע יינגען, דער עולם, וואָס דו זעסט, זיי ווייסן דאָך אַפֿילו נישט פֿון דאַנען אַהער ווען סדר פֿון די תּנאים און אמוראים, דער ליד ער קען דאָך דיר זאָגן, אַז ר׳ עקיבא איז געווען נאָך ר׳ אַשי און רבינאָן. ניין, עובדיה, איך פֿאָר אַוועק פֿון דאַנען. לאָמיר אַוועק פֿון דער ישיבה, מירן אַרויס אין עפּעס אַ גרויסע שטאָט, דאָרטן וועלן מיר זיך לערנען ווי ס׳דאַרף צו זיין, דאָרטן וועלן מיר ווערן מענטשן...

אָבער ס׳זענען נאָך דורכגעגאַנגען חדשים גאַנצע ביז מיר האָבן באַשלאָסן, חדשים נאָכדעם, ווי מיר האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן, — און אונזער באַשלוס איז נישט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן...

דאַן איז געקומען דער געצווונגענער צופֿאַל און האָט אַוועקגעלענקט די זאַך אויף זיין שטייגער.

וואָרים אין יענער צייט פֿלעג איך זייער אַ סך שרייבן, דאָס דאָזיקע שרייבן, וואָס איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון מיין שטאַרקן אינערלעכן געפֿילן-געראַנגל, איז אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פֿון נאָכמאַכונגען און פּאַראָדיעס אויף די שירים, דערציילונגען, אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען, וועלכע איך האָב געשלונגען נישט איבערקלייבנדיק. עובדיה און נאָך עטלעכע פֿון אונזער אינטימער חברה האָבן מיר געראָטן, איך זאָל אַוועקשיקן די פּרוכטן פֿון מיין גייסט ערגעץ אין אַ רעדאַקציע, נאָר איך, וועלכער האָב געהאַט אַ הייליקן ציטער פֿאַר יעדן געדרוקטן וואָרט, האָב געהאַלטן, אַז מיינע כּתבים וועלן זיכער נישט טויגן; ס׳איז מיר געווען גענוג דאָס, וואָס איך האָב געטרוימט, אַז מיט דער צייט וועל איך נאָך מן הסתּם זיצן אין עפּעס אַ רעדאַקציע. דערווייל האָב איך באַשלאָסן אַליין צו ווערן אַ רעדאַקטאָר. עובדיה און נאָך עטלעכע פֿון די זיך-משפּילנדיקע,

וועלכע האָבן מיך דערנאָך פאַרמסרט פאַרן משגיח, האָבן אַ גענומען מיין פאָרשלאָג מיט התלהבות, דער נאָמען פון אונזער ציימונג איז געווען „דאָס קליינע ליכט אויף צו לייכטן אין דער ישיבה"; די אַרטיקלען — פאַרשידענע וויכוחים צווישן תורה און השכלה, צווישן אָרים און רייך, צווישן ישיבה-בחורים און באַלעבאַטישע קינדער, צווישן אמונה און חקירה, חסידים און מתנגדים, צווישן נאַציאָנאַליסטן און אַסימיליאַטאָרן, די לעצטע צוויי באַגריפן האָבן מיר גענומען אויף באָרג ביי דער פרעסע, נישט פאַרשטייענדיק קלאָר זייער טייטש. דער נאָמען „נאַציאָנאַליסט" איז ביי אונז געווען אַ באַזונדער חשובער נאָמען, אַן ערנטיטל, און דער נאָמען „אַסימיליאַטאָר" — אַ זידלוואָרט, אַ צילברעט פאַר די פיילן, וואָס מיר פלעגן אין אים וואַרפן, ווי העלדן משכילים. פאַרשטייט זיך, אַז וואָס שטעלט מיט זיך אייגנטלעך פאָר אַן אַסימיליאַטאָר, האָב איך נישט געוואוסט, ס'הייסט, איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען, נאָר אַנדערע זאָגן, אַז ער האָלט: „לאָמיר זיין גלייך מיט אַלע פעלקער, מיר נויטיקן זיך נישט אין ציון און ירושלים". און ציון איז אין יענער צייט געווען — מיין געליבטע, מיין בעסטע מיין שענסטע. —

נישט ווייט פון אַ קרענק איז געווען יענץ געפיל, מיט וועלכן איך האָב געלעבט, איך בין דער רעדאַקטאָר, זיך דורך די נעכט און קוק דורך דעם מאַטעריאַל פאַר מיין זשורנאַל און רעדאַגיר און צייכן און שרייב און מעק און פאַרריכט. מיין אַרבעט האָט מיר אויסגעזען ווי אַ הייליקע אַרבעט, מיינע געפילן — די געפילן פון אַ מלחמה-זיגער. די צאָל עקזעמפלאַרן איז דערגאַנגען ביז איינעם. עס פלעגט ווערן איבערגעשריבן מיט אַ שיינער האַנטשריפט, צום פאַרגעניגן פון מיין מנין לע-זער און צו מיין פולשטענדיק גליק.

אָבער די גאַנצע זאַך איז געווען אַ פאַרבאָרגענע — און פלוצים איז מען פון איר געוואויר געוואָרן.

און אין איינעם אַ פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, האָט מען מיך צוגעשטעלט צום ראש-ישיבה. לעבן מיר — מיין אָפן

קעסטל, וואָס איז פול געווען מיט העפטן, אָפּגעריסענע בלעט־לעך, בויגנס און נאָטיצביכלעך. אַרום — אַלע ישיבה־בחורים, און מיינע מיטהעלפער צווישן זיי. אויף אַלעמענס פּנים איז אויסגעדריקט אַ דערוואַרטונג־הנאה, אַן אויפגעהייטערטקייט און אַ פרייד מיט מיין דורכפאַל. אַלע טומלען זיך, אַלע רעדן אַלע פאַראורטיילן מיך, מיינע מעשים, און וואַרטן אויף מיין שטראָף. און איך זע אויס — ווי אַ גייסטלעכער, וואָס האָט לאַנגע צייטן געדינט זיין גאָט אין פאַרבאָרגעניש, און פּלוצים איז מען פון זיין סוד געוואויר געוואָרן אין מאַרק, און דער המון לאַכט פון אים מיט אַ ווילד געלעכטער, שפּעט אָפּ פון זיינע אינערלעכע געפילן, שלעפּט אַרויס דעם סוד זיינעם אינ־דרויסן אַרויס און טרעט מיט די פיס זיין גאָט...

אַ שטילקייט. אַלע הערן זיך צו צו די רייד פון ראש־ישיבה. די ענגשאַפט אַרום מיר ווערט גרעסער, דער ראש־ישיבה רעדט. אין זייגע אויגן ברענט אַ פייער, דאָס מויל שיט פונ־קען, עס קרענקט אים אויפן „בחור", וועלכער איז אַוועק פונעם גוטן וועג, וועלכער בלאָנדזשעט און גייט פאַרלוירן. ער הויבט אָן שטיל און זיין שטימע ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. נאָך אַ קורצער הקדמה ווענדט ער זיך גלייך צו מיר און הויבט מיך אָן לויבן, כדי מיין חרפּה זאָל זיין גרעסער:

— דו!.. דו ביסט תמיד געווען פון מיינע בעסטע תלמידים, איך האָב פון דיר געהאַלטן. דעם אמת מוז מען זאָגן; באַלד ווי דו ביסט אָנגעקומען, ביסטו געווען אַ גוט יינגל, האָסט געלערנט... און פּלוצלינג ווער איך געוואויר, אַז דו שרייבסט...

— רבי! — קען זיך דער „מתמיד" נישט איינהאַלטן — נאַכט און נאַכט פלעג איך אים זען שרייבנדיק. כ'האָב געמיינט, אַז ער שרייבט חידושי־תורה... די חידושים פונעם רבינס תורה...

— רייס מיך נישט איבער, צבועק! איך רעד דאָך... — איז שווער דעם ראש־ישיבה צוצוקוקן דעם „חילול־השם", ווי מ'פאַרשוועכט דעם כבוד פון זיינס אַ ישיבה־בחור; ער שווייגט אַ ווײַלע און קאָכט זיך פּלוצלינג שטאַרק אויף:

— זאָג מיר נאָר: וואָס איז דאָס פאַר אַ שרייבעלך? זאָג! וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט? וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך, צוליב וועלכער דו האָסט אַליין אויפגעהערט לערנען און האָסט נאָך געמאַכט זינדיקן אַנדערע? צוװאָס דאַרף מען דאָס דאָזיקע שרייבעלך? אָבער וואָס שווייגסטו? וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? ענטפער עפּעס, נו, זאָג, צוליב וואָס שרייבסטו?

— גלאַט אַזוי מליצות... — האָט אָנגעהויבן עובדיה, אָבער ער האָט זיך פאַרהאַקט און זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל.

— מליצות? האַ, מליצות?! איך וועל דיך אויך נישט שוינען, חומץ בן יין... נאָך היינט וועל איך אָנשרייבן צו דיין טאַטן... חומץ בן יין... יאָ, דו! דו! מליצות — האַ? אַ שרייבער ווילסטו זיין? פאַרשפּרייטן „מעשיות“ אויף דער וועלט; ווילסט זיין אַ חוטא ומחטיא את הרבים? אוי, ירבעם בן נבט!.. אוי, פּוסט-און-פּאַסניק!...

און די דינע פינגער האָבן זיך צונויפגעקוועטשט אין אַ פויסט.

— מ'זאָל וויסן!.. — האָט זיך געקאָכט דער שלעגער — ס'זאָל זיין אַן אָנלערנונג!.. באמת איז עס גאָרנישט... סתם יינגלשע זאַכן... מליצות פון אַ שפּיל וועגן... אַ שיגעון אַזאַ.. ביסט אַן אומזיניקער, המ... „אַ תּלמיד-חכם, אַז ער האָט געטאָן אַן עבירה בייטאָג, זאָלסטו נישט נאָכקלערן אויף אים“. המ... ס'איז גאָרנישט... איך ווייס, אַז דו וועסט שוין מער נישט.. די תּורה, וואָס אין דיר, וועט דיך מחזיר למוטב זיין, כ'בין זיכער... און אויב איך האָב דיך איצטער אומזיסט פאַרשעמט — זאָל גאָט געבן, ס'זאָל שוין מער נישט קומען דערצו... און זאָל דיין סוף, חלילה, נישט דערמאָנען אָן דיין אָנהייב... פּע... איך עצע דיר ווי אַ טאַטע: וואַרף אַוועק, וואַרף אַוועק דיין נאַרישקייט... און איצט... זאָלן זיי וויסן, המ... גיי עס וועטשערע. האָסט דאָך היינט ווו צו עסן?

יענעם טאָג האָב איך געגעסן ביי די קלייטמאַנס. דער ערגסטער „טאָג“ פון מיינע אַלע „טעג“, און אַז איך בין אַרויס-

געגאַנגען נאָכן עסן פון שטוב, האָב איך געהערט הינטער מיר:

— אָט דאָס איז דאָס דער מיט די צעטעלעך — יאָ! מיט לאַנגע פאות און אַן אפיקורס!

— אַ „פּאַטראָן" און צעטעלעך! — נישט דאָס און נישט יענץ — נישט עולם הבא און נישט עולם הזה — אַ פּאַטראָן כאַ־כאַ־כאַ — דאָס איז אויך אַ מענטש —

אויף מאָרגן זענען מיר, איך און עובדיה, אַוועקגעפאָרן אַהיים, אין אונזער געבורטשטאָט אַריין.

---

## ט

אונזער נסיעה אַהיים איז לכתחילה געווען מיטן געדאַנק צו פאָרן פון דאָרטן, נאָך די ימים־טובים, ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט אַריין, כּדי צו ווערן מענטשן. אָבער די צוויי חדשים, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין צ., האָבן צונישט געמאַכט דעם דאָזיקן באַשלוס אונזערן.

עובדיהס קלענערער ברודער איז קראַנק געוואָרן. די ציטעריקייט פון די עלטערן לגבי זייער זון דעם בכור איז צוליב דעם גרעסער געוואָרן. און דער לעצטער האָט נישט געקענט ביישטיין אַזאַ עלטערן־ליבע און ער איז פאַרבליבן אינדערהיים.

אויך איך האָב מיך דאַמאָלס נישט געפונען אין קיין מלחמה־צושטאַנד. מיינע אמתן זענען נאָך געווען זייער שוואַכע און זיי זענען אָוועקגעבלאָזן געוואָרן פון אַ געוויינלעך ווינטל. אין מיין אויסערלעכקייט איז פאָרגעקומען זייער אַ קליינער שינוי, אַזוי אַז מ׳האָט גאָרנישט דערקענט, וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך, און איך האָב בכן פאַר מיין תּורה און פאַר מיין גוטע אויפפירונג געהאַט כּבוד און גליק. און דעם מענטשנס שוואַכקייט איז שטאַרקער פון אים, די ליבע, וועלכע מ׳פלעגט פאַרשפרייטן אַרום מיר, האָט געפאַנגען מיין „קאַליע ווערן", וואָס האָט זיך פאַרבאָרגן אין אָפּנאַרעריי. ניין, אָבער נאָך גרעסער דערפון, און גרעסער אויך פון מיין טאַטנס אויפווייזונגען, אַז „תּורה איז די בעסטע סחורה", איז געווען מיין רחמנות אויף מיין מאַמען, אין איר שווער לעבן, וואָס איז פול מיט באַליידיקונג און פלאָגעניש, פאַרנעם איך דאָך,

איך, איר טייערער זון, אַ גרויס אָרט, איר גאַנצע טרייסט — בין איך. איר לעבן איז בלויז צרות, בלויז אָרימקייט, בלויז שאַנד און פאַראַכטונג. זי איז זאַט מיט אַ שטענדיקן טומל, אַ פאַרשטונקענע ליכט, פלאָגענישן און יסורים. יעדער היזק, וואָס טרעפט, יעדעס צעבראָכן טעפל מאַכן זי פאַר אַן אומגליקלעכע. און די קינדערשע קרענקענישן און דעם מאַנס גראָבקייט, און די מאַטערניש, וואָס איז גרעסער פון אירע כוחות... זאָל דער איינציקער שטערן אין איר לעבן, — זאָל אויך ער פאַרלאָשן ווערן? ניין! איך טאָר נישט זיין אַזאַ אַכזר! איך וועל נישט פאַרלאָזן מיינע עלטערן. וועמען האָב איך אַחוץ זיי? קיינער האָט נישט פאַרמיטן פון צו שפייען מיר אין פנים אַריין, און זיי פילן אַ ליבע צו מיר. זאָל איך זיי פאַראַכטן? ניין, איך וועל נישט זיין האַרט ווי אַ דעמב. איך וועל גיין אין זייערע וועגן — און ס׳וועט מיר גוט זיין.

און בכן איז עובדיה פאַרבליבן אין צ. און איך בין נישט אַוועקגעפאָרן אין קיין גרויסער שטאָט צו ווערן אַ מענטש, נאָר איך בין צום צווייטן מאָל געפאָרן אין אַ קליין שטעטל אַריין, אין אַ „קיבוץ" פון בטלנים. און אין האַרצן האָב איך ביי זיך אָפגעמאַכט, אַז קיין זאַך וועט שוין מיך נישט אָפרייסן, אַז איך וועל דערוויטערן פון מיר יעדעס פרעמדע ביכל, וואָס מאַכט אָן אַ שנאה צווישן דעם מענטש און צווישן זיין פאָטער אין הימל, אַז איך וועל זיין ווי אַלע „לערנער" אין קלויז, איך וועל לערנען און לערנען...

אַ לאַנגע צייט האָב איך געהאַלטן דעם דאָזיקן נדר מיינעם. אָבער ווײַן, ווי באַלד ער איז נאָר קאַליע געוואָרן, איז ער שוין אויס ווײַן.

די שטיינער פון דער פינצטערער פעסטונג-מויער האָבן שוין צעשפּאָלטן מיין קאָפּ, ווען זיי זענען אַרויסגעפאַלן איינציקווייז. די זיילן זענען צעשטערט געוואָרן. דער פונדאַמענט האָט גענומען פוילן און דער מאָל האָט שוין אויך געפרעסן מיין האַרץ. וועט דען אויסהאַלטן דער שוואַכער טינק, מיט וועלכן איך האָב געטינקט?

אַ נישט גוטער סימן איז געווען דאָס, וואָס אויך אין יענע אַלע טעג, ווען איך פלעג מיך פירן ווי מיין שטרעבונג איז דאַן געווען, אָן מרידות און רעוואָלוציעס, איז מיין בייסטיקער צושטאַנד געווען, פונדעסטוועגן, ווי מ׳וואָלט גענומען אַ דאַר יינגל, אַ געצערטלטן, און מ׳וואָלט אים פאַרשיקט צווישן ווילדע מענטשן צו אַרבעטן שווערע אַרבעט, און ער דרייט זיך אַרום צווישן זיי אַן אומעטיקער... די סביבה ווייסט נישט זיינע שטימונגען, זיינע געפילן, זיינע באַדערפעגישן, און ער ווייסט נישט ווי צו דערפילן זייערע פאַרלאַנגען... און ער דרייט זיך אַרום אַ פאַראומערטער מיט דער לאַסט פון זיין טרויער, אַן אומעטיקער מיט זיין ביטער געמיט...

איך פלעג מיך דאַן באַמיען זיך איינצורעדן, אַז דער בעסטער וועג איז צו לערנען אַלץ הלכה למעשה, פשוטער פשט, צו גיין אינעם וועג פון די „ראשונים", וועלכע שטייען העכער מיט דער פשטות פון זייערע סברות פונעם קרומען פילפול און שאַרפן דרוש פון די ליטווישע און פוילישע גאונים פון די לעצטע צייטן, און דערמיט האָב איך געגעבן אַ מעגלעכקייט מיינע חברים אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג וועגן מיין „קענען לערנען" דורך אַן „עט", דאָס רוב אויך אָן אַ „כאַטש" פון אָנהייב... און נאָך אַ זאַך איז געווען, כ׳האָב אויף איר נישט געקענט מוותר זיין, און אויך זי האָט מיטגעווירקט, אַז מיינע חברים זאָלן מבטל זיין: „די מצווה פון ישוב ארץ-ישראל" און אירע אָנהענגער, דאָס הייסט די „חובבי-ציון", פון דער צייט פון מיין רעדאַגירן דעם „המאור הקטן".

די סאָפיזמען, ביי וועלכע איך האָב זיך געהאַלטן אין מיין אַלטער וועלט, זענען געקומען פון זיך זעלבסט, פון דער טיפעניש פונעם קאַמף פון מיין גייסטיקער עקזיסטענץ! איך האָב דאָך מיין גאַנץ לעבן מקריב געווען אויף דעם דאָזיקן אָרט — ווי אַזוי-זשע זאָל איך אים פאַרלאָזן? דאָס איז געווען אַ צושטאַנד, ווי דער צושטאַנד פון אַ קאָרטנשפּילער, ווען ער זעט, ווי זיין גאַנץ פאַרמעגן גייט אײן פון מינוט צו מינוט איז אים שווער איינגאַנצן אָוועקצוואַרפן דאָס שפּילן. אַזאַ

פֿאַרמעגן האָט ער פֿאַרלוירן ביז איצט — זאָל דאָס אַלץ טאַקע שוין זיין פֿאַרפֿאַלן?

אַז עס פֿלעגט מיר אַריינפֿאַלן אין די הענט אַריין איינס פֿון די „קליינע ביכלעך", פֿלעג איך נישט קענען גובר זיין מיין גלוסטונג און עס איבערלייענען; איך פֿלעג עס איבער־לייענען — און בעטן מיט אַלע מיינע כּוחות פֿאַרגעבונג פֿאַר דער שלעכטער זאַך, וואָס איך טו זיך אַליין.

פֿון די ספֿרים פֿון אונזערע חכמים, וואָס זענען זיך עוסק אין פֿילאָזאָפֿיע, די וואָס זעצן־פֿאָר דעם מוסר פֿונעם „חובת הלבבות", האָב איך מיך נישט געקענט אָנוועקריירן. ציטנווייז פֿלעגן זיך ביי מיר שטאַרקן מיט אַ שרעקלעכער גבורה די געדאַנקען וועגן גאָטהייט און וועגן דער באַדערפֿע־ניש אָנצוהייבן אַן אַנדער לעבן: צו דאַווענען מיט מער כּוונה, נישט צו רעדן גאָרנישט אַחוץ דברי תּורה, לעבן פֿון אייגענער אַרבעט, נישט צו קוקן אויף פֿרויען, זיך מטהר צו זיין, באַהעפֿטן זיך צום אייבערשטן און זיך צו היי־ליקן.

און ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז איך פֿלעג מיך אַליין שטראָפֿן, הלמאַי איך עס ביי פֿרעמדע. ר' פּינחס בן יאיר האָט קיינמאָל קיין המוציא נישט געמאַכט אויף אַ שטיקל ברויט, וואָס איז נישט געווען זיין אייגנס. און באַזונדער, אַז איך בין דאָך נישט גלייך צו אַנדערע.

ס'איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ איז געווען אויסגעמישט מיט געמיינע געפֿילן, מיט פּאַסקודנע תּנועות און מיט נאַרישע טאַטן, אַ רעזולטאַט פֿון מיין נאַטור און פֿון מיינע לעבנסבאַדינגונגען אין יענער צייט. ליכט און פֿינצטערניש, ריינקייט און טומאה, הייליקייט און וואָכעדיקייט האָבן גע־הערשט צוזאַמען, אין איין פֿלאָנטער.

און אַמאָל פֿלעגט מיר פּלוצים איינפֿאַלן אַריינצוגיין אין הויז פֿון איינעם פֿון די שטאָטישע משׂכּילים, ווייזן אים מיינע שירים און אים אויסדערציילן אַלץ:

— קוק נישט אויף דעם, — פֿלעג איך אים זאָגן, — וואָס

איך בין אַ ישיבה־בחור לויט מיין אויסערלעכקייט, וואָס מיין שפּראַך איז צעקאַלעטשעט. איך האָב זיך נישט געלערנט שיין צו רעדן. אַ נשמה האָב איך, מיין הער, אַ נשמה און אַ האַרץ — אַן אומרויִק האַרץ, אַ נשמה, וואָס שטרעבט צו ליכט...

אַזוי פלעג איך אים זאָגן.

און די טעג גייען פאַרביי, פאַרשווינדן...

איך בין שוין אַלט געוואָרן פולע זיבעצן יאָר... און איך זיץ אין קלויז...

---

צום לעצט איז געקומען דער אַנטשיידענער קריזיס.

ס'איז צעשטערט געוואָרן דער טעמפּל, צעבראָכן געוואָרן די וואַנט, ליידיק געוואָרן דאָס אָרט, פונעם פייער איז אַ פלאַם געוואָרן. אַוועק מיינע יונגע יאָרן...

די פראַגע איז געלעזט געוואָרן, זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין — איך מוז פאַרלאָזן אינגאַנצן דאָס בית־מדרש, אויף שוין מער זיך נישט אומצוקערן, איך דאַרף פאָרן קיין א., אין דער גובערניע־שטאָט אַריין, כּדי זיך צו פאַפּולקאָמען אין לימודים.

צ., מיין געבורט־שטאָט, ליגט אויפן וועג, וואָס פירט פון דער שטאָט, ווו דער „קיבוץ" איז, ווו איך האָב געלערנט, קיין נ., איך בין געווען געצווונגען אָפּצוטרעטן אַהיים צו מיי־נע עלטערן.

די מאַסקע, וועלכע איך האָב מיר געמוזט אָנטאָן, בעת איך בין געווען ביי מיינע עלטערן, איז מיר געווען זייער שווער. אָבער איך האָב מיך באַרעכטיקט: נישט צוליב מיין טובה וועגן פּראַווע איך דאָך צביעות, נאָר צוליב דער רויִקייט פון מיינע עלטערן, וואָס כאָטש זיי זענען „פינצטערע פאַנאַטיקער", האָב איך דאָך נישט קיין רעכט זיי צו פאַרסמען זייער לעבן. אין פלוג איז די זאַך געראָטן: איך בין נאָך נישט געווען געוווינט זיך אויפצופירן פריי, צו זיצן מיטן „בלויזן קאָפּ", צו עסן אָן אַ ברכה, און ענלעכע זאַכן, וואָס

האָבן אַ שייכות צו דער פּראַקטיק. אָבער די ענדערונג אין מיין גייסט, וועלכע איז געווען „גרויס ווי דער אָפּגרונט", האָט אַרויסגעבראַזט אינדרויסן אַרויס. טראָץ מיין גאַנצער פאַרזיכטיקייט.

— בכן, הייסט עס, האָסטו דעם לעצטן ווינטער בלויז איבערגעחזרט „סדר מועד"? — שמועסט מיט מיר מיין פאָטער דעם ערשטן טאָג פון מיין קומען — המ... אָבער... דאַכט מיר אַז אין „סדר מועד", אין די „בבות", ביסטו געווען בקי נאָך פאַר צוויי יאָרן, אַ?

— כע... — שטייט בעת מעשה מיין מוטער און האַלט די הענט אויפן האַרצן — ירמיה...

— וואָס ווילסטו, מאַמע? באַמי איך מיך צו מאַכן זיסער מיין שטימע, אַ דערפרייטער, וואָס האָט איבערגעריסן די פראַגע וועגן מיין לערנען.

— דו הערסט?... כ'האָב ערשט געקוקט אין דיין קעסטל...

— נו?...

— כע... כ'האָב געמיינט... דער טאַטע האָט געמיינט... וועסט קומען אויסגעפּוצט... האָסט דאָך דאָרטן תלמידים אין דער ישיבה... ערשט... בלויז ספרים...

— ספרים? — גיט זיך אַ כאַפּ דער טאַטע — וואָסערע ספרים?

— ספרים!... „על פרשת דרכים"...

— וואָס איז דאָס? אַ „שאלה-ותשובה"?

— ניין.

— טאָ זאָג-זשע: „ביכל"! וואָס-זשע זאָגסטו: „ספר! ספר!", זאָג אַ „ביכל" — וועל איך וויסן...

הייבט זיך דאַן אָן מיין מאַמע צו דערמאָנען, אַז ווען איך בין אַהיימגעקומען דאָס פריערדיקע מאָל, זענען ביי מיר אין קעסטל געווען „יורה-דעהס".

— נו, הער שוין אויף, הער אויף מיט דיינע טענות! — שרייט אויף איר דער טאַטע — דו זעסט דאָך, אַז ער איז

פאַרטון מיט זיינע אייגענע מחשבות און הערט נישט, וואָס דו רעדסט... ניין, ירמיה, אויף אַן אמת... טאַקע אַזוי, קיין געלט האָבן מיר נישט געשיקט, אָבער צו קויפן אָט די שמאַטעס, זאָלסט מיר מוחל זיין, האָסטו געהאַט געלט... מיין נישט... איך בייזער זיך נישט אויף דיר, חלילה: ס'איז דיין געלט... אָבער ווו גייט דאָס אַ מענטש אַרום הויל-נאַקעט? נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט... דו טראָגסט דאָך אַ וואָכעדיק מלבוש... עס איז דאָך אַ חרפה און אַ שאַנד פאַר לייטן...

— וויי איז צו מיר! — העלפט די מאַמע אונטער מיט אַ יללה — וואָס וועט ער אָנטון צי גיין אין בית-המדרש?

— איך רעכן איננאַנצן נישט גיין...—רייסט זיך ביי מיר אַרויס, איך האָב באַלד חרטה און איך פאַרשעלט מיין נאַרישקייט.

— איך קום פון וועג... און עס איז אַ שלעכט וועטער...— פרוּוו איך זיך פאַרריכטן מיין פעלער.

— אָבער דער בית-מדרש איז דאָך נישט ווייט פון אונזער שטוב! — האָבן דער טאַטע מיט דער מאַמען אויסגערופן ביידע מיטאַמאָל.

אין בית-מדרש שאָקל איך נאָר מיט די ליפן, איך גיב נישט אַרויס קיין קול. אין אַ פרייער מינוט קוק איך אַריין אין אַ „עין-יעקב", אין אַ „מדרש". דער שמש פרעגט ביי מיר, וואָס פאַראַ עליה איך וויל, און באַקומט אַ תשובה: נישט קיין חילוק, וואָס איז די נפקא-מינה?

איך בין געוואָרן בעסער געשטימט.

דאַן האָט דער טאַטע אָנגעהויבן קנייטשן מיט די אַקסלען און ביי יעדער געלעגנהייט, אָן שום צוזאַמענהאַנג, באַפאַלן אָט די גראָבע יונגען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט השכלה...

— קען-טע-ניש... — פלעגט ער מיט שפּאָט אויס-ציען דאָס וואָרט — שוטים! צוליב וואָס? צו ווערן אַ דאָקטאָר איז פאַר אַ יידן הייַנטיקע צייטן זייער שווער... וואָס זשע דען? שרייבן „פראָשעניעס"? מיר זעצן דאָך די

גליקן פון פנחס דעם שרייבער... ער גייט ממש אויס פון הונגער...

— אַ פּראָשעניע, אַ ביטע, ירמיה, — פלענט ער צומלעצט זיך פלוצים ווענדן צו מיר, — אַ ביטע קען מען קריגן פאַר אַ גילדן און אַ בלאַט גמרא קאָסט אַ רובל!

ער האט אויך געפּרובט מיך אָפּצורעדן פון מיין נסיעה קיין ג. וואס וועל איך דאָרטן טאָן? בעסער איך זאל בלייבן אין מיין געבורטשטאָט און לערנען אין דעם רבס נייער ישיבה (ר׳ חנן־נתן וועט דאס האלטן פאר אַ כבוד און וועט זיך פריי־ען דערמיט), כ׳וועל מיר נעמען אַ צוויי־דריי תלמידים, כ׳וועל פאַרדינען אַ ביסל געלט און איך וועל מיר אויפנייען שבתדיקע בגדים. איך זע דאך, אז אויך עובדיה טוט אזוי...

— אָבער דאָ וועל איך נישט לערנען ווי געהעריק...

„הוי גולה למקום תורה״, זאָלסט אוועקוואנדערן אין אַן אָרט פון תורה... אין ג. איז פאַראַן אַ קיבוץ פון הונדערט בחורים... און בכלל פאַרשטיי איך נישט... איך פאָר לערנען!...

— הער מיך אויס, ירמיה, מאַך זיך נישט פאר מיר תמעוואטע, נאר מיך נישט!... איך ווייס אלץ, וואס ביי דיר קומט פאר ירמיה. איך ווייס עס זייער גוט, נאך מער, ווי דו אליין ווייסט... אט איז די האָפענונג אונזערע, יהודית!... אלימלך האט געזאגט...

— איך פארשטיי נישט, וואס ווילסטו? איך פאר לערנען!

דער טאַטע גיט אויף מיר אַ קרומען קוק.

— דו פאָרסט לערנען!... אוודאי פארסטו לערנען! וואס דען זאלסטו טאָן? אָבער וויאזוי וועסטו לערנען? דער עיקר איז, וויאזוי דו וועסט לערנען!... דאמאָלס האָב איך דיר נישט געשטערט פאָרן, אבער איצט... איך לאָז נישט ארויס, חלילה, אויף דיר אַ שם רע. אדרבה, דו ווילסט אַ ביסל עוסק זיין אין השכלה — נו נו!... איך בין נישט ישראל דרדקי־מלמד, איך פארשטיי. אז איצטיקע צייטן — אויב מזאָל נישט פטרן דערויף קיין צייט — איז קיין רייד נישט... לויט מיר נאך, צווישן חסידים זיי אַ חסיד און צווישן

משפילים — משפיל; גוט, אז סוועט דיר אויסק׳מען צו רעדן מיט אזעלכע מענטשן — ווייז זיי, אז דו פארשטייסט זייערע ענינים און פארשעם זיי... איך וועל דיר נישט שטערן דערצו אויך דאָ... לערן זיך אַ ביסל... עובדיה לערנט זיך אויך... אָבער נאך וואס דארפסטו אוועקפאָרן? צי דו וועסט שוין איצט ווערן אַ רב — גאָט ווייס... הייסט עס, אַ „באַלעבאַטישער" בחור — דאַנקען גאָט!... איך קלאָג זיך נישט... וועסט לערנען דאָ — ציט ער אויס אויף זיין שפּראַך.

— פארוואס נישט, מיין זון? פארוואס נישט? — העלפט אים צו מיין מאַמע.

אומזיסט אלע רייד! — עקשן איך מיך — דאָ וועל איך נישט בלייבן...

— אָבער פאָר, פאָר דיר געזונטערהייט!.. ווער פארהאלט דיך?.. גיי דיר אין דיין וועג, וואס דו האָסט זיך אויסגעקליבן... טו, וואס דיין הארץ גלוסט... איך זע, אז דו האלטסט זיך קליגער פאר מיר טויזנט מאָל... אַ פילאָזאָף!.. בשם אלהי... פאָר... אָבער זאָלסט דערנאָך קיין חרטה נישט האָבן, ירמיה! געדענק, אז עס וועט דיר שפּעטער באנג טאָן!..

איך בין געווען זיכער, אז איך וועל קיין חרטה נישט האָבן. איך האָב געפרוּבט אויך עובדיהן איבערעדן, ער זאל פאָרן מיט מיר צוזאמען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט.

ער האט דערפילט די ראָל פון א האלב משפיל ביי זיך אין שטאָט, וואס אגיטירט צו אַבאָנירן העברעאישע צייטונגען, שיקט קאָרעספּאָנדענציעס, לערנט אין געהיים די ישיבה-יינגלעך תנ״ך און דקדוק. זיין מאמע האט געזען באשיינפערלעך די נוצלעכקייט פון דידאָזיקע זאכן, וואָרום איר עובדיה שרייבט אדרעסן, „נעמט אָפּ די פּאָסט", און אז מ׳האט אמאָל גערופן ר׳ חנן-נתנען צום שטאָט-באַאמטן וועגן עפּעס אַ געשעעניש און ער האט נישט פארשטאַנען קיין איין וואָרט פון דעם. וואס יענער האט געזאָגט — האט זי זיך נאכמער איבערצייגט, אז אויך א רב דארף קענען יענע זאכן, אויף

וועלכע עובדיה פארברענגט זיין צייט. און ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז אויך ר׳ חנן-נתן נישט געווען געטריי צו זיך אין זיין באציונג צו עובדיהן. אָבער מהאט זיך לייכט געקענט פאָרשטעלן, אז די זאך גייט נישט אָפ דעם טאטן אָן גרויסע ליידן. אין אַ הייסער מינוט פלעגט ער רופן דעם זון „קאָנדוקטאָר" און „אגענט"...

ס׳איז מיר אמאָל אויסגעקומען בייצוואוינען אזא סצענע. די רביצן האט גערעדט וועגן עובדיה׳ס קלענערן ברודער, וועלכער איז געווען זייער קראנק. זי האט געלאכט פונם דאקטארס עצה, ער זאל ווייניקער לערנען. נאָר א „גוי" קען געבן אזעלכע עצות. אים איז עס גרינג. באמת, די דאָקטוירים וויסן גארנישט אייננאונאיינציקן דאָקטאר האבן מיר און נאר אויף אים דארפן מיר זיך פארלאָזן. מ׳האט דאך טאקי נישט געפאָלגט דעם „שמאָקטער", און מענדעלעס קאָפ-ווייטיק איז קלענער געוואָרן! קלאָר ווי דער טאָג, אז ס׳איז נישט מער ווי אן עין־הרע, און מ׳דארף רופן ר׳ ישראל דרדקי-מלמד, ער זאל זי אָפשפרעכן, ער איז אַ מומחה דערצו.

— עט, עין־הרע... — וויל עובדיה אָנטאָן אַ נחת־רוח מיין פריידענקערישקייט.

— וואס ? ! — האט זיך א כאפ געטאָן ר׳ חנן־נתן, וועל-כער איז אָן דעם אויך געווען אין כעס — וואס ? דו גלויבסט שוין אין קיין עין־הרע אויך נישט... „קאָנדוקטאָר" מיינער !.. די גמרא איז פול מיט אָפשפרעכענישן און מיט סגולות... רב האט געזאגט : ניין און ניינציק פון הונדערט שטארבן פון עין־הרע.. און ער—דער „אגענט" !.. ווען דו וואָלסט, לכל הפחות, געהאט פארשטאנד זיך צו שעמען פאר מיר... פאר שלום-געצלס זון—אַ, דו ביסט אויך דא, איך האב דיך גאר-נישט געזען — נו, דאָרטן צווישן זיך וועט איר זיך געבונג אָנרעדן על השם ועל משיחו... הם... ירמיה, אויך אין דיר האב איך א טעות געהאט...

איך האָב דערנאך גערעכנט אויסצונוצן דידאָזיקע סצענע :

— דיין מצב, עובדיה, איז א נישט נאטירלעכער; ביסט געצוואונגען צי זיין צביעותדיק און צו פארדעקן דיינע געדאנקען, און דאָרטן!..

— ניין, ירמיה, הער אויף צו רעדן נארישקייטן. ערשטנס, פארשטייסטו דאָך אליין, אז מיינע עלטערן וועלן מיך נישט לאָזן פארן, זיי געפינען זיך אין א צרה... קען איך גיין קעגן זיי?.. און איך האב סך הכל פופצן רובל.

— און איך האב דאך קיין פינף אויך נישט...

— אין מביאין ראיה מן השוטים, מ׳נעמט נישט אראָפ קיין ביישפיל פון נאראָנים! כא-כא-כא... ניין, ירמיה, אינדערֿאמתן, וואס וועל איך טאָן מיט פופצן רובל? נאך עפעס... ווייסט, וואס איך וועל דיר זאָגן?.. כ׳האב מורא, טאָמער וועל איך בלייבן נישט אהין, נישט אהער...

— אַ וודאי!.. אָט דאס איז דאך עס, וואָס איך זאָג...

— ניין, נישט דאס מיין איך... איך מיין, כ׳מיין צו זאָגן, אז סוואָלט גוט געווען, איך זאל אָנהויבן לערנען... מיט אן אמת... פארשטייסט? מיט אן אמת..

— וואס לערנען?

— לערנען!

— ס׳הייסט, אַוועקוואַרפן די „אפיקורסות" און קריגן סמיכה?

— און באמת, ירמיה, וואס מיינסטו... איך וועל דיר אנטפלעקן מיין געדאנק, אז סוואלט באמת גוט געווען, ווען די משכּילים פארלאָזן נישט די רבנות, מיר וואָלטן דאן געווען גערעטעוועטע...

— נו, נו, איך בעט דיך... לויט מיר, איז גאָרדאנס ר׳ וואָפסי טויזנט מאָל בעסער פון יענע יונגעלייט, וואס מיר קענען, פון די צבועקעס, ימח שמם! ס׳איז מיר ליבער אַ נאָגל פ.ן די נאַאיווע פרומע לייט ווי דער גאנצער בויך פון די פרייגעזאָגענע צבועקעס, די „היינטיקע", כלומרשט, וואס רעדן וועגן „דארווין" און „באָקל", און אז ס׳קומט צו עפעס, זאָגן זיי: „מיר קענען דאך נוט דידאָזיקע קאָמפּאַניע; אונז ווע‍ט

כען נישט געגאַרן". אבער לאָמיר עס אָפלאזן. איצט ענטפער מיר נאר אויף דער קליינער פראגע: וויאזוי קענסטו, דו, וואס האסט פארזוכט פונם עץ-הדעת, פארברענגען דיין צייט מיט די דינים פון קדשים און קרבנות, מיט די דינים...

— ירמיה! כ'שווער דיר, אז איך פארשטיי נישט, וואס דו רעדסט, צי דען געפעלט דיר טאַקי נישט דער תלמוד, וואס איז שטענדיק געווען די פעסטונג-מויער פון אונזער נאַציאָנאַליזם אין אלע צייטן פון אונזער גלות-לעבן? צי דען אָסטו פארגעסן דעם מאמר „ישראל ואורייתא", יידן און די תורה, וואס דו האסט אליין געשריבן? אויך איך בין נישט מסכים מיט די חומרות, וואס מ'האט מוסיף געווען נישט לויטן דין נאך, נאר צוליב „ויש נוהגים לאיסורא", „אַנדערע זענען זיך נוהג צו אסרן", אָבער קעגן תלמוד גופא!..

— נו, עובדיה, ווייזט אויס, אז איך מוז פאַרן אליין...

און ס'איז נאָך נישט אַדורך דער יום-טוב — און איך בין שוין געווען אין ב.

## י״א.

יאָ, מיין פאַרגאַנגענהייט איז אַ פינסטערע, אומגליקלעכע און שפלדיקע פאַרגאַנגענהייט, ווייל זי איז מיינע, אַ פאַרגאַנגענהייט פון אַזאַ מענטש, ווי איך; אָבער אין אַ געוויסער מאָס בין אויך איך דאָך איך, ווייל איך האָב אַזאַ פאַרגאַנגענהייט, אַ פאַרגאַנגענהייט פון קליינלעכקייט, אַ פינסטערע, אומגליקלעכע און שפלדיקע פאַרגאַנגענהייט.

איצט בין איך בעל־כּרחו אומגליקלעך, ווייל איך טראַכט, און דאָס טראַכטן ברענגט צו דער צעשטערונג פון די אילוזיעס — און עס נעמט צו דעם טעם פון לעבן. פון אייביק אָן האָט דאָס לעבן פיינט די דערקענטניש און דאָס פילאָזאָפירן, ווייל די ביידע זאַכן זענען זיינע געפערלעכסטע פיינט, זיינע שרעקלעכסטע קאָנקורענטן. די תּקיפים פון אונזער וועלט, די רייטערס און די פירערס פון איין זייט, און די עם־האָרצים, די ווייבער און די המונישע אַבער־גלויבנס פון דער צווייטער זייט, האָבן תּמיד און אייביק פיינט די פילאָזאָפען און די וואוילגעלערנטע, און דאָס איז נישט אָן אַ גרונט. דער מענטש וויל לעבן, און ווען ער פילט, אַז ער איז אָפּהענגיק פון עפּעס, וואָס געפינט זיך מחוץ פון אים, פון אַן אַנדער רוח, וואָס טוט אַלץ, ווי ס׳געפעלט אים, — ציטערט ער, דער מענטש, און פלאַטערט, ער בעט זיך, ער וואַרפט זיך צו די פיס, ער זוכט רעטונג און הילף, און ער גלויבט, אַז ער געפינט עס. נידער, דעריבער, מיט די געטער־פאַרלייקענער! עט איז סאָקראַטעס — גיט אים אויסצוטרינקען אַ בעכער גיפט...

אָבער איך פאַרפילאָזאָפיר מיך פאַרבייגייענדיק – גענוג ! – מיט וואָס האָב איך אָנגעהויבן ? יאָ, דערמיט, וואס איך בין אומגליקלעך !..

אן אומגליקלעכער. אלץ פארשאפט מיר ווייטיק און אלץ איז מיר שווער. ס'איז מיר שווער אפילו צו אנטרינען פונם פאלש און פונם אויספיינען זיך. מיין אויספיינען זיך נעמט אָן אן אייגנארטיקע פאָרם און עס פאַרקערפערט זיך אויף א קאָמישן און משוגנהדיקן אופן. –

ווען איך רעד מיט עמיצן אָדער איך קום ערגעץ אין א נייַ אָרט — זע איך אויס דאַן מיט אלע מיינע רייד און באוועגונגען, און אפילו מיטן ריר פון מיינע ליפן און מיטן קלאנג פון מיין שטימע, ווי איינער, וואס זאָגט : „קוקט נישט אויף דעם, וואס איך בין אזוי און אזוי... בעסער, זאלסט ענדערן דיין מיינונג וועגן מיר"...

און דאס איז א רעזולטאַט פון מיין פארגאנגענהייט, א פּראָדוקט פון מיין תמידיקן געפינען זיך אין אַ אומנאָרמאַלער לאַגע, צווישן פרעמדע מענטשן, אָפּהענגיק פון אַנדערע, נעבעכדיק און לחלוטין נישט אָנגעזען...

תמיד... יאָ אין א אומנאָרמאַלער לאַגע האב איך זיך געפונען נישט בלויז אין די צייטן פון מיין זיצן אין קלויז, נאר, און זיכער נאך אין א סך אַ גרעסערער מאָס, אויך אין דער תקופה פון „מיין אַרויסגיין אויף דער ברייטער וועלט", ווען מיין אויסערלעכע שאָלעכץ — מיין באַשיצער האב איך נאך אויך נישט געהאַט...

נישט קיין געפילן פון א זיגערישן העלד זענען געווען מיינע געפילן, בעת איך האב מיך אומגעקערט פון דעראזיקער הארץ־מלחמה מיינער, וועלכע האט געדויערט עטלעכע יאר. איך האב מיר אויסגעזען אין מיינע אויגן שפלדיקער פון אלע מענטשן, וואס אויף דער ערד. איך פלעג אַראפּלאזן די אויגן און פלעג דערשפירן א הארצקלעמעניש, ווען עמיצער פלעגט מיך באַטראכטן. כ'האב, אמת, געוואוסט, אז איך פאַרמאג גוטע פעאיקייטן. אבער וואס בין איך ? אַן אבסאלוטער

גייכטיקער אָרימאַן. פֿונעם גאַנצן פֿאַרמעגן, וואָס איך האָב צונױפֿגעקליבן פֿון מײַן קינדהײט מיט אַ סך מי און מאַטערניש, איז גאָרנישט פֿאַרבליבן. ווי אַ קינד, וואָס איז ערשט געבוירן געוואָרן, בין איך בײַ מײַן אַכצנטן לעבנסיאָר!

מיט אויסטערלישע אויגן האָב איך געקוקט אויף יעדערן, וואָס האָט געהאַט וויסן. אַ מאָדנע באַציאונג איז געווען בײַ מיר צו יעדן געלערנטן, צו יעדן משכּיל. וואָס בין איך אַנטקעגן אים? איך, וואָס איך קען נישט לייענען רוסיש!

אָבער מײַנע געפֿילן זענען קײנמאָל נישט געווען פֿון אײן קאָליר: צוזאַמען מיט דער אָנערקענונג פֿון מײַן שפּלדיקייט און מײַן נישטיקייט, צוזאַמען מיט דעם טיפֿן און אײגנאַרטיקן טרויער, וואָס האָט אין מיר דאַן אַ נעסט געפֿונען, האָבן מײַנע אויגן געקוקט אין דער צוקונפֿט אַרײַן, האָב איך געפֿילט אין מיר כּוח און קראַפֿט זי צו דעראָבערן. איך פֿלעג מיך אויך זײער פֿרײען אויף די רעליגיעזע קײטן, וועלכע זענען פֿון מײַן גײַסט אַראָפּגענומען געוואָרן, אויף דער פֿרײַהײט און אומגעצוימטקייט, וואָס איך האָב איצט געהאַט, אויפֿן יאָך, פֿון וועלכן איך בין פּטור געוואָרן. צו פֿירן זיך אַבסאָלוט פֿרײַ, נישט צו גלויבן אין נאַרישקײטן, — דאָס איז פֿאַר מיר געווען אַ רעליגיע — אַ פּאָזיטיווע און אָנגענעמע גלײַכגילטיק. די פּוסטקייט, וואָס עס האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אין האַרצן די אָפּלײקענונג, האָט זיך נאָך דעמאָלס נישט געהאַט אַנטפּלעקט אין אירע אַלע שרעקלעכקײטן. די גאַנצע גרויליכקײט פֿון אַ לעבן אָן אַ גאָט האָב איך נאָך דעמאָלס נישט געשפּירט, און אַפֿילו דאָס אָרט, וואָס איז בײַ מיר פּוסט געוואָרן און האָט זיך צוזאַמענגעקוועטשט פֿון ווײטיק, האָט געגאַרט צו דעם נײַעם, עס זאָל אָנקומען און עס אויספֿילן...

אינעם שינוי, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין מײַן לעבן, אין מײַן אײנזאַמקײט, אין מײַן האַלב־הונגערן האָב איך געשפּירט עפּעס אַ נשמה־שטרעבן, עפּעס אַ דערנענטערן זיך צום אידעאַל, עפּעס אַ דערהויבענע פּאָעזיע. און אַז איך פֿלעג רעדן מיט

עטיצן וועגן מיר — דאָס האָב איך דאַמאָלס זייער ליב גע־
האַט — איז דער טאָן פון מיינע רייד געווען אַ שטורמישער,
אַ פעסדיקער און אָפט פּמעט אַ רעזיגנירנדיקער (פאַרשטייט
זיך, טיף אין האַרצן...) אָבער ער האָט זיך אין קיין פאַל נישט
געקלאָגט, כאָטש עס האָבן מיר דאַן געפעלט סיי אַ דירה, סיי
ברויט, סיי אַ לערער...

אַ גאַנצן טאָג פלעג איך אַרומבלאָנדזשען איבער די
קלויזן, — רשות-הרבים׳ס, וואָס זענען געווען אָפן אויך פאַר
מיר. אין דידאָזיקע ערטער פלעג איך באַקענען אַ סך פון
מיינסגלייכן, די „לאָמאָנאָסאָווס" פון אונזער גאַס: עטלעכע
פון זיי זענען געווען מיינע חברים אין אַלטן בית־מדרש,
וועלכע האָבן אים פאַרלאָזט פאַר מיר, אַלע זענען זיי געווען
אַנגעטאָן אָפּגעריסן און זייער אויסזען איז געווען קרענקלעך
פון לאַנגדויערנדיקן הונגער. צו מיר פלעגן זיי זיך באַציִען
ווי צו אַ ברודער אין ליידן און ווי צו אַ געזערלעכן קאָנ־
קורענט גלייכצייטיק. און איך פלעג זיי זייער שטאַרק מקנא
זיין: די דזשעקס פון זייערע היטלען זענען געווען גלאַנ־
ציקע, ווי די דזשעקס פון די רוסישע היטלען, און דאָס
האָט ביי זיי האַלבוועגס צוגענומען דעם געזיכט־אויסדרוק
פון באַנק־קוועטשערס, בעת איך בין נאָך ביי אַלעמען גע־
ווען פאַררעכנט פאַר אַ פשוטן ישיבה־בחור, וואָס סהאָט מיר
פאַרשאַפט אַ פולשטענדיקע גייסטיקע דערשלאָגנקייט. איך האָב
אויך מקנא געווען דעם צעקאַליעטשעטן רוסיש, וואָס זיי
רעדן, און כאָטש זייער ספּעציעלע באַמיאונג צו רעד׳ן אויף
דערדאָזיקער שפּראַך, צוזאַמען מיט די גריזן, וועלכע איך
פלעג אַפילו אָפט באַמערקן, פלעגן מיך שטאַרק שאָקירן, פונ־
דעסטוועגן — איך האָב דאָך גאָר קיין שפּראַך נישט, און
אַפילו רעדן אַזוי ווי זיי קען איך דאָך נישט! און זיי
רעדן פאַרט וועגן עפּעס אַ גאָנטשאַראָוו און וועגן אַ גאָגאָל,
וואָס זיי האָבן געלייענט. אויך איך האָב, אמת, געלייענט,
איידער כ׳האָב מיך נאָך אויסגעלערנט גוט רוסיש צו לייענען,

טורגעניעווס ראָמאַן „עלטערן און קינדער" אין אָריגינאַל; אָבער, ערשטנס, האָב איך דאָרט קיין סך נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט מיר נישט געשטערט צו רעדן וועגן אים צווישן דידאָזיקע חברים, און צווייטנס, פלעג איך אַרויסזאָגן דעם נאָמען טורגעניעוו אַליין מיט אַ מין מאָדנע „יידישער" אַקצענטירונג, אַז די הערער פלעגן זיך נישט קענען איינהאַלטן פון געלעכטער. און שוין אָפגערעדט דערפון, אַז די איבעריקע רייד פון מיינע חברים: שאַרפע אַריטמעטישע אויפגאַבן, שווערע „ברוכצאָלן", אויסגעצייכנטע כּללים פון דער גראַמאַטיק, אַ בקיאות אין געאָגראַפיע און לאַטיינישע ווערטער — דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען ווי אַ פאַרזיגלט בוך. סאיז געווען, סאיז געווען וואָס מקנא צו זיין!..

דידאָזיקע גליקלעכע האָבן אויך געהאַט עטלעכע לעקציעס, אַ פאַרדינסט פון אַ פיר-פינף רובל אַ חודש, בעת ביי מיר איז שוין גאָרנישט געבליבן אַ חוץ מיינע עטלעכע גילדן, און עובדיהס פראַגע, וואָס ער האָט מיך געפרעגט, ווען מיר זענען נאָך געווען און אונזער געבורטשטאָט, איז געשטאַנען אויף דער טאָג-אָרדנונג.

איך ווייס נישט, ווי וואָלטן געווען די געפילן פון אַ ראָמאַנטישן העלד אין אַזאַ לאַגע, — איך בין מיד געוואָרן, אַז סוגנצן אַדורך עטלעכע חדשים נישט-דערעסנדיק און נישט-דערשלאָפנדיק...

נישט וואָס איך האָב חרטה געהאַט אויף עפּעס — דאָס איז געווען אוממעגלעך לויט דער נאַטור פון די געשעענישן; נאָר איך האָב פאַרלוירן מיין אַנטשלאָסנקייט. די צייט גייט פאַרביי. קיין לערער האָב איך נישט. אין מיין זעלבסטלערנען זע איך נישט קיין דערפאָלג. כ'ביז הילפלאָז. פונוואַנען זשע וועט קומען מיין הילף?

ס איז מיר געווען ביטער.

און מיין פאָטער האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרביטערן מיין לעבן מיט זיינע בריוו. פאַרוואָס בין איך אַזוי גיך אַוועק-

געפּאָרן פונדערהיים? באַלד נאָך מיין אָפּפאָרן, חול־המועד, האט ער באַקומען אַ בריוו פון איינעם פון זיינע גוטע פריינט, אַ מלמד אַ שדכן פון ק״ק ס. און יענער בריוו, וועלכער איז געשריבן מיט אַ שינוי, מיט קרומע אותיות פון אויבן: „קרן תולדה דרגל״ (דאס הייסט: „קרן״, וואס דער בריוו איז אָנגעהויבן פון ווינקל פּאַפּיר, איז צוליבן „רגל״, צוליבן יום־טוב), איז געלעגן אינם קאָנווערט פון מיין טאַטנס, זאָל לעבן, בריוו, „כּדי מיר צו שטעכן די אויגן״. –

און דאס שטייט אין יענעם בריוו:

„נאָכדעם, ווי איך פרעג מיך נאָך אויף דיין טייער געזונט, ווי ס׳פּאַסט פאַר גוטע פריינט, קום איך מיטן דאָזיק שרייבן, היות ווי איך האָב געטון טאָן הערן און מיינע אינפ ווייניקייטן האָבן זיך נעפרייט צום טייערן נאָמען, ווי טייערער בוימעל פון דיין זון, דעם בכור, דעם מופלג און דעם חריף מהור״ר ירמיה, זיין ליכט זאָל העל שיינען, אז זיין נשמה גלוסט צו תורה און אז ער וואָגלט אין די ערטער פון די אויסגעצייכנטע טויערן צום לערנען, האָב איך געזאָגט, זאל ער זיין געבענטשט און געבענטשט, זאָל אים גאָט געבן כוח, און איך האָב טאַקי געזאָגט צו מיין הארץ, ס׳איז נישט גוט פאַר אַ מענטש צו זיין אַליין, תלמידי־חכמים דאַרפן שטאַרקונג, און ס׳איז באַקאַנט דער נאָמען פונם באַרימטן גביר דעם האַר מורנו ר׳ פינחס, זאָל לאַנג לעבן, און זיין פאַמיליע־נאָמען האַנדעלשטיין איז באַוואוסט אין אונזער מחנה, אַ גרויסער יחכן און אַ מפורסם אין עשירות, תורה און גדולה צוזאַמען, און ער האט אַ בת־יחידה אַ געלויבטע מיט אַלע מעלות, וואס אונזערע חכמים האָבן אויסגערעכנט, אַ שיין געשטאַלט און אַ שיין אויסזען א. א. וו. און זי איז אַלט ביי זיבעצן, ווי ס׳טרעפט אָן דאס וואָרט טו״ב, און לויט דער עצה פונם רבין וויל מען זי חתונה־מאַכן, האָב איך דעריבער צו מיר געזאָגט, אויב ביי גאָט איז רעכטפאַרטיק די זאַך א. א. וו. און דיר איז דאָך אָפן און באַוואוסט, אַז נישט קיין שדכן

און נישט קיין זון פון אַ שרכן בין איך און נאָר פון דיר ו עגן האָט מיין האַרץ געוואָלט טאָן אַ גוטע זאַך, דאס איבע־ריקע פאַרשטייסטו שוין".

און צומבעסטן האט דער טאטע מיינער געפונען א גוטע געלעגנהייט אויף מיר אנצופאלן און מיך צו שטראפן, חלמאי איך ברענג אום מיט די אייגענע הענט ממש אזא גרויס גליק.— דאס וועט א וודאי ארייננפאלן צו עובדיהן, — לייענענדיק דעם „עיקר שכחתי" פונם בריוו:

„איך האב מיר געטראכט, איך דארף נאך וויסן דאס, וואס די שלעכטע לייט רעדן אויף אים שלעכטס און זיי האבן ארויסגעלאזט א שם־רע אויף דיין זון דעם מופלג, זאל לעבן, אז, — ס'זאל אזוינס גארנישט טרעפן ביי יידן און חלילה זאל עס זיין ביי קינדער, וואס מיר האבן א חזקה, אז זיי דארף זיין גערעטן אין די טאטעס א. א. וו. — ס'איז באפאלן דיין זון דעם מופלג. זאל לעבן, דער אומגליק פון יוסי'ף דעת יוסיף מכאוב, וואס מער וויסן, אלץ ער־גער א. א. וו. און וייל איך האב ליב צורעדן בקיצור, האב איך מקצר געווען א. א. וו. און דער עיקר, אז זיי האבן אַ שטארצן נוצן פון דערדאָזיקער לשון-הרע, ווייל צו־זאמען מיט דיין זון גייט אויף אין איין רער דער זון פונם רב פון דיין שטאָט א. א. וו. בכן טו איך דיך טאָן וואָרענען מיט אַ גרויס וואָרנונג און באַוואָרעניש, אז דו זאָלסט נישט שווייגן און נישט פארזוימען ענטפערן מיר מכוח דער זאַך תיכף ומיד און זאלסט חלילה נישט עובר זיין אויף דער עבירה פון בל־תאחר, פון פארשפעטיקן, ווייל עס גייט דיר אין לעבן, און דער אויבערשטער, וואס זיצט אין פארבאָרגנקייט".

און דער אויבערשטער וואס זיצט אין פאַרבאָרגענקייט, האט זיך אויף מיר מרחם געווען דאָרט, וואו איך האב זיך געפונען און ר'האט מיר צוגעשיקט זיין הילף פון דער היי־ליקייט ארויס. אַרומבלאָנדזשענדיק פון קלויז צו קלויז, האב

איך זיך באַקאַנט מיט איינעם אַן אַלטן בטלן, אַ צוגעלאָזענער אַלטער, וואָס רעדט מיט אַלעמען מיט אַ פריינטלעך פנים, „אַ מענטש אָן אַ גאַל“, ווי ס'זאָגן וועגן אים די, וואָס קענען אים. ער פלעגט ליב האָבן צו שמועסן מיט מיר וועגן מצב פון דער יידישקייט, וואָס גייט אונטער כסדר, וועגן כבוד התורה, וואָס פאַלט פון טאָג צו טאָג, וועגן זיינע זכרונות פון אַמאָליקע צייטן, ווען די וועלט איז נאָך געווען אין דער בחינה פון „ונר אלהים טרם יכבה“, גאָטס ליכט איז נאָך נישט פאַרלאָשן געוואָרן, און וועגן די הייַנטיקע בעקלעך, רחמנא ליצלן, וואָס ווי זיי לייענען נאָר איבער עטלעכע „ביכלעך“, דרייען זיי זיך באַלד איבער, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין: זיי עסן טרפות, זענען מחלל שבת בפרהסיא, לייגן נישט קיין תפילין, מאַכן גלייך מיט דער ערד אַלץ, וואָס איז געשריבן אין דער תורה און זיי מיינען נאָך, אַז ס'איז אַ חכמה.

און מיר בעטן זיך ביי זיי מיט טרערן ממש: ברידער! איר ווילט לערנען אייערע היסטאָריעס — לערנט, וויפיל איר ווילט אַליין; וועמער וואָלט אייך דען געשטערט, ווען מיר זענען נישט, ווי איר, טוט אָפּ די ערגסטע זאַכן? האָט רחמנות אויף זיך אַליין, אויף די נשמות אייערע!

ס'האָט מיך געהאַרצט צו דעם אַלטן, און אויך איך האָב פאַר אים אויסגעלייגט מיינע טענות צו דער „שטאָטישער הפקרות“, וועלכע איז פון פרייהייט זייער ווייט, כ'האָב זיך אויך באַמיט אים אויפצווייזן, אַז נישט די ביכער זענען שולדיק אין דער ירידה פון דער רעליגיע. און כאָטש מיר האָבן גערעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, פרעמדע איינע צו דער אַנדערער, האָט מיך דער נאַאיווער בטלן געהאַלטן פאַר אַן אויסנאַם פון די אַנדערע, און איינמאָל האָט ער מיר אָפּגעזאָגט אַזאַ מין מאָנאָלאָג:

— דו... דו... מיין טייערער... באמת, אַזאַ בחור האָב איך אויסגעקוקט, און דעריבער איז מיין חוב, מיין טייערער,

דיר צו אַנטפּלעקן, אז לויט מיין מיינונג ווּעסטו דאָ נישט געפינען דיין באַגער. „לעקציעס אויף צו לערנען די העב־רעאישע שפּראַך”... ניין, וועסט עס נישט געפינען. אמת, איך בין זיכער, אז דו קענסט דידאַקטיק תּורה אַ סך מער פון אַנדערע, אָבער די חוצפּה, מיין ליבער, די עזות־דיקייט, וואָס דאס איז איצט דער עיקר ביי לערעריי, פאַרבאָרגסטו נישט... פאַרמאָגסט נישט קיין הינטישע שטיק... ביסט נישט אַזא „גלוח” ווי זיי... דאס איז אַ גרויסער הסרון.. אָבער — וואַרט נאָר... ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק... אַ דאַנק דעם אויבערשטן, איך פאַרנעם אַן אָרט דא אין קלויז... איך זיץ דאָ ביי אַ פערצן יאָר... אפשר וועט זיך טרעפן — וועל איך זיך באַמיען פאַר דיר... אַי, גוט!... גוט, ווי איך בין אַ ייד... אז מ'רעדט, דערעדט מען זיך... ר' אברהם שלום דער מוהל, אין דער יאַטקע־גאַס — איך עס ביי אים שבת שוין פולע אַכט יאָר — דאַרף האָבן אַ „לערער” אויף לערנען לשון־קודש און גמרא עטלעכע שעה אַ טאָג... פיר רובל געוויס, און אז איך וועל זאָגן, וועלן אפשר זיין די גאַנצע פינף!..

און ער האט געזאָגט און האט מקיים געווען זיין צו־זאָג. כ'האָב, אמת, פון פריער געהאַט אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס, איך זאָל נישט לערנען קיין גמרא — מעג זיין וואס עס איז, אָבער די אכילה האט אים גובר געווען.

און דאַמאָלט, ווען מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען פאַרזיכערט, האָב איך מיך אָנגעהויבן אונטערטרייבן, אז איך דאַרף מיר זוכן אַ לערער. פריער פלעג איך מיך פאַרענטפערן הלמאַי איך זוך נישט, וואָרום קמח איז פאַר תּורה. און ווייבאַלד ס'איז שוין געווען קמח — פאַר פיר שעה האָב איך באַקומען פינף זילבערנע רובל — איז שוין מער נישט געווען קיין שום פאַרענטפערונג.

אָבער אויך אָן אַ פאַרענטפערונג און אָן אַ זעלבסטאָפּ־נאַרונג זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ סך טעג און איך האָב נישט געהאַט קיין לערער. ס'האָבן נישט געהאָלפן אַלע חרפּות און זידלערייען, וועלכע איך פלעג אַליין אויסגיסן אויף מיין נשמה־

קליינלעכקייט, אויף מיין שוואַכקייט, שעמעוודיקייט, בטלנות, אויף מיין אוממענטשלעכקייט. ס׳האָבן נישט געהאָלפן אַלע צו־נעמעניש : „פוילער! שמאַטע!״ — וואָס איך פלעג מיך אַליין רופן. ס׳איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך — און קיין לערער האָב איך נישט...

און ס׳איז מיר מער נישט פאַרבליבן — מיר, וועלכן מ׳האָט געדאַרפט צערייסן, ווי אַ הערינג — ווי ווידער מקנא צו זיין מיינע גליקלעכע חברים, וועלכע האָבן כמעט אַלע געהאט פרייוויליקע לערערס. אמת, מיט דער צייט בין איך געוואָיר געוואָרן, ווי זעט אויס דאס דאָזיקע גליק, אָבער מיט דער צייט בין איך געוואָיר געוואָרן וועגן דעם ווערט פונם גליק פון נאָך אַ סך זאַכן. אָבער אין יענער צייט, ביי וועלכער איך האַלט איצט, זענען אין מיינע אויגן געווען אַלע לימודים פון גימנאַזיע, ווי דאס וואָס ס׳איז פאַר מיר געווען דער „תניא״ אין די יאָרן פון מיין קינדהייט. יעדער גימנאַזיסט איז מיינע אויגן געווען עפּעס אַן אויסגעצייכנט באַשעפעניש, אַ העכערע פון מיר אָן אַן ערך, עפּעס אַ געהויבענער. און יעדערער פון מיינסגלייכן, וואָס האט געהאָט אַ פרייוויליקן לערער, האט ביי מיר אויסגעזען ווי אַן אַבסאָלוט גליקלעכער.

— אַ לא־יוצלח בלייבט אַ לא־יוצלח — האט פון מיר חוזק געמאַכט קליינשטיין — כאַ־כאַ־כאַ, דו האָסט זיך גאָרנישט גע־ענדערט ווי דו ביסט געווען, בעת מיר זענען געווען ישיבה־בחורים... דו געדענקסט? דאַמאָלס פלעגסטו מיך תמיד בעטן, איך זאָל פאַר דיר קריגן „טעג״, און איך פלעג אויך האָבן „געלט־טעג״! איצטער פרעגסטו מיך : „וויאַזוי קריגט מען אַ לערער״?.. אויך מיר אַ מענטש! פאַרוואָס האָב איך געקריגן אַ לערער באַלד, די ערשטע טעג נאָך מיין קומען אַהער? כ׳בין געקומען אַהער, אַ לערער דאַרף מען האָבן — וואס טוט קליינשטיין? גיי איך און שטעל זיך אַוועק אויפן וועג, וואָס פירט פון דער גימנאַזיע, גייען פון דאָרטן גימנאַזיסטן, בין איך צוגעגאַנגען, געפרעגט — און באַקומען!

און איך שטיי נאָכדעם אַ לענגערע ווײַלע און חזר איבער

דאס וואָרט „שמאטע” אָן אַ שיעור. איך ווייס דאָך, אז דערפון הענגט אָפּ מיין גאַנץ לעבן, אז איך בין ווערט טויטשטראָף פאר דער צייט, וואָס גייט דורך אומזיסט צוליב מיין שולד, אז איך דאַרף טאָן ווי קליינשטיין און זיינסגלייכן האָבן געטאָן, זיי זענען העלדן אין מיינע אויגן — און איך קען עס נישט ! מיין פאַנטאזיע שטעלט מיר פאָר ווי לעבעדיק די גאַנצע סצענע : זיי גייען אַרויס קאָמפּאַניעס, קאָמפּאַניעסווייז, די ביכער-און העפטן-רענצלעך אויף די פּלייצעס, זיי שמועסן צווישן זיך, זיי לאַכן, אַלץ איז אין אָרדנונג, שיין, פריילעך, און איך — ווי אַ ווערימל זע איך אויס ביי זיי, ווי אַ ווערימל און נישט ווי קיין מענטש, קריכנדיק, לעכערלעך, נעבעכדיק, דערשלאָגן... איך ווער צעמישט און גיי צו צו אַ רוסישן... מ׳קען דאָך נישט אונטערשיידן צווישן זיי, ווער פון זיי עס איז אַ ייד... ער וועט נישט פאַרשטיין וואס, איך וויל... אַ וודאי, ווען איך וואָלט געווען אַ מענטש — וואָלט איך זיי געקענט דערציילן אַלץ ווי ס׳דאַרף צו זיין... אז איך האַב מיין גאַנץ לעבן פאַרבראכט אין קלויז, אז איך בין געווען אַ תלמודיסט... מ׳דאַרף דאָך זיי קיין סך נישט דערציילן... זיי זענען דאָך גימנאַזיסטן... צי דען וועלן זיי מיך נישט פאַרשטיין ? אַ, ווען איך קען רעדן רוסיש, לכל הפחות אַזוי ווי קליינשטיין, לכל הפחות אַזוי ווי ער... אָבער אפילו איצט... פאַרוואָס גיי איך נישט ? אוי, וואָס האָב איך מורא ? זיי וועלן דאָך מיך נישט אויפעסן... אוי. שמאַטע, שמאַטע, שמאַטע !

און איך באַשליס, אז ס׳איז בעסער, איך זאָל אריינגיין צו עמיצן פון זיי אַהיים. דאָרטן, פאר אַלעמען אין די אויגן — וועלן אַלע פון מיר חוזק מאַכן, און דאָ, אויב מ׳וועט מיך אַרויסטרייבן — וועל איך אַליין צוזען מיין חרפה. אָבער, בכלל, וואָס אַרט מיך, אז מ׳וועט פון מיר לאַכן, אויב דורכדעם וועל איך דערגרייכן מיין ציל ?! אמת, דאָרטן, אין גאַס, אפשר וואָלט זיך געפונען איינער אַ פרייוויליקער... ניין, פונדעסטוועגן, בעסער איז אַריינצוגיין צו עמיצן פון זיי אַ היים...

אָבער צו הֹעמען אַריינגיין און וויאַזוי אַריינגיין? ווען איך וואָלט, לכל הפחות, געהאַט עפּעס אַ רעקאָמענדאַציע.

ענדלעך האָב איך באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע. און נאָכדעם, ווי סזענען אַדורך עטלעכע חדשים, נאָך אַ תקופה פון אַריינקומען און ארויסגיין אין הייזער, וואו שילער פון גימנאַזיע אָדער פריוואַטע לערערס וואוינען דאָרט, נאָך אַן אָנזעטיקן זיך מיט שאַנד פון אַרויסגעטריבן ווערן פון קיך, פון אַ שפּיליען די קנעפּ און אַ לייכט הוסטל פאַר די מינוטן פון אָנזאָג, נאך די געפילן פון גליק ביים באַקומען אַ גוטן צוזאָג און מינוטן פון אַנטוישונג ביי זייער אָפּזאָג, סוף-כל-סוף, נאך די אונטערטעניקייטן, וואַרטעניש, צוזאָגן און אָפּזאָגן, נאָכן שטילן און שעמעוודיקן גערANGל מיט די משרתים פון די הייזער, נאך דער מסירת-נפשדיקער העזה אַריינצוקומען אינעווייניק אין שטוב אַריין און די אַלע אָנצאָליקע פארשיידענע מינוטן, ווען טויזנטער פּיאַווקעס זויגן דאס בלוט, — נאכדעם אַלעם בין איך אויך געוואוירר געוואָרן דעם ווערט פון דעמ־דאָזיקן לערנען זיך: איך האָב שוין געהאַט עטלעכע לערערס איינער נאָכן אַנדערן, און אַלע פלעגן מיט מיר אָנהויבן פון אָנהויב, און אַלע פלעגן זיך צו מיר באַציען אויף איין שטייגער און אַלע פלעגן צו מיר רעדן מיט אַ געוויסן טאָן — און אַלע פלעגן מיר אויפווייזן, אז ס׳איז אומזיסט מיין מאַטערניש, אז דערדאָזיקער וועג וועט מיך קיינמאָל נישט פירן צום ציל...

אָט קום איך צו מיין לערער אין שטוב. ער לערנט מיך דריי מאָל אין וואָך, נאר איין מאָל — זענען פונקט דאָ געסט ביי זיינע עלטערן; אַ צווייט מאָל — געפינען זיך די חברים זיינע ביי אים אין צימער, אַמאָל אויך עפּעס אַ מיידל, און איך האַלט מיר פאַר אַ גליק זיך באַלד אומצוקערן און נישט צו ווייזן זיך פאר זיי: אַן אַנדערש מאָל איז דאס וועטער זייער גוט — גייט ער אַוועק גליטשן זיך אויפן אייז אָדער שפּאַצירן און ער הייסט מיך קומען אין אַן אַנדער צייט. נאָר אָט האב איך אים געטראָפן אינדערהיים, דארף ער

אָדער פאַרענדיקן זיין מאָלצייט אָדער טרינקען טיי, הייסט ער מיך אַריינגיין לעת עתה צו אים אין צימער. איך הויב אָן אַ צווייט מאָל אָפּצושרייבן מיינע שיך. דאס ערשטע מאָל איז דאס רייבן פאָרגעקומען אונטער דער אויפזיכט פון דער דינסט, וואס גיט אַכטונג אויף דער אָרדנונג, און איצט רייב איך שוין פון אייגענער אָנרעגונג, אָן אָנרעגונג, וועלכע פליסט אַרויס פונם יושר־געפיל, וואס אין מיר. נאָכן רייבן הוסט איך, כ׳גיי אַריין אין ליידיקן צימער און זעץ זיך אַוועק אויף איינעם פון די געפוצטע שטולן מיט דער באַוועגונג פון אַ מענטש, וואס ציטערט יעדע מינוט, טאָמער וועט זיך עפּעס צעברעכן. אין האַרצן דאָב איך אַ געפיל, ווי איינער וואס מ׳האט אים פאַרמשפּט שמייסן, און דער טערמין פון שמייסן איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף נאָך אַ טאָג. עס גייען פאַרביי מינוטן אין אומאַנגענעמלעכקייט. טראַכטן בין איך נישט פעאיק, און בלויז שטיקלעך טראַכטונגען וואַרפן זיך אַרום אין מיר, און זיי דרייען זיך אַרום דעם בוך, וואָס איך האב יענעם גאַנצן טאָג געלייענט. ווארום, היות ווי מיין לעקציע איז גרייט נאָך פון דינסטיק אָן, האָב איך שוין מער נישט גע־האט וואס צו טאָן מיט איר און איך האָב אַ גאנצן טאָג גע־לייענט, נישט קענענדיק גובר זיין מיין תאווה, טראָץ דער שט׳מע, וואס האט מיר די גאַנצע צייט אונטערגעזאָגט, אז כ׳דאַרף נאָכאמאָל דורכקוקן מיינע לימודים און זיי איבער־חזרן. דער גאַנצער גאַנג פון מיינע געדאַנקען און דער גע־לויף פון דידאָזיקע גלוסטונגען מיינע גייען פאַר מיר דורך, ווען איך זיץ אויפן שטול ביי מיין לערער אין צימער, און איך זע אויס אין מיינע אויגן, ווי אַ גרויזאַמער פארברעכער. אַ חרפה און אַ שאנד. ער לערנט מיך אומזיסט... יאָ, מ׳דארף נאָכאמאָל איבערחזרן די געאָגראפיע; לכל הפחות, די פּאר־שאָלטענע געאָגראַפיע... וואס איז דאס? צי דען דארף איך מיך צווינגען דערצו? איך האָב עס דאָך געדארפט אליין וועלן. איך בין דאָך נישט קיין קינד, וואס לערנט זיך מיט גוואַלט... אמת, דאס דאָזיקע לערנען איז נישט לויט מיינע

יאָרן נאָך, אָבער ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָב איך גערדאַרפט איצט לערנען מיט התמדה, אויב כ׳האב נישט געלערנט ביז איך בין אויסגעוואָקסן. איך הויב אָן צו חזרן אויף אויסנ־ווייניק די נעמען פו די שטעט, פון די ימען און טייכן — און ס׳בלייבט מיר נישט אין מוח אפילו איין זאַץ. דאס פריילעכע געלעכטער, וואס פאַרקייקלט זיך אַהער פון די אינווייניקסטע צימערן, רעגט מיך זייער אויף. די מינוטן ציען זיך אויס. עס נעמט מיך אַרום די לאַנגווייליקייט. איך הויב אָן זיך אויפהויבן און צוריק זיך אוועקזעצן אויף מיין אָרט. ס׳גייט דורך אַ שעה און מיין לערער איז נישטאָ. איין מינוט זיץ איך גאָר אָן באַוועגונג, אין אַ ווײַלע אַרום הויב איך זיך אָן צו שאָקלען — און דאס לעבן איז מיר נישט ניחא — צוליב דער לעקציע פון געאָגראַפיע. צומלעצט וועקט מיך אויף אַ דינעו קאפריזנער קול:

— אנטשולדיקט!.. כ׳האב א ביסל פארשפעטיקט... אפשר האט איר איצט קיין צייט נישט?

— געוויס... כ׳מיין צו זאָגן: ניין... ס׳מאכט נישט... ס׳איז...

איך האק מיך אליין איבער און דערקען מיין נאריש־קייט. ער דארף מיין אנטשולדיקונג!

— נו—ס—ס— — הויבט ער אָן.

דאס האַרץ פאַלט מיר איין.

— די לעקציע איז גוט צוגעגרייט?

— יאָ... דאכט זיך... ס׳איז דען מעגלעך, אז נישט?..

— גוט... נו—ס. . אויב אזוי, זייט אזוי גוט און זאָגט מיר... דרייט מיין לערער די וואָנסע, וואס וואַקסט אים אין זיין פאַנטאזיע, און מאַכט נאך מיט דער שטימע עפעס אַ לע־רער פון גריכיש ביי אים אין גימנאַזיע.

— וואלאדיא! — עפנט זיך די טיר און ס׳שטעקט זיך אַריין אַ קאָפּ פון איינעם פון די שטוביקע — איך פאַר היינט אין אונזער גוט איז גאזלינקע. האָסט נישט קיין חשק מיט־צופאָרן?

— מיט גרויס פארגעניגן ! תּיכּף

איך לאָז אראָפּ די אויגן אין באָמי זיך, מיין פּנים זאָל נישט אויסדריקן קיין פאַרדרוס. ער איז דאך נישט מיין געדונגענער מענטש. און ער פרעגט גיך פארשיידענע פראגן און האלט גארנישט פאר זיין פליכט צו פאַרבאָרגן דאס גע־פיל פונם איבעריקן יאָך, וואס דאס לערנען מיט מיר איז פאר אים אין דעם מאָמענט. אמת, די רעקאָמענדאציע, וואס איך האב געבראכט איז געווען פון עפעס אַ נאַטאַליא וואַסיליעװנא ; איר אָפּזאגן איז געווען אוממעגלעך, אבער צו זיצן אַ האלבע שעה מיט אַ מיאוסן ישיבה־בחור, וואס שטאַמלט אין זיין שפּראַך, איז אויך נישט זייער אנגענעם. איך טראכט וועגן דעם און דערמאָן זיך, אַז דאס לערנבוך האב איך שוין נישט אָנגעקוקט אַ טאג דריי. מיין לערער קלאַפּט מיט די פינגער אויף זיין אויבערשטער ליפּ און שווייגט, ס׳הייסט : ס׳איז נישט וויכטיק...

— איך ווייס... איך פארשטיי... נאר מיין שפּראַך... מיין אויסשפּראַך... איך האב געקריגן אַ גוט בוך... „פארברעכן און שטראף“ דאָסטאיעווסקיס.

מיין לערער גיט אויף מיר פון אויבן אַראָפּ אַ קוק פול מיט ערנסטקייט און באַפעלערישקייט :

— מ׳דארף נישט אָנהויבן פילאָזאפירן פריציייטיק. איצט דארפט איר לערנען און נישט לייענען. לערנען — איר פאר־שטייט ? לערנען מיט אַ סך אָנשטרענגונג, חזרן און חזרן נישט מיד ווערנדיק. נו, אָט דאס איבערחזרן און קומען מאָרגן.

איך בין אַ צעבראָכענער אויף פּיצלעך. ער איז דאך גערעכט, זייער גערעכט. איך ווייס דאך אפילו נישט די עלע־מענטארע לימודים : כ׳קען נישט רעדן ; די גרייזן ביים שרייבן זענען אָן אַ צאָל. אַ צען־יעריקער יינגל ווייס מער פאר מיר. אָבער פארוואָס איז ער אזוי זיכער, אז איך פאַרשטיי נישט דאסטאָיעווסקיס דערציילונגען ? דאס איז ער דאָך מן הסתּם אויסן געווען. אַ וודאי, ווען איך וואלט מער פאַרשטאנען די

רוסישע שפּראַך, וואָלט איך אויך מער פאַרשטאַנען די טיפקייט פון די געדאַנקען. אָבער פונדעסטוועגן אויך איצט... ווי ס'זאָל נישט זיין, איצט איז מיר פאַרבאָטן צו לייענען, איך וועל אַ גאַנצן טאָג חזרן...

דעם לעצטן לערער מיינעם, וועלכער איז געווען בעסער פון זיינע חברים, האָב איך אַליין פאַרלאָזט, און צוזאַמען מיט אים — דאָס גאַנצע לערנען זיך. איינמאָל בין איך געקומען צו אים אין דער באַשטימטער שעה, ווען ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען אונזער לעקציע, און ער איז על פּי צופאַל נישט געווען אינדערהיים. איך האָב גערעכנט צוצוּוואַרטן ביי אים אין צימער, אַזוי ווי ער האָט מיך געהייסן טאָן, אויב כ'וועל אים נישט טרעפן אינדערהיים. אָבער די מאַמע זיינע, אַ יענטע, אַ יידישע יענטע, אַן איינגעפּרעסטע אין קאָרסעט און אָנגעטאָן אין אַ הוט, וועלכע פלעגט זיך שטענדיק ברוגזן, הלמאַי איר זון האָט אַ מגע־משא מיט די דלפנים, האָט מיט אַ האַנט-באַוועגונג פאַרצוימט פאַר מיר דעם וועג, און נישט אַ קוק געבנדיק אויף מיר, האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַז אברהם איז אַוועקגעגאַנגען און ער וועט נישט צוריקקומען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— ער האָט געהייסן וואַרטן... — האָב איך געפּרובט מיך אַנטקעגנשטעלן.

— מאַרינאַ, פאַרשליס אַלבערטס צימער! — האָט די „מאַדאַם" באַפוילן דער דינסט.

פון דאַמאָלס אָן האָב איך שוין מער נישט אַרומגעזוכט קיין אומזיסטע לערערס און זיך שוין מער נישט פאַרנומען מיט די טרוקענע לימודים, וועלכע זענען אַזוי שווער געווען פאַר מיין מוח, וועלכער האָט פון קיין דיסציפּלין קיינמאָל נישט געוואוסט. ווער קען מיך צווינגען? איך זוך דאָך נישט אינם לערנען קיין מאַטעריעלן צוועק, איך וויל דאָך עס נישט מאַכן פאַר קיין קוואַל צו ציען חיונה דערפון. מיין פאַרלאַנג איז בלויז צו זיין אַ פולקאָמענער מענטש, צו קענען די וועלט און דאָס לעבן, דעם מענטשן און זיך אַליין, — צי דען קען

מען טאקי דאס אלץ נישט דערגרייכן אָנם קענען אַלגעברע? איך וועל לייענען גוטע ביכער—און גענוג פאר מיר.

גייען דאַן ביי מיר דורך אַ חודש און חדשים נאָכאנאנד אין שלינגען ביכער און זייער פארדייען, וואס ס'פארשאפט מיר שטארק פארגעניגן. מעטאפיזישע פראָבלעמען, פאר זיך גופא, האבן מיך דאמאָלס נישט באזונדערס אינטערעסירט; וויכטיקער פאר זיי האָבן מיר אויסגעזען די לעבנס־פראָבלעמען, די פראגן וועגן דער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט און וועגן די יסודות פון דער געזעלשאפט. קיין עסקים דערמיט, וואס טוט זיך אויבן און וואס אונטן, האב איך דאן כמעט נישט געהאט. די עיקר־טעמע פון מיינע געדאנקען איז געווען די פארהעלטניסן, וואס צווישן מיר און דער געזעלשאפט. איך האב זיך דאמאָלס איינגערעדט, אז מיין פריוואט־לעבן איז גאָרנישט און אז אזא מענטש, ווי איך, דארף, אדער, ריכטיקער, האט נישט קיין אנדער אויסוועג, ווי זיך אינגאנצן מקריב צו זיין פאר טובת הכלל. אינדעם קען זיך פארקערפערן מיין אינדיווידואליטעט. כ'האב אויך עפעס פארלאנגט א מין גלויבן, אז די געזעלשאפט ווארט אויף מיר. די געזעלשאפט, דאס הייסט: דאס יידישע פאלק, די יידישע נאציע, וואס פאר איר דארף איך לעבן, איך דארף מיך אומברענגען און מיר מאכן בעסער, איר, וועלכע ווארט איך זאל קומען און זאל איר העלפן. מיט וואס וועל איך מיר זיין א העלפער און אן עלטסטער — האָב איך נישט געוואוסט. איך האָב, פארשטייט זיך, אנערקענט, אז דערווייל בין איך נאָך גאָרנישט, א קליין, אומגעבילדעט יינגל, אָבער מיט דער צייט וועל איך דערוואכן און וועל אויפשטיין... און איך פלעג זיך אויך מצער זיין: פארוואָס בין איך געבוירן געוואָרן מיט אזא כאראקטער, אז איך האָב נישט קיין אנדער וועג נאָר צו לעבן פאר אנדערע — בעסער וואָלט דאָך געווען, ווען איך וואָלט אנדערש געווען, ווען כ'וואָלט געווען פּאַסיק צו זיין ווי אלע מענטשן, הנאה צו האָבן פון מיין פריוואט־לעבן, און

פונדעסטוועגן שטארקן זיך ווי א לייב, אויסהאלטן דעם נסיון און זיך אינגאנצן ווידמענען מיין פאָלק.

אָבער אָט אזא תקופה, א תקופה, אין וועלכער איך בין געווען פול מיט נייע אידעען, אנשויאונגען און ידיעות, פלעגט פלוצים נעמען ווערן שוואכער, אינגאנצן אָפּגעשוואכט ווערן און פארלאָזן איר אָרט פאר אן אנדערער: פאר א תקופה פון רעפלעקסן פון ספקות און פון שרעקלעכער לאנגווייליקייט. איז מיין וועג א ריכטיקער? צי איז עס נישט די פוילקייט מיינע שולדיק דערין? איך פויל זיך צו לערנען ווי אלע מענטשן, איך פארמאָג נישט די אייגנשאפטן דערצו, זאג איך: די וויינטרויבן זענען שלעכטע. און באמת האָב איך זיך נעדארפט שטארקן און אלץ גובר זיין, זיך אָננעמען מיט גבורה און געפינען אן אויסוועג פאר מיר: קריגן א גוטן לערער, אָדער זיך אליין לערנען מיט דער נויטיקער התמדה, און יעדנפאלס — נישט איבערבלייבן אינמיטן וועג. און אפילו אז איך נויטיק זיך נישט אין קיין דיפלאָמען און לויב-אטעסטאטן פאר זיך, דארף איך, אלס איינער וואָס ארבעט לטובת דער געזעלשאפט, פארנעמען אן אָנגעזעען אָרט, זיין שטארק אין גייסט און פארמאָגן זעלבסטווירדע; איך דארף פארטרייבן די שטימע, וואס שעפטשעט: א מילב איז געווען פריער פאר דיר... „איך האב נישט קיין שום פארלאנג, עס ציט מיך צו גארנישט" — דאס איז דען א פארענטפערונג? כדי צו נעגירן א געוויסע זאך אָדער צו לייקענען אין איר נוצן — מוז איך זי דאָך פריער קענען, זי דורכגיין און זיך דערהויבן איבער איר, און נישט רעדן נישט-ווייסנדיק, רעדן און זיך אליין חושד זיין, רעדן מיט א שטימע פון ספק. אז ס'קעמפן צווישן זיך א געוויס און א טאָמער — געווינט נישט דער טאָמער...

און טעג פון אומרעגונג, פארשאָלטענע טעג, טעג נישט געגארטע, פלעגן אויף מיר אָנקומען...

איך קום פון מיין לעקציע. מיין וואוינונג איז דאס אלגעמיינע צימער פון מיין באלעבאָס, וואָרום היות ווי ער

און זיין ווייב האַנדלען מיט פיש און מיט צוגעפוילטע פרוכטן
און אַ גאנצן טאָג דרייען זיי זיך ארום איבער די מערק און
גאסן און אינדערהיים בלייבט בלויז איבער זייער האָרבאַטע
יינגל, וואס קען נישט, ווי זיינע ברידער, זוכן אַ פארדינסטל,
דערלויבן זיי אזעלכע הערן ווי איך, וואס קענען זיך איינ־
קווארטשן, צו פארנעמען אן „אָרט" אין זייער דירה פאר עטלעכע
גילדן אַ חודש. איך נעם די געאָמעטריע, עפן אויף און הויב
אָן לערנען אויפן קול, אָבער תיכף דערמאָן איך זיך, אז „איי־
דער אַ מענטש עסט און טרינקט — האט ער צוויי הערצער",
כאפ איך, בכן, אַ שטיק ברויט און קיי עס מיט אַ באוועגונג,
מיט וועלכער מענטשן דערפילן עפעס אן איבעריקע פליכט,
קוק בעת מעשה אריין אין בוך און מורמל: „אָ! ווען עס
וואָלט געווען אַ לעפל ווארעם געקעכץ... נארישקייטן"! איך
פרוב ווייטער זיך קאָנצענטרירן און איינקוקן אין די בילדער,
אין די קרייזן און קוואדראטן, וואָס פאר מיר — און מיינע
הענט ציען זיך נישט־ווילנדיק און גובן אַ כאפ טאָלסטאיען,
וואָס ליגט לעבן מיר. איך גיב אַ קוק — ערשט דאס לערנבוך
איז אָפגערוקט. „בשעתן עסן" — פארענטפער איך מיך. אָבער
ס'גייט דורך אַ ווײַלע, פונם ברויט איז שוין גאָרנישט גע־
בליבן, און דאס בוך, וואס איך האָב גענומען אויף לייענען
נאָר בעתן עסן, האב איך נאָך נישט אוועקגעלייגט. „נו" —
שריי איך אָן אויף זיך אליין, צי זיך אויס אויף דער קאָ־
נאפע, און נעם זיך צוריק צו דער געאָמעטריע. איך חזר
איבער עפעס אַ זייטיק וואָרט צוואנציק מאָל און טראכט, אז
טאָלסטאָי איז זייער גערעכט געווען מיט זיינע מיינונגען, אז
אין טשעכאָווס דערציילונגען איז פאראן אַ סך קינסט און אַ סך
אמתדיקייט, אז די רוסישע שאפונג איז זייער א שווערע און
א טיפע, אז גליקלעך איז דער מענטש, וואָס לייענט די ביכער
פון זיינע גרויסע שרייבער אין זיין מוטער־שפראך, אז איך
בין אַ זון פון א פאָלק, וואָס האט נישט קיין שפראך און
קיין ליטעראַטור — אן אומגליקלעכס צווישן אומגליקלעכע, און
אז די באַלבאָסטע האט שוין מיט אַפאָר טעג צוריק אין

אַ וויך מיר געגעבן אָנצוגעהערן, אז דעם רובל, וואס ס'קומט איר, וועט זי נישט נעמען אין אַ וועקסל נאָר דוקא א זילבער-נעם רובל, אז מיינע ארומיקע פאראכטן מיך, ווייל איך עס טרוקן ברויט אויך אלע שבת, אז מיינע שיך זענען פלוצים צעריסן געוואָרן און די פיס זינקען אין בלאָטע...

— נארישקייטן! — שריי איך אָן אויף זיך צום צווייטן און צום דריטן מאָל. אָבער טראַצדעם וואס איך טרייב מיך אונטער און מורמל: „נאָך אַ מאָל... נאָך אַ מאָל", טראָצדעם וואס איך הויב אָן פון אָנהויב אָן אַ סוף מאָל, טראָצדעם וואס איך זוך אין רוסיש-העברעאישן ווערטערבוך און געפין דעם טייטש פון די ווערטער, וועלכע זענען פאר מיר אומפאר-שטענדלעך, — זענען די „טעאָרעמעס" זייער ווייט פון מיר, מיין מוח איז פול מיט נעפל. אַ לאנגווייליקייט, וואס פאר-לייקנט אלץ, וואס איז מבטל אלץ, און וואס גלייכט אלץ אויס, גיסט זיך אריין אין מיר. — צום טייוול! צום טייוול! צום טיי-וו-ל!.. אויף וואס דארף איך דאס אלץ וויסן? כדי צו ארבעטן לטובת דער געזעלשאפט? כדי צו פארנעמען אן אָרט? כדי צו זיין אָנגעזעען אין מיינע אייגענע אויגן? זאל עס אלץ דער רוח נעמען!.. וואָס בין איך? א, איך בין מיד גע-וואָרן? ס'האט מיך אָנגערירט נענטער, האב איך זיך דער-שראָקן? מיין מאָלצייט האָט מיך נישט צופרידנגעשטעלט?.. ניין — „ווארום וואס זאָג איך דען? מיין ווילן גוט צו טאָן אנדערע, וועל איך עס קענען אויך נישט וויסנדיק דידאָזיקע חכמה... כ'וועל ארומפאָרן איבער די שטעטלעך, איך וועל דרשנען ווי אַ פשוטער מגיד... גוט, וואס כ'האָב נישט אויס-געטאָן די לאנגע קאפאָטע... בעסער, אז מיין פנים זאל אויס-זען ווי פון אַ פשוטן יידן... נו, נו, נו!..

און איך פאל אריין אין אן אפאטיע א וואָך, צוויי וואָכן, אַ גאנצן חודש, איך קען גאָרנישט טאָן. איך שלאָף טאָג און נאכט. דאכט זיך, כ'האָב מיך אָקאָרשט אויסגעצויגן אויף דער קאַנאפע איך כאפ מיך אויף — אינדערפרי!.. פופצן שעה נאָכאנאנד בין איך געשלאָפן אין די זאכן און אין די

שיך. עקלהאפט. דער קאָפּ ווערט צעשפאלטן... אלע גלידער טוען ווי. מיינע געפילן זענען פארטעמפט. דער דענקענדיקער מענטש אין מיר גוססט. אויסער דאס הארבאטע יינגל איז קיינער נישטאָ אין שטוב. קיין גלאָז טיי איז נישטאָ, אויך דאס ברויט איז אויסגעגאנגען...

איך גענעץ, צי אויס די גלידער, שטיי אויף און קוק ארויס דורכן פענסטער. וואס גייט ארויס אין גאס. אָט גייט זיך רואיק אַ שילער פון דער רעאל-שולע, ער איז זאַט. זיין וועג איז אַ קלאָרער פאר אים, אז ער גייט אוועק, ווערט ער באגלייט מיט ליבע-בליקן. און איך? און מיינע עלטערן?.. בכן, הייסט עס, בין איך מקנא!..

איך ווארף זיך ווידער אויף דער קנאַפּע, פאַרמאך די אויגן און הער זיך שטארק איין צו מיין נישט-נאַטירלעכן הארצקלאפּן. שווארץ-רויטלעכע פאַסן און פינטעלעך שפּרינגען מיר פאר די אויגן און לאָזן זיך ארויס אין אַ טאנץ. און איך שלאָף אָפּ אַ גאנצן טאָג...

און ס'פלעגט טרעפן, אז איך פלעג זיך אויפכאַפּן פלוצלינג, אין עפּעס אַ האלבע נאכט פון אזא תקופה — און כ'פלעג נישט פילן נישט קיין עקל און נישט קיין דורשט און מיין גייסט איז ריין און לויטער. אַרום מיר איז פינסטערניש און שטילקייט; מיינע פויסטן זענען צונויפגעקוועטשט און אין מיר איז אַ שטארקע ענערגיע, אַ ענערגיע, וואס איך האב נישט געפילט אירסגלייכן ביז היינט. מיט אַ גיכקייט נישט צום איבערגעבן, צינד איך אָן אַ ליכט, איך זעץ מיך אויף אויף מיין קאַנאפּע און ווארף זיך אויף איינס פון די לערנביכער, ווי אַן אָדלער אויף זיין רויב. „יאָ, יאָ, איך באַפריי מיך פונם שלעכטן גייסט, וואס האט מיך געהאט ארומגענומען, ס'גייט אוועק פון מיר די אַפּאטיע, איך הויב אָן ארבעטן און עפּעס אויפטאָן". איך לערן עטלעכע שעה אָן אן איבעררייס. אלץ איז קלאָר און לויטער. עפּעס אַ גרויסע פרייד איז אין מיר, אלע שלאָפן און איך בין וואך.

אָט איז אינדערפרי, די שטוב-מענטשן שטייען אויף

אָפּעסן און זוכן פּרנסה. איך דאַרף טרינקען טיי, זיך אונטערלעגען דאָס האַרץ מיט אַ שטיקל ברויט און גיין לערנען מיינע תּלמידים. ס׳בליצט מיר דורך אַ פאַנטאַסטישער געדאַנק, איך זאָל היינט נישט גיין! נאַרישקייט! היינט — און מאָרגן? מ׳דאַרף עסן אויך...

— אוי, עסן דאַרף מען אויך!

און אין אַ פּאָר שעה אַרום — איז שוין אפילו קיין זכר נישטאָ פון דער ענערגיע און געהויבנקייט. אָט די אַרבעט — שטאָפּן מיט פּעלים און מיט שמות פון אַ טויטער שפּראַך — העברעאיש — אַזעלכע, וועלכע ווילן עס גאָרנישט קענען — אוי, ווי זי פאַרטעמפּט די נשמה! און איד בין דאָך נישט גערעכט, אַז איך בין אין כּעס הלמאי די יינגלעך, מיינע תּלמידים, ווילן נישט צוגרייטן די לעקציעס: זיי קענען עס דאָך נישט ווען; דאָס איז דאָך בלויז דעם טאַטנס אַ גזירה, וואָס ער אַליין ווייס נישט, צוליב וואָס ער דאַרף עס, און פאַרוואָס נעם איך די נבזהדיקע רובלס? איך, פאַר זיך, הויב איך אָן מיט אַ חקירה: אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, אַ שליסל צום היסטאָרישן לעבן פון פאָלק, אָבער מיין תּלמיד חיים האָט מער פאַרגעניגן פון שפּילן זיך מיטן קייטל פון זיין זייגער. ער לאַכט זיך אויס פון מיין פּרוב אים צו מאַכן געהאָרכזאַם, ער ווייס, אַז מיינע שטראָפּרייד האָבן נישט קיין שום ווערט.

— נו, בכן ווייסטו נישט דעם אונטערשייד אין די סופיקסן פון די צייטווערטער צווישן ערשטער און צווייטער פּערזאָן?..

— אין די סופיקסן פון די צייטווערטער?

— נו, יאָ... צום ביישפּיל: שמרתּי — שמרתּיו... פאַרשטייסט?.. ושמרת...

— נו, וואָס, פייערמאַן! — האַקט מיר דער פּאָטער איבער די רייד און קוקט אויף אונז ביידן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, ווער איז דאָ שולדיק אינדעם, וואָס זיין חיים קוקט „ווי אַ האָן אין בני־אדם” — איך האָב שוין געזאָגט: אַ סך בעסער וואָלט געווען אים לערנען מעביר־זיין

די סדרה. דאן וואָלט איך געווען זיכער, אז ער וועט, לכל הפחות, וויסן ווי צו זיין אַ ייד. פון דעם איז דאָך נישטאָ קיין שום נוצן!

מ׳דארף דען נאָד רעדן וועגן דעם? – ענטפערט די באַלעבאָסטע, אנשטאט מיר – איך זיץ דאך אין שטוב און האָב אויגן, ברוך השם, זע איך דאָך, וואס ס׳טוט זיך. ס׳איז פונקט, ווי נעמען יעדן חודש דריי רובל און ווארפן אין בלאָטע!

---

## יב.

די פאַקטן פון מיין לעבן גייען דורך פאַרביי מיר. דאס רוב זענען עס פארשיידענע קליינע און קליינלעכע פרטים, וועלכע זענען זיך סותר אוןווידערשפרעכן איינע די אנדערע, זיי האָבן נאר. דאס געמיינזאַמע צווישן זיך — וואס זיי באַווייזן, אז כ׳בין נישט קיין העלד...

אַ סך געטער האָב איך געהאט, אָבער כ׳האָב וועגן אלע מער נאָכגעקלערט, איידער איך האָב געדינט צו זיי. צו קיין איינעם פון זיי האב איך זיך נישט איבערגעגעבן מיט מיין גאַנצן כוח, אָן אַ ספקן, אָן אַ ווערימל אין הארצן...

ס׳איז געווען אַ תקופה אין מיין לעבן, אין וועלכער כ׳האב זיך געפילט ווי אַ קליינער, וואס איז אויסגעוואקסן. דער גרויסער, וואס אין מיר, וועלכער האָט זיך שוין געהאט אנטוויקלט אין אַ גרעסערער מאס, וועלכער האט שוין געהאט פארשידענע פאָדערונגען, האָט געשטרעבט אַנטיילצונעמען אין געזעלשאפטלעכער ארבעט, און דער קליינער, זיין שונא און באקעמפער, האט זיך אנטקעגנגעשטעלט און האט אים אָפּגעהאקט די פליגלען: וואוהין שטרעבסטו — דו, וואס דארפסט נאר זיצן אויף דער באנק פון אַ קליינעם שילער!..

אַז איך בין נישט קיין העלד —

כאַ־כאַ־כאַ! אין דער מינוט האב איך ארונטערגעטויכט אין די טיפענישן פון מיין הארצן,, כ׳האב דארטן גענישטערט געגריבלט און אָט וואס איך האב ארויסגעבראכט: אויף אינם טאן פון „איך בין נישט קיין העלד״ איז פאראן אַ מין אויס־

פיינען זיך און שטאלצירן: זעט נאר, מיינע חשובע הערן, איך בין נישט קיין העלד!

יאָ, איך בין אַ גריבלער און נאַרע זיך אין מיין מיסט. איך לאז נישט דורך קיין פארביילויפנדיק געפיל, קיין מינדסטע מחשבה׳לע, אָן אַ דורכדרינגענדיקן אנאליז, אן אנאליז אַויף דורך און דורך, איין קליינער געדאנק שלעפט מיט מיט זיך אַ שלל פון געדאנקען, איינער אויפן אנדערן...

זי איז אן אכזריות׳דיקע מיין גריבלעריי, ווען אַ פראָקוראר וואלט צוגעזען מיין ווארפן זיך אויף דער קנאפע און מיינע קרעכצן, וואלט ער זיכער מיך פארמשפט צום טויט, אויפווייזנדיק, אז ס׳איז קלאר ווי דער טאג, אז איך בין באגאנגען א מאָרד, אדער אז איך האב אינטערגעצינדן אַ שרפה אין אַ רואיק דאָרף, — בעת ביי מיר א״ז נישט „גוט״ און נישט „שלעכט״, און איך קרעכץ, איך פייניק מיך ווי אַ מערדער פון גרויס לאנגווייליקייט, פון מורא פאר יסורים און — פון גרויס נארישקייט...

אָט, למשל, מיין פריינטשאפט-געפיל צו חיימאוויטשן — אין פלוג, וואס האט דא צו טאן גריבלעריי? און פונדעסט וועגן האב איך זיך וויפיל מאל געגריבלט דערין, כ׳האב אַנאַליזירט מיינע קלענסטע, מיינע לופטיקסטע פילונגען — און איך האב געפונען „פגימות״...

און מיין צוציאונג-געפיל צו יענעם מיידעל... ניין, ניין! וואָס פאר אַ ליבע! פארוואס באנוצט מען זיך בכלל מיט רעמדאזיקן דערהויבענעם און טייערן ווארט פאר דעם געפיל, וואָס אַ מאַנסביל פילט צו עפעס אַ מיידל, ווען אפילו דאס דאזיקע צוציאונג-געפיל זאָל זיין שטארק קאמפליצירט, און נישט בלויז הוילע און פארקנעכטנדיקע תאוה? טאַ בכן... אָבער ניין... איך קער זיך אום צו חיימאָוויטשן.

חיימאָוויטש! עטלעכע הונדערט מייל שיידן אונז איצט אָפּ איינעם פון אנדערן, אָבער ער שטייט נאך פאר מיינע אויגן. דערדאָזיקער קליינגעוויקסיקער און דאר-פנימדיקער יונגערמאן, מיט די קליינע, גיכע, שווארצע אויגן, וועלכע

פארמאגן עפּעס אַ בייזן אויסדרוק און וואס פונדעסטוועגן קוקט פון זיי ארויס אויך א תמימות, א משונה׳דיקע און אייגנארטיקע תמימות, נישט קיין נארישלעכע — און אפשר יאָ. איך זע אין איצטיקער מינוט זיין פּנים. איך הער דעם קול פון זיינע רייד, וועלכע איבערציייגן אין עפּעס — ער איבערצייגט דאָך תמיד אין עפּעס אמתן — און איך זע אויך זיינע לעבהאפטע און שטארק נערוועזאישע הענט־באוועגונגען. יאָ — זיינע נערוון זענען ת מ י ד געווען אויפגערעגט. יעדע קליינע זאך, יעדער מינדערווערטיקער פאקט פלעגן ביי אים ארויסרופן אַ מיטגעפיל־פרייד אָדער אַ אָנפאל־צארן. זיין התפעלות איז געווען ווי פון אַ קינד. ווי אַ טייל פון חיימאָוויטשן וועבט זיך אויך ביי מיר אין פּידזשאק, זיין רעקל, וואס ער האט געקויפט אָויפן קליידער־מארק מיט דער רויטער, רוסישער בלוזע פון אונטן.

און איך שילדער אים און וויל אים כאראקטעריזירן, שרייב איך אים צו, טראָץ מיין גאנצער פּארזיכטיקייט, אַ סך שטריכן פון מיין כאראקטער, ווייל פון איין זייט זענען מיר ביידע גלייך ביי דיר אדער אנדער זאך, און פון דער צווייטער זייט, בין איך זייער סוביעקטיוו: מיר דאכט זיך, אז ס׳איז אוממעגלעך, אנדערע זאָלן נישט פילן מיינע געפילן און זאָלן נישט דענקען אין אזא פאָרם, ווי איך טו עס, און דידאזיקע אייגנשאפט מיינע פארשאפט מיר אפט אומאָנגענעמלעכקייט אין א היפשער מאס. איך געדענק די שעהן, ווען איך האָב געמוזט וואוינען ביי אים אין דירה. ער פלעגט א סך רעדן מיט גרייס פארגעניגן. ווייל די לעבנס־פרייד, וואס ליגט ביי אים אין דער נאטור, מאכט אים ליב דאס שמועסן און זייער געזעלשאפט. אָבער מיר, וואָס די מעגלעכקייט זיך צו פאריינזאמען, נישט צו קוקן אויף מענטשן, האט זיך ביי מיר אין יענע אָוונטן גערעכנט פאר א גרויס גליק, וואס האט צו זיך קיין גלייכן נישט. — מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז מיין געזעלשאפט איז אַ גרויסע לאסט פאר חיימאָוויטשן און אז מייז זיין ביי אָים אין צימער רעגט אים אויף.

זיין דערציאונג איז געווען די דערציאונג פון די שטאָטישע „באַלעבאַטישע“ קינדער ביז זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער געלערנט אין חדרים, און גראָד אין חדרים פון אויסגעצייכנטע מלמדים, מאָדערנע, כמעט לערערס, ווארום זיין פאָטער איז נאָך אין יענער צייט געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש און ער פלעגט צאָלן די מלמדים אַ היפשן פּרייז. די העברעאישע שפּראַך און דער גייסט פון יהדות זענען חיימאָוויטשן אינגאַנצן פרעמד. „איך בין דאָך אַ גוי גמור, בין איך“ — דאָס איז געווען אַ שטענדיק ווערטל ביי אים. פון דרייצן־פערצן יאָר אָן האָבן אים פּריוואַטע לערער געלערנט יענע לימודים, וואָס קולטור־מענטשן קענען זיי און האַלטן זיי פאַר נויטווענדיקע אין אונזער צייט. זיינע עלטערן, וועלכע זענען דאַמאָלס געווען יורדים, האָבן זייער גאַנצע האָפענונג געלייגט אויף אים: ער וועט באַקומען מאַטורא, ער וועט אַריין אין אוניווערזיטעט, ער וועט ענדיקן — און וועט פאַרדינען געלט. אָדער אַרימעלייט האָבן קיין מזל נישט: חיימאָוויטש עקזאַמענירט זיך אויף אַלע גימנאַזיע־לימודים, איין מאָל און נאָך אַ מאָל — און האַלט נישט אויס. צוליב זיין רוסישן סטיל, האָט ער באַקומען אַ צוויי, און חיימאָוויטש, וועלכער האָפט צו פאַרנעמען ווען־עס־איז אַן אָרט אין דער פּראָגרעסיווער רוסישער ליטעראַטור אַלס פּובליציסט, פלעגט זיך טרייסטן מיטן פאַקט, וואָס אויך ביעלינסקיס און פּיסאַרעווס סטיל איז בשעתו נישט געווען געפעלן זייערע לערערס. ווי סזאָל נישט זיין, כאָטש חיימאָוויטש פלעגט איבערצייגן, אַז ער „באַזינגט נישט און באַוויינט נישט זיינע פאַרלוירענע האָפענונגען“, האָט זיך זיין דערשלאָגנקייט שטאַרק געלאָזט שפּירן. ער פלעגט דאָך וואָך זיין גאַנצע נעכט, ער פלעגט זיך גאַרנישט פאַרגינען, ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „לאַטייניש בוכשטאַב“ — און זיין גאַנצע מי איז פאַרפאַלן. אָדער פּרובן זיינע כוחות אַ פרייש מאָל, ווי ס׳האָבן פאַרלאַנגט די עלטערן, האָט ער נישט געוואָלט — און דעריבער האָט ער אָוועקגעוואָרפן די „קלאַסישע חכמה“. די עלטערן האָבן אין האַרצן געהאַט פאַריבל אויף אים, אָבער טאָן האָבן

זיי גארנישט געקענט. ער פלעגט זיי אוועקגעבן אַ העלפט פון
זיין פאַרדינסט. און די דאזיקע שטיצע זיינע האָט ער געהאל-
טן פאר זיין איינציקע „שוואַכקייט“, פאר דער איינציקער
זאך, וואס ער האָט נישט געדארפט טאָן: ווען זיין פאטער
וואלט זיך נישט פארלאָזן אויף אים, קען זיין אז ער וואָלט
זיך געזוכט אַרבעט.

חיימאָוויטשעס פאטער איז איינער פון די יידן, וואָס
„זיפצען און טוען גארנישט“, אַ מין בעשעפעניש, וואס איז
אפט פאַראן צווישן דעם יודישן „מיטלשטאנד“. ער איז אַ
מענטש מיט טיף-איינגעגראבענע אויגן, מיט אַ דאר און קליין
פנים, אַ באָרד פאנאנדערגעטיילט אויף דער העלפט פון אָפטן
גלעטן, און אין האנט האלט ער א גראבן שטעקן. מיט דעמ-
דאזיקן שטעקן דרייט ער זיך ארום גאנצע טעג צווישן
מענטשן און צו זיינע מעשות און פזמונות איז גאר קיין
שיעור און קיין ברעג נישטאָ. אומענדלעך זענען די שילדע-
רונגען פון זיין פארגאנגענהייט, אָט די תקופה פון זיין גרויס-
קייט, ווען זיין שטוב איז פול געווען מיט כל-טוב, און ער
איז געווען אָנגעזען ביי אלעמען אין די אויגן, כמעט אַ זעלבסט-
הערשער. אינדערהאמתן איז היימאָוויטשעס פאָטער אויך פריער
נישט געווען מער ווי אַ יונגערמאן אַ באַאמטער אין עפעס אַ
געשעפט, וואס באקומט פענסיע פופציק רובל אַ חודש, און
איז געוואוינט אויסצופירן מיט אַ שטאָלצער אונטערטעניקייט
דאס, וואס די העכערע פון אים הייסן טאן און אויפצוציטערן
אינגאנצן, ווען עמיצער פון די קלענערע אָנגעשטעלטע פאָלגט
אים נישט. אָבער ווי ס׳זאָל נישט זיין — ווען ער האט פאַ-
רטלעכע יאָר פארלוירן דעם דאזיקן פאסטן, האט ער צוזאמען
מיט אים אויך פארלוירן זיין וועג אין לעבן. ער איז אראָפּ,
פארבטלט געווארן, ר׳האט זיך אָפּגעלאזן, אָנגעהויבן פילאזאָ-
פירן, געווארן אַ אָנהענגער פון השכלה, און אנטיילנעמער אין
ציוניסטישע פארזאמלונגען און אַ רכילות-טרייבער סיי אויף
דער השכלה, סיי אויפן ציוניזם — ווען ער האט עס געפונען
פאר ריכטיק. און דערדאזיקער „פאר היכטיק“ וואס קומט

זייער אפט, איז נישט בלויז צוליב מאטעריעלן נוצן, נאר אזוי זיך... עפּעס אַ שגעון איז אין אים אריין די לעצטע יארן זיינע. פון דעמדאזיקן „שגעון“ ליידן שטארק זיינע שטוביקע, וועלכע זענען אין אַ גרויסער צאל, באזונדערס די טעכטער, די „כּלות, וואס זענען שווערלעך אויף אַ שידוך“, וועלכע באמיען זיך צו פארדעקן פון לייטנס אויגן זייער אָרימקייט דורך אן אריסטאקראטישער, באלעבאטישער פירונג, וועלכע פארבארגען מיטן ווייסן טישטוך, וואס אויפן טיש, דאס פעלן פון ברויט. עפּעס אַ לופט דורכגעזאפּט מיט טרערן שוועבט אין דערדאזיקער „אריסטאקראטישער נעסט“. „דער משוגענער טאטע“ קומט שטענדיק אריין אין שטוב מיט אַ מין אויסגעצויגענעם און משונה׳דיקן קרעכץ פון אַ חולה מסוכן. ווער ווייס, אפשר וויל ער דערמיט בארעכטיקן זיין שולד, זיין ליידיק-גיין. אדער זיין הויזגעזינד האט אים נאך מער פיינט צוליב דעם. זיי האבן אים פיינט, ווייל קיין זאך געפעלט אים נישט קיין עסן שמעקט אים נישט, און ער בייזערט זיך און שילט, און שליידערט אלץ פון די הענט, מאכט אָן געשרייען, זידלערייען, אַ חורבן, געוויינען...

— דו, פייערמאן, קענסט נאך נישט דאס לעבן! — פלעגט חיימאָוויטש, דער זון אויסגיסן פאר מיר זיין הארץ נאך אזעלכע מיני סצענעס — דו קענסט נישט ווי ס׳געהער צו זיין די גאנצע אכזריותדיקע אומנאָרמאלקייט, וואס איז אין דער בורזשואַזער אָרדנונג און אין איר גייסט, פארשטייסט? אינם גייסט פון בורזשואזן לעבן. קוק זיך נאר צו: מיין פאָטער לייגט מען פאַר אַ באצאָלטן פּאָסטן אין דער חברה „לינת הצדק“ — און ער וויל נישט אָננעמען. פארשטייסט? איצט איז זיין לאַגע אַ בעסערע! דו קענסט זיך, אלזאָ, פאָרשטעלן די סצענע, וואס איז געווען ביי אונז אין שטוב נאך דער מעשה. מיין עלטערע שוועסטער האט געחלשט צומלעצט... אָט טאקי דידאָזיקע שוועסטער מיינע... תמיד שרייט זי, אז זי וואָלט בעסער געוואָלט אנטלויפן אין עק וועלט, איינגעשלונגען ווערן אין די ערד, איידער צו זיצן אין אַזא שטוב, און אז דער שדכן

האט איר פאָרגעלייגט יצחק דעם שוסטער, — האט איר פּעס גאר
קיין ברעג נישט געהאט. דער ערלעכער ארבעטער האט גע·
וואגט זי צו באדעקן מיט שאנד, שיקן מאכן איר א פאָרשלאג!
ניין, דו קוק זיך נאר צו: עפּעס אַ נישטיקער „קאָמיס״, אַ אָנ·
געשטעלטער אין אַ קראָם, אויב ער וועט אויסשפּרייטן זיינע
פליגלען אויף איר, וועט זי עס האלטן פאר אַ גרויס גליק,
און אַ שוסטער—נישט. אַמיאוסע ארבעט... עי, יידן!

און ווען זיין פארביטערונג פלעגט ארויסגיין פון איר
פּריוואטן קרייז און זי פלעגט ביי אונז ווערן אַן אלגעמיינע
טעמע פון אַ שמועס, פלעג איך ארויפלאזן דעם קאָפּ און בא·
מערקן שטילערהייט:

— און מיר, חיימאָוויטש?

— וואס מיר?

— מיר — און מיר זענען דען בעסער פון זיי? מיר
שרייען: ארבעט! — און וואס איז אונזער שטערונג אינדער·
אמתן? מיר ארבעטן דען? מיר לעבן דען נישט קיין ליידיק·
גייעריש לעבן, גרייט צו זיין אַ טעלערלעקער און צו באדינען
די געלט·זעק?

אין יענער צייט, אין דער ערשטער צייט פון מיין בא·
קאנטשאפט מיט חיימאָוויטשן, איז טאָלסטאָי געווען דער
נביא פונם מענטש אין מיר. זיינע פשוטע, לאָגישע, פילנדיקע
רייד, וועלכע קומען פון טיפן הארצן, זיינע באגייסטערטע אָנ·
פאלן אויף דער פארדארבונג פון דער ציוויליזאציע, אויף
דער בעל·גאוהדיקער וויסנשאפט, אויף דער פאלשער קונסט,
אויף דער פארפוילטקייט פונם געלט·לעבן, — דאס אלץ האט
האט אויף מיר געמאכט זייער אַ שטארקן איינדרוק. איך בין
דאַמאָלס געווען א יינגל, ארויסגעטאָן פון דער וועלט, אַ זוכער
פונ׳ם אמת; באקאנטע האָב איך געהאט אין אַ קליינע צאָל,
צופעליקע באקאנטע; קיין שטענדיקע געזעלשאפט האב איך
נישט געקענט האָבן, ווייל איך פלעג מיך מיט אַ פיוון פאריינ·
זאמען, איך בין געווען שווער צו באקאנטשאפטן, אַ שעמעוו·
דיקער ביזן עקסטרעם, אַ שעמעוודיקער צוליב אַ סך אייגנ·

ליבע און גייסטיקער קליינלעכקייט צוזאמענגענומען. אָבער גלייכצייטיק בין איך דאָך אליין געווען אַ קליינע וועלט", אַ באזונדערע וועלט, — און אין דערדאָזיקער וועלט האט געהערשט דער רוסישער שרייבער, וועלכער „האט געטויכט אין גרויסע וואסערן און פערל ארויפגעבראכט". איך האב געזען די קראנקע, פארעקשנטע, שלעכטע, אומגליקלעכע אייראָפּע, ווי זי דעגענערירט אין אירע זינד... און אָט האט זיך אנטפּלעקט אַ נביא פאר די פעלקער, וואס לערנט וויאזוי צו לעבן, וואס לערנט, אז די „געזעלשאפט" איז נישט מער ווי אַ בונד פון איינצלנע מענטשן, און אויב יעדער איינצלנער מענטש וועט זיך באמיען צו מאכן געוועלטיקן ביי זיך דעם יצר-טוב אויפן יצר־הרע, זיך פולשטענדיק צו פארפולקאָמענען, צו נעמען ווייניק און געבן אַ סך, ליב צו האָבן אלע מענטשן מער, ווי זיך אליין, — דאן וועט דאָך די גאנצע „געזעלשאפט" זיין אַ גליקלעכע און אַ גערעכטע און דאן וועט דאָך נעמען אַ סוף צו אלע פארשאָלטענע פראגן. ביי מיר, וואס איך פלעג זיך תמיד גריבלען אין די אינערלעכקייטן פון מיין נשמה, וואס איך האב נישט געקענט די מיליאָנענקעפּיקע חיה־מאסע, די שרעקלעכע און דערדריקנדיקע, וואס איך האב געזען אלע מענטשן אין דער וועלט אין מיין פאָרם און געשטאלט, און ס'האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז אלע בלאָנדזשען צוליב עמיצנס אַ שולד, — איך, וואס איך האָב זיך נאך נישט צוזאמענגעשטויסן מיט די אלע פאקטן, וועלכע שרייען: „ס'איז אַ פעלער נישט צום פאריכטן", וואס איך האב זיך איינגעוואוינט צו האלטן פאר אַ באשולדיקער פון דער וועלט און פאר אַ פארטיידיקער פון דער וועלט, — ביי מיר האט זיך די דאָזיקע תורה אָנגענומען גאָר שטארק. אמת, די פראגע „און דערנאָך?" איז געבליבן אומפארענטפערט, טראָץ דער גאנצער פרייד; אָבער די גרויזאמקייט פון דער פראגע ע זיווירט בלויז אין דער אָרדנונג, אין וועלכער מיר לעבן; ווארום טאקי, אויב „גאָטס קעניגרייך" וועט זיין די הערשע־ן אויף דער ערד, וועט דאָך די עקזיסטענץ יעדנפאלס זיין גוט. דאס

אָריגינעלע שלעכטס איז מיר נאך, ווי געזאָגט, געווען פרעמד. דעריבער האט זיך נאך דאַן נישט דערוועקט ביי מיר אזא געדאנק: וויבאלד די מענטשן „ווילן אויס" פון אייביק אָן צו לעבן אזוי און נישט אנדערש, צו יאָגן זיך נאך נישטטיקייט, צו פארקויפן די אייגענע ברידער פאר אַ גאָלדן קייטל, ארויפ-צוווארפן אלע שווערע ארבעטן אויף אנדערע, צו הערשן איינער איבער אנדערן און צו פארשאפן אומעטום און שטענדיק באדינגונגען פאר יסורים; ווי באלד פון אייביק אָן פירט מען די בעסטע אויפן עשאפאָט, מען פארשטיינט די היליקסטע מיט שטיינער, מ׳לאכט אָפּ פון די ריינע, און דאס פארשייטע גע-לעכטער, דאס „טריאומפירנדיקע" געלעכטער פון די בלינדע, וואס זינקען הילכט איינדערלופטן, — הייסט עס דאָך, אז די עקזיסטענץ בכלל איז זייער אַן אכזריותדיקע זאך, אַ גראָבע, חיהשע זאך, און די וואס אנערקענען די אכזריותדיקייט און די חיהשקייט פון דער עקזיסטענץ, זענען זיי עס די ק־אנקע, די בעל־מום׳ס, וואס ס׳האט פאר זיי גאָר קיין זין נישט צו לעבן, נישט בלויז ווען זיי איז באשערט אומצושליידערן זיך אין כף-הקלע, נאר אפילו ווען ס׳האט זיי אפגעגליקט אנטייל צונעמען אינם בלוטיקן מאַלצייט. יאָ, דאמאָלס האב איך עס נישט פארשטאנען. ס׳איז נאך דאמאָלס נישט געווען ארָפּגע-נומען די מאסקע פון דער וועלט... דער עיקר פונם „שלעכטס" איז דאן געווען, אין מיינע אויגן, דאס, וואס איך עס ברויט מיט ציבעלע יעדן טאָג, און וואס מיין ארבעט פאר די מענטשן איז בלויז דאס לערנען העבּרעאיש — אַ צווייפלהאפטע ארבעט — און דעריבער האב איך געפרובט זיך ארומצודרייען צווישן די בעל־מלאָכה׳ס אין שטאָט, צווישן די סטאָליערס, שניידערס, שוסטערס, מיטן געפיל פון אַ מענטש, וואס האט באשלאָסן צו ענדערן זיין גאנצן לעבנסשטייגער, און בעטן זיי, זיי זאָלן מיך צונעמען צו דער ארבעט אלס א לערייִנגל. ס׳איז זעלבסט-פארשטענדלעך, אז איך האָב בלויז דערוועקט ביי די בעל-מלאָכה׳ס שטוינונג, פארדאכט און שפּאָט... יאָ, ביי וואס האלט איך? וואוהין בין איך פארקראָכן? זע גאָר, כמעט נישט-

ווילנדיק, האָב איך פארלוירן דעם וועג און איך האָב פאר-
צייכנט אַ זייטיקן פאקט, וועלכן מ׳האט געקענט דורכלאָזן, ווי
אַ סך פו זיינסגלייכן, און באַזונדערס ווען איצט, בעת איך
בין ווייט פון בוקן זיך פאר דער „ארבעט און אירע פרע-
דיקער״, קען איך נישט באַלייכטן — דעמדאָזיקן עפיזאָד אל-
זייטיק. איצט דאכט זיך מיר, אז ס׳איז געווען אין דעם אַ סך
יינגלשקייט און באַרימערישקייט, נאָר מן-הסתם זענען געווען
דערין אויך „אנדערע עלעמענטן״. אַ קיצור, איך קער זיך
אום צו מיין צוגעבונדנקייט צו טאָלסטאָיען און צו מיינע
דיסקוסיעס מיט חיימאָוויטשן. דער לעצטער פלעגט זיין מיין
קעגנער אין דער הינזיכט. ער האט געהאלטן פון דער השפלה
און פון דער וויסנשאפט, ער האט אויפגעוויזן זייער נוצן, ער
האָט געגלויבט אין פראָגרעס, וואס וועט קומען, ער האט גע-
שריגן, אז טאָלסטאָי איז נישט מער ווי „אַ גראף אַ בעל-תשובה״,
אַ גראף אויך אין זיין נייער שיטה, אז טאָלסטאָיס פירונג איז
נישט אין הסכם מיט זיינע טעאָריעס, אז ער האט ליב די
סענסאציע, אז ער עצהט זיינע חברים-גראַפן, זיי זאָלן ווערן
שוסטערס, אָבער וואס זאָלן טאָן, לויט זיין מיינונג, די שוס-
טערס, וואס האָבן קיין ברויט נישט? וויאזוי וועט זייער
לאגע אויסגעבעסערט ווערן דורכדעם? חיימאָוויטש איז שפעטער
אַליין געוואָרן אן ארבעטער אין אַ פאבריק, אָבער געבראכט
דערצו האט נישט טאָלסטאָיס לערע.

ביזאהער אַ ביסל, וואס איז שייך מיין אלגעמיינער
וועלט. דאָ פלעגט מיין קעגנער דיסקוטירן, ברענגען באווייזן,
ציטירן רוסישע און דייטשישע זשורנאַלן, אויסרופן: מאַרקס
זאָגט אין זיין בוך... ענגעלס קומט צום אויספיר אין זיין אר-
טיקל... בעבעל האט אויפגעוויזן אין זיין רעדע... אָבער גאָר
אנדערש איז געווען דעמדאָזיקן חבר מיינעם באציאונג צו די
אינטערעסן פון מיין יידישער וועלט, די וועלט, וועלכע איז
געווען בלויז מיינע און אין וועלכע חיימאָוויטש האט קיין
אנטייל נישט גענומען: צו מיינע טראַכטונגען וועגן „די קינ-
דער, וואס זענען פארטריבן געוואָרן פון זייער פאָטערס טיש״,

וועגן דער גרויסער און אויסטערלישער היסטאָרישער טראַ·
געדיע פון אן אַלט פאָלק, וואס גוסט ביי צוויי טויזנט יאר,
ברענט און ווערט נישט פארברענט; וועגן דעם קאַמף פון
זיינע אידעאַלן און זיין אויפפאסן די וועלט, דעם מענטש און
דאס לעבן – מיט פרעמדע וועלט-אנשויאונגען; וועגן זיינע
אויסגעצייכנטע זין, וועלכע פוילן אין די קעלערס אָדער וועל·
כע פארלאָזן אים, גייען אַוועק אין אנדערע וועלטן און זיין
אָנדענק ווערט פון זייער הארץ פארגעסן; וועגן דער פאר·
אכטונג און אָרימקייט, וואס די גאנצע וועלט טיילט צו דעמ·
דאָזיקן איינגעבויגענעם גאון; וועגן זיין דערוואכן צו אויפ·
לעבונג און דער מעגלעכקייט פון זיין אויסלייזונג און די
אויסלייזונג פון זיין גייסט; וועגן זיין ליטעראַטור און זיין
געדאנק, וועלכע ווערן צעברעקלט און צאַפּלען זיך... פארשטייט
זיך, אז צו קיין רעאַלן, פּראַקטישן געדאנק, דאס הייסט: צום
ציוניזם אין גלייכן און אָנגענומענעם זין פון וואָרט, האָבן מיך
דידאָזיקע לייכטע טראַכטונגען מיינע נישט געקענט דערפירן.
דער אַנטייל, וועלכן איך האָב גענומען אין דער ציוניסטישער
ארבעט, איז דאַן געווען אַ באַגרעניצטער און אַ מאָדנער סיי
צוליב דעם, וואס מיר פעלן די אייגנשאפטן פון אַ געזעלשאפט·
לעכן טוער, – אַ רעזולטאט פון מיין נטיה צו איינזאמקייט, צו
באַאָבאכטונג און אַנאליזירונג, – און סיי צוליב דעם, – וואס
ס'איז אייגנטלעך דאס זעלבע – וואס מיינע מיינונגען וועגן יידן
און יידישקייט זענען געווען צו סקעפּטישע. אמאָל פלעגט ביי
מיר גובר זיין דער גייסט פון „אַלגעמיינקייט”, פון כלומרשטער
דערהויבונג איבער די אינטערעסן פון די פעלקער, שפּראַכן
און לענדער, און דאַן פלעג איך זען נישט מער, ווי דראָמעס
פון כתם-מענטשן און נישט פון גלידער פון איין נאַציע, וועלכע
געפינט זיך אין אַ נעוויסער לאַגע. „נאַציאָנאלע אויפלעבונג...
יידישע שאַפונג... אַ ליטעראַטור אויף העברעאיש... אידעאַלן
פון יידנטום... נאַציאָנאלע דערקענטניש... אַנטוויקלונג אין
פאָלקסגייסט”... – דאס אַלץ פלעגט פון מיר ארויספליען ביי
אַ געוויסן גייסטיקן צושטאנד און ס'פלעגט דערפון ווערן עפּעס

אָן אומפארשטענדלעכער סוד. וואס באגראָב איך מיך אין ווער־
טער? וואס איז די גרויסקייט, וואס איך זע איין אין מיין
פאָלק? צי דארף איך טאַקי באמת זאָרגן פאר דער אויפהאַל־
טונג פון דער נאַציאָנאלער געשטאלט? עס רירט מיך דען
באמת אָן די אויפהאלטונג פון דער פארגעסענער שפראך?
אנהענגער פון טאָלסטאָיען זאָרגן דען פאר אזעלכע זאכן?
דער עיקר איז דאָך די אינדיווידועלע פארפולקאָמענונג און
דאס איבעריקע — דאס זענען דאָך בלויז סאָפיזמען, ווערטער־
שפילן! די טראַגעדיע פון יידן — דאס איז בלויז די טראגעדיע
פונם שוואכן אין א וועלט, וועלכע פירט זיך נישט־יושרדיק און
אומגערעכטיק. ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז דידאָזיקע „קלאָר־
קייט" פלעגט זיך נישט ציען זייער לאנג, און איך פלעג זיך
צוריק אומקערן צו מיינע פריערדיקע מיינונגען. ווי ס'זאל
נישט זיין, דידאָזיקע זאכן האבן מיר פארשאפט יסורים און
גייסטיקע ליידן. נישט אזוי איז געווען מיט חיימאָוויטשן. ער
איז טאַקי תמיד גרייט געווען צו דיסקוטירן וועגן נאציאָנאליזם
און קאָסמאָפּאָליטיזם, אבער דאס איז אלץ געווען בלויז טע־
אָרעטיש און נאר בנוגע אנדערע פעלקער; אָבער צו דיסקוטירן
מיט זיינע חברים וועגן ענינים פון יידנטום און וועגן ציוניזם
האט ער געהאלטן לגמרי פאר איבעריק: דאס זענען אלץ
זאכן, וואס ס'איז געווען מיט איין בליק דערזען זייער גאנצע
נישטיקייט, זאכן, וועלכע זענען שוין אָפּגערעדט געוואָרן בעת
די לאנגע „דעבאטן", וועלכע זענען פארגעקומען אויף דער
גרויסער דיסקוסיע־פארזאמלונג צווישן די ציוניסטן און
זייערע קינדער. דאס וואס דורכן ציוניזם ווערט מען נישט
געפערלעך פאר דער מאכט — דאס אליין געניגט דאך שוין
מבטל צו מאכן דידאָזיקע אידעע כּפּרה דארעא. אמת, וואס
ס'איז שייך מיר, פלעגט חיימאָוויטש יאָ אמאָל האלטן פאר זיין
פליכט אויפצוּווייזן מיר מיין טעות. ווען איך פלעג אָנהויבן
רעדן וועגן די אינערלעכע ריסן און וועגן די פארבאָרגענע
ווידערשפרוכן, וואס זענען פאראן אינם לעבן פון דער יידישער

נאַציע און פונם יידישן יחיד, — פלעגט ער מיך באַלד איבערהאקן מיט די ווערטער:

— גענוג, פייערמאַן, צו האקן אומזיסטע פראַזן. מיר זענען דאָך נישט קיין דיכטער. לאָמיר רעדן רעאַל. וואָס? אַ גרופּע מענטשן, וועלכע רופט זיך „יידן", אַן אָרימע, פאַרשטויסענע, דערשלאָגענע גרופּע, — וועמער לייקנט עס אָפּ? ס'איז גענוג נאָר אַ בליק צו טאָן אויף דער סטאַטיסטיק, „וואָס אין „אמת", כדי צו זען ווי סגעהער צו זיין די לאַגע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער — דער ציוניזם!. איך רעד שוין נישט וועגן זיין אוטאָפּישקייט, ווארום אינדערעמתן איז עס דאָך אַ פולשטענדיקע אוטאָפּיע און די לאַגע פון דער פּאָליטיק פון אייראָפּע און פון אזיע. איך מיין, פון די פאַרבינדעטע מלוכות און פונעם טערק... יאָ, אויך אחוצדעם, וואָס דיין ציוניזם איז רעאַקציע, אבסאָלוטע רעאַקציע, ממש רעגרעס, און בכלל — אַ געלעכטער... איז ווער זענען דען די ציוניסטן? אַ קליינע צאָל יונגעלייט און בעלי-בתים... כ'וועל קלאָר מאַכן אין געדאַנק... כ'מיין דערמיט צו זאָגן: נו, לאָמיר אפילו אָננעמען, ווי דו זאָגסט, אַז דער ציוניזם פאַרלאַנגט פון אונז נישט צו גיין יעדן טאָג אין שול אַריין, צו פאַלן אויף די פיס פאַר די רבנים און פאַר די „גדולים" און צו אַנטלויפן קיין אזיע, לאָמיר אָננעמען, אַז דער ציוניזם שטערט נישט צו טאָן אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן, און וואָס ס'איז שייך זיין פאַרווירקלעכונג — לאָמיר אָננעמען, אַז ס'וועט געשען אַ נס, אַז די ווירקלעכקייט וועט זיך ענדערן, — פרעג איך דיך: מיט וואָס וועט די דאָזיקע בורזשואַזע אידעע פאַרבעסערן דעם מצב פון אונזער פּראָלעטאַריאַט? איך דאַרף דיר דען נאָך אויפווייזן, אַז דער מצב פון די יידן איז אָפּהענגיק נאָר פונם עקאָנאָמישן מצב פון אַלע פעלקער? דו אַליין האָסט מיר פאַרציילט וועגן דעם מצב פון די קאָלאָניסטן אינעם „הייליקן לאַנד", אונטערן שוץ פון ראָטשילדן, און דו ווייסט נאָך אויף „אונזערע יונגע כוחות" און פאַרנעמסט זיך מיט ענלעכע עלעגיעס. לעכערלעך! וועגן דעם, ווי עס זאָרגן דיינע בעלי-הבתים, די זאַטע ציו-

ניסטן, פאר זייער ליב פאָלק — איז דאָך נישטאָ וואס צו רעדן. און די „יונגע כּוחות״ — ארבעטן זיי דען נישט אין פאָלק אויפצוקלערן עס און געבן אים צו פארשטיין זיין זעלבסט־ווירדע און זיין לאַגע אין דער געזעלשאפט? אַ וודאי, דער ציוניזם האט קיינמאָל נישט אויפגעזאמלט און וועט קיינמאָל נישט אויפזאמלען אונטער זיין פאָן יונגע מענטשן, איבערגעגעבענע צו אידעאַלן! אַז אָך און וויי, מיר פאראטן אונזער פאָלק, ווייל מיר פארשפרייטן נישט די לידלעך פון די שאָוויניסטן, ווייל מיר באַשליסן נישט, אז מיר זענען דאס אויסדערוויילטע פאָלק, אָדער ווייל מיר האלטן נישט פון דער „אלטער העברעאישער שפראך״ — דאָס לאָזן מיר איבער אונזער בורזשואַזיע, וועלכע זאָרגט פאר אונזער גייסט און נישט פאר אונזער מאָגן. ניין, פייערמאן, ס׳איז שוין צייט, זאָלסט זיך באַפרייען פון דער השפעה פון דיינע „לשון־קודש״דיקע שרייבער. „מיר פילן זיך ווי פרעמדע און ווי גרים״ — אַ געלעכטער און נישט מער. דער אמתער אינטעליגענט און דער פּשוטער ארבעטער ווייסן דערפון גארנישט. מיר, למשל, איז פרעמד אפילו דער בלויזער געדאנק, אז אין אן אָרט, וואו איך בין געבוירן געווארן און זיך דערצויגן, וואו כ׳האב מיך אנטוויקלט און געלעבט — זאל איך זיך פילן ווי אַ גר! אזוינס קען נאָר אויסטראכטן די ציוניסטישע בורזשואזיע און די אנהענגער פון אירע משונהדיקע געדאנגלען. וואס נאך? די קנעכטשאפט... די אַסימילאציע... אָבער נאָכאמאָל, וואס דארפסטו די פראזן און דידאַזיקע קלאָגרייד? זאָג: אינדיפערענטיזם... בורסיף, למשל, זאגט, אז ער האט גארנישט צו טאן מיט דער יידישער געזעלשאפט... מילא ווי אים געפעלט! דו זאָגסט. „רוסלאנד״... איך בין גרייט אויך דאָ דיר קלאָר צו מאַכן מיין געדאנק. ביי מיר איז קלאר און זיכער...

ביי חיימאוויטשן איז אלץ קלאָר און זיכער. די צוויי ווערטער „בורזשואזיע״ און „פראלעטאַריאט״ פארשלינגען אים אינגאַנצן. אלע לעבנספראגן פאלן ביי אים ארונטער אונטער דער פראגע פון ארבעט און קאפיטאל, אדער, ריכטיקער, פאר

אים עקזיסטירט נישט קיין אַנדער לעבנספראגע. אלץ גייט ביי אים אריין אין דערדאָזיקער פראגע, וועלכע האט פארשלונגען זיין גאנץ לעבן. איך, ווי צו מיר, קען מיר נישט אלץ אזוי קלאָר מאכן. אמת, אויך אין מיין לעבן זענען געווען צייטן, ווען איך בין אינגאַנצן געווען פארזונקען אין דערדאָזיקער אייביקער פראַגע און איך בין בנוגע איר מיטגעשלעפט גע־וואָרן מיט די חיימאָוויטשעס, און דאן האָב איך געזען אין איר און אין איר לעזונג אַלץ: דעם קאמף פון יושר און גערעכטיקייט, די אידעאַלע שטארקייט, די וועלט־פארבעסערונג, דעם פראָטעסט פונם מענטש און די פארקערפערונג פון זיין גייסט. אָבער צוזאמען מיט דעם נתפעל־ווערנדיקן אין מיר פלעגן אויך אויפקומען דער קריטיקער און דער אַנאליזאטאָר און זיי פלעגן מיך אָנפילן מיט ספק און אפיקורסות, און זיי פלעגן מיר באווייזן אַסך דאָן־קישאָטיזם, באגריפן־צעמישונג, וואול גאריטעט, מיאוסקייט און לעכערלעכקייט, אויבנאויפיקייט, נאַרישקייט, פאַרבאָרגענעם אומגלויבן, נישט־אויפריכטיקע באַציאונג, אַמאָדנע און משונהדיקע אונטערטעניקייט לגבי די נישט־יידן, אַ נישט־גוטע באַציאונג צו יעדערן, וואס געהערט צו אַן אנדער געזעלשאפט, דעמאַגאָגיע, אויפגעצוואונגענקייט און די אנדערע זאכן, וועלכע זענען אייגנטימלעך פארן קאמף פון אַ באשטימטער פארטיי. און ס'האט נישט לאנג געדויערט, און אַסך פון מיינע „אלטע ווערטן" האבן זיך גענומען נאכמער וואקלען, און באזונדער דער ווערט פון דער „געזעלשאפט־לעכער ארבעט", פון אירע העלדן און אירע רעזולטאטן. דאן האט זיך ביי מיר דערוועקט דער שווארצער יאוש אין באַצוג צום לעבן, אין וועלכן איך בין געווען אריינגעטאן, און דאן האב איך דערזען, אז אויך דערדאָזיקער ענין איז נישט מער ווי די פארקערפערונג פון אט דעם לעבן גופא.

## יג.

חיימאָוויטש באַקאַנט זיך מיט מענטשן גיך און לייכט. נאָר איך בין לכתחלה געווען פרעמד פאַר זיין גייסט, פאַר דעם גייסט, וועלכער פאַרלאַנגט אין אַ געוויסער מאָס אַ „שילד" פון יעדן מענטש, — אַ זאַך, וואָס איך האָב נישט פאַרמאָגט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן באַציען צו מיר ווי צו אַ מאַטעריאַל, פון וועלכן עס קען אַרויסקומען אַ גוטער מענטש. „וועסט נאָך לעבן, וועסטו זיך איבערצייגן", צולעצט האָבן מיר זיך באַפריינדעט.

מיר האָבן זיך באַקאַנט איינער מיטן אַנדערן צופעליק. איך האָב מיר געזוכט אַ וואוינונג און אויפן פענסטער פון דער דירה פון חיימאָוויטשעס עלטערן איז געווען אויסגעקלעפּט אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז „דאָ פאַרדינגט זיך אַ צימער פאַר נישט-פאַרהייראַטע". כ׳בין אַריינגעגאַנגען. דאָס צימער האָב איך, אמת, נישט געדונגען, ווייל דער פּרייז איז געווען פיר רובל. מער וויפיל איך האָב געקענט צאָלן; אָבער דאַן האָב איך דאָרטן באַקעגנט בורסיפן, וועלכער האָט דאָרט געוואוינט אין אַ שיין און גרויס צימער; דידאזיקע באַקעגעניש האָט מיך דאָרטן דאַמאָלס פאַרהאַלטן אַ ווײַלע און האָט גורם געווען, אַז איך זאָל אַריינקומען אין דער שטוב שפּעטער נאָך עטלעכע מאָל — דערווייל האָב איך זיך דערנענטערט מיט חיימאָוויטשן.

אַלעקסאַנדער סאַמויִלאָוויטש בורסיף איז אַ זון פונם קאָמיסיאָנער בורסיף, וואָס וואוינט אין צ., מיין געבורטשטאָט. ער האָט פאַר עטלעכע יאָרן באַקומען מאַטורע און האָט זיך

געגרייט אנצוקומען אין אוניווערזימעט. און אז עס איז אים נישט געלונגען, — איז ער געבליבן וואוינען אין נ. ווארטן אויף א געלעגנהייט. אין דערדאזיקער שטאט האט ער געהאט רייכע און אנגעזעענע קרובים.

דאס איז א יונגערמאן פון א יאר פיראונציוואנציק, א געפוצטער, א שטאלצער, א זעלבסטזיכערער, א קלוגער ביי זיך אין די אויגן און אזא, וואס ווייס ווי אויסצונוצן דאס לעבן. ער איז אינגאנצן — א העפלעכער אריסטאקראט אָן איין פגם. זיין פול פנים איז ריין געגאלט, זיין וואוקס איז הויך און שלאנק, זיינע באוועגונגען—אנגענעמע. צווישן די ליפן שוועבט ארום א מין איראָניש, פאראכטנדיק שמייכעלע. דערדאזיקער שמייכל איז, אמת, א געצוואונגענער, א געמאכטער, אבער געמאכט מיט געשמאק. ער געפעלט יעדערן, ווער עס זעט אים. אויך זיינע שונאים און די, וואס זעען אים מק״א, באציען זיך צו אים מיט אכטונג. און די פרויען — „ווערן פאר אים די כפרה״! די לעבנסלוסטיקע פרײלײנס נעמט ער מיט זיינע העפלעכע מאניערן, מיט זיין וויץ, מיט זיין צוציענדיקער אָפשטויסנקייט, מיט זיינע גלעטנדיקע אויגן; וואס ס׳איז שייך די אידעאליסטישע מיידלעך, זעען זיי אין אים — לויט זייער אייגנארטיקער לאגיק — דעם גילגול פון פעטשאָרינען. און ער קען אויך מאכן מיינען די, וואס זעען אים, — פארשטייט זיך, וואו מען דארף, — אז אונטער זיין פשוטער, קאַטשאַכער, העפלעכער אויסערלעכקייט באהאלט זיך אן אומפארגלייכלעכע גייסטיקע רייכקייט. בכלל פארמאגט אט דער מענטש א פעאיקייט זיך אויסצוצייכענען און צו לעבן.

— יא... — זיצט ער זיך, ווי א גענעראל אויפן שטול, וואס אנטקעגנאיבער מיר, רעדט מיט מיר מיט אן אפיציעלן „טאן״ און באמיט זיך אויסצוזען, ווי ער וואלט שטארק געדענקט; ער זאגט ארויס עפעס זאצן זייער גיך, אזוי ווי נישט געוון און גלייכגילטיק און ציט דעם „י— — אָ״ — יאָ... אגב, וואס זענט איר אויסן געווען... אייגנטלעך... יא... וואס זענט איר

אויסן געווען, ווען איר האט פארלאזט די רבנישע „קאריערע״ און איר האט זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים ?

— וואס הייסט ?

„וואס הייסט ?״... צי פארשטייט איר טאקי נישט מיין פשוטע פראגע ?.. יא... איך האב געפרעגט — אויב ס׳איז מיר נאר דערלויבט — צי האט איר גערעכנט אנצוקומען אין עפעס א שולע, צי...

— ניין...

— י— — —אָ... הייסט עס, אז בלויז דער באגער צו צו לערנען האט אייך דערצו באוואוינן ?.. יא... פיין... אגב, דאס איז אן אייגנשאפט פון אלע ישיבה-בחורים... און דאס איז גוט...

— גוט ?

— פארשטייט זיך !

— מיט וואס ?

— „מיט וואס ?״ — דערמיט, וואס זיי האבן נישט דאס יאגן זיך נאך מאטעריעלע צילן... יא... נו, און דערדאזיקער אידעאלער באגער אייערער איז דערפילט געוואָרן ? ניין ?.. פארוואס ? אפשר צוליבן מאנגל אין לערער ? איך בין גרייט צו דינען. איך האָב א סך באקאנטע, ליידיקגייערס.

— נישט נויטיק.

— פארוואס, אויב ס׳איז מיר דערלויבט צו פרעגן ?

— כ׳האב איצטער נישט קיין שטימונג צו לערנען זיך.

— לאנגווייליקייט ?

— קען זיין.

— יא... וויכטיק... אגב, איך קען פונדעסטוועגן מענטשן, וועלכע ארבעטן א סך פון לאנגווייליקייט...

— מענטשן זענען אויך אין זייער לאנגווייליקייט נישט גלייך איינע צו די אנדערע — פאלט אריין חיימאוויטש אין אונ זער געשפרעך — כ׳וועל קלאָר מאכן מיין געדאנק..

— א דאנק — א דאנק, הער חיימאָוויטש ! אויף מייןווארט, כ׳האב איצטער נישט קייז באזונדער חשק צו פילאָזאפיע...

— נישט בלויז איצטער ! — קען חיימאָוויטש נישט באַ·
האלטן זיין צאָרן.
חיימאָוויטש קען שטאַרק נישט ליידן, „דעמדאָזיקן פּראַנט,
וועלכער האט קיינמאָל נישט קיין איבערקלערענישן, פּונקט
ווי ער וואָלט געווען דער סימבאָל פון פאָלקאָמענהייט. ער באַ·
מיט זיך אויפצווייזן מיט אַלערליי אַרגומענטן און מיט שטאַר·
קער התלהבות דשם טעות פון דער מיינונג, אז בורסיף איז
נישט קליינלעך. אדרבה, ער איז אַ קליינלעכער, אַ נידעריקער
מענטש, אַ טעמפּער, ער האט ליב בלויז זיך ! ער פאַראכט אויך
בלויז אַזעלכע, צו וועמען ער דאַרף נישט אָנקומען.
חיימאָוויטשעס באַציאונג צו מענטשן צייכנט זיך נישט
אויס מיט קיין איבעריקער מעסיקייט. ער האָלט טאַקי, אז ער
האָט אַ „מאַטעריאַליסטישע" אויפפאַסונג אויף דער וועלט, און
פונדעסטוועגן איז ער גלייך ווי אַ סך פון זיינע מאַטעריאַליס·
טישע לעכערס, וועלכע האָבן אַליין מקריב געווען זייער לעבן
אויפן מזבח פון זייערע מייגונגען, ער גלויבט אין דער היי·
ליקייט פונם קוואַל פון זיינע אמתן...
מיך קרוינט ער אַמאָל מיט דער קרוין פון „אַ פּאַראָדיע
אויף אַ דיכטער", דאס הייסט, אַ מענטש, וואָס ס'איז נישט קיין
דיכטער — נאָר ער פאַרמאָגט אַלע פארדאָרבענע מידות פון די
דיכטער...

## יד.

עס דערמאָנען זיך מיר, אָדער, ריכטיקער, איך דערמאָן זיך איצט עטלעכע סצענעס פון יענער צייט, ווען איך בין נאך געשטאַנען אויף דער שוועל פון לעבן, נאָר ווען לויט אַלע איינדרוקן, וואס איך האָב מיר שוין איינגעשאַפט פון לעבן, האָב איך געמיינט, אז איך קען באַשליסן: אַליין דאַרף נ י ש ט זיין, און לכל הפחות (אָדער באַזונדערס) איך און מיינסגלייכן. יענע צייט איז ביי מיר געווען אַ תקופה פון צאַפּלען זיך צו־פוסנס פונם באַרג, וואס באַגראָבט יעדע זאך, וועלכע איז נישט נוטה אויף אַ גרינגן אופן צו חיתשער צופּאַסונג. איצט, דאנקען גאָט, ווייס איך, אז דער גרויסער ווערט פון דער צו־פּאַסונג אַליין איז נאָך אַ צווייפלהאַפטער און אז אויך דער שרעקלעכער באַרג גופא איז, סוף־כל־סוף, נישט מער ווי — נאַרישקייטן! אָבער אין יענער תקופה, ווי געזאָגט, האָט עס ביי מיר אַנדערש אויסגעזען. פון איין זייט איז געווען אַן אַבסאָלוטע שרעק פאַר דער גרויליקייט פון דער גראָבקייט און חיהשקייט, וואס אין לעבן. און פאַר דער גרויליקייט פון דער ווייכקייט און הילפלאָזיקייט, וואס אין מיין וועזן, און פון דער צווייטער זייט, פלעגט אויך טרעפן, אז איך פלעג זיך באַ־מיען איינרעדן, זיך אָדער אַנדערע אָפּנארן, אז איך האַלט נאָך אינמיטן וועג, אז איך האב נאך טאקי נישט געפונען מיין לעבנסצוועק — אָבער עס וועט קומען דער טאָג, יענער גע־האָפטער טאָג!

מערסטנטייל האב איך קיין דירה נישט געהאט, און אין די נעכט פלעג איך שלאָפן אין חיימאָוויטשעס וואוינונג אויף דער ערד אדער אויף צונויפגערוקטע שטולן. איך פלעג אויפ־שטיין אינדערפרי, כ׳פלעג אָנטאן מיינע טראַנטעס מיט אַ באַוועגונג פון אַ מענטש, וואס טוט אַ לגמרי איבעריקע זאך, איך פלעג בלייבן זיצן אליין אין חיימאָוויטשעס צימער, ווען ער פלעגט אַוועקגיין אויף זיינע „לעקציעס", כ׳פלעג מיר אַרומ־שפאצירן איבער דער לענג און איבער דער ברייט פון צימער אָן אַ כוּף און אָן אַ מאָס, איך פלעג פארמאכן די אויגן מינוטנווייז און זיך אָנלענען אָן וואַנט, אונטערמורמלען אדער אונטערזינגען אָפּגעהאקטע שטיקלעך זאצן, כ׳פלעג זיך פלוצלינג אויפהויבן און אַוועקגיין אָן קיין שום נויטווענדיקייט, אַריינ־קומען צו עמיצן פון אונזער חברה, אריינקוקן צופעליק אַ ביסל אין עפעס אַ בוך, אַ בלעטער טאָן עפעס אַ צייטונג, כאפן אַ שטיקל ברויט אָדער אַ קאלט גלאָז טיי — און ווידעראמאָל זיצן אין חיימאָוויטשעס צימער.

אין אָוונט פלעגט חיימאָוויטש צוריקקומען פון דער אַר־בעט אין דער געזעלשאפט פון פריילין לערנער, און ער פלעגט מיך טרעפן אויסגעצויגן ווי אַ קלאָץ אויף דער סאָפקע ביי אים אין צימער. דאמאָלס פלעגט ער זיך צוכאַפן צו מיר מיך אויפצומונטערן און מיר זאָגן מוסר מיט אן ערנסט פנים („און מיטן אנערקענען זיין איבערשטייגן מיך" פלעגט מיר דאן דורכלויפן אין געדאנק): איך בין אן אלטער; איך בויג דעם קאָפּ פ א ר דער צייט; צי וואָלט דען עמיצער געגלויבט, אז איך בין נאך קיין צוואַנציק יאָר נישט אלט? ער שווערט ביי זיין לעבן, אז ס׳איז גערעכט געווען דער מהבר פונם אר־טיקל אינם לעצטן נומער פונם זשורנאל, וואס ער האט ערשט נישט לאנג געלייענט; מיר דארפן לאָזן פאר אנדערע, זיי זאלן נאך אונזער טויט קלאָגן אויף אונזער לעבן, וואס איז אַוועק מיט גאָרנישט; אָבער מיר אַליין דארפן ארבעטן און קעמפן, ארבעטן און קעמפן; און ווער עס גייט ארום און

קלאָגט און האלט זיך פאר אַ „שברי־פּלי״ און ווערט באזיגט דורכן לעבן–יענער איז אַ שמאטע, אַ פולשטענדיקע שמאַטע.

אויף זיין פנים לויפט דורך אַ שמייכל, וואס איז גע־קומען פונם געדאנק, אז ער רעדט „הויכע זאכן״, אמתדיקע רייד, רייד, וואס מאכן אן איינדרוק און ברענגען נוצן.

דער רעדנער מונטערט זיך אויף, זעצט זיך לעבן מיר און הויבט מיך אָן שאָקלען מיט אַ פריינטשאַפטלעכער אויפגע־לייגטקייט און מיט אַ גוטן מיין מיך פאנאנדער־צעטרייסלען און אויפוועקן די לעבנסקראפט, וואס אין מיר. זיין אָנריר פאר־שאפט מיר אין דער מינוט אַ שרעקלעכן ווייטיק, כמעט אַ פּי־זישן. איך באהאלט מיין פנים און שטאַמל:

— פאראן מאָמענטן, מאָמענטן... איך דארף דיר זאָגן... אַליינקייט... אַ מענטשלעך פנים רעגט אויף... דער־וועקט עפּעס אַ פריינטשאפט... כ׳דארף דיר זאָגן... דו... חיימאָוויטש... וועמען האב איך אַ חוץ דיר ?.. מער ווי אַ ברודער... נו... פונדעסטוועגן...

— עי, פייערמאַן, הער אויף מיט דיינע נארישע פּלוי־דערייען ! כ׳וועל דיר עצהנען, ברודער, איבערצולאָזן דיין פּע־סימיזם פאר בורזשויען און פירשטן, וועלכע פילן זייער אונ־טערגאנג און סוף. זאָלן זיי, די אריסטאָקראטן, זיין ניטשעאַנער, דעמאָניסטן, סימבאָליסטן, פּעסימיסטן און אפילו אַנארכיסטן. אָבער וואס האב איך צו רעדן, אז אויך דו, דו, דער פאָלקס־מענטש, וואס דאס לעבן איז פאר דיר נישט קיין אגעגעם שפּיל, נאר אַ שלאכטפעלד, אַ פאבריק, ווי באַזאראָוו זאָגט, — וואס זאל איך רעדן, אז אויך דו הויבסט אָן צו קראַקען, ווי אַ קראָ: „א מענטשלעך פנים... כ׳האב נישט ליב קיין מענטשן... „זיי פארנעמען אונזער אָרט״... מאסע... אַליינקייט״... ניין, ווארף אוועק דיין מרה־שחורה — און ווער אַ מענטש. איך לערן דיך דאך אויך נישט צו זיין אן אונטער־טעניקער, אַ צופרי־דענער. איך בין דאך אויך נישט קיין געצערטלט קינד. אָבער מיין אומצופרידנקייט איז אַ פראָטעסט־געפיל, אן אויפשטאנד און נישט קיין יאוש. פארשטייסט ? אָט וואס איך זאָג: די

ביסט ווייט פון לעבן; דו לעבסט גאָרנישט... איך בין דאך זיכער, אז דו האָסט געוויס נישט געלייענט דעם ארטיקל, וואס איך האב דיך היינט אינדערפרי געהייסן איבערלייענען. אומוויסנדיקייט, הונגער, ארבעטלאָזיקייט, קרענק... אַ שרעק!

— נו, און וואס דארף מען טאָן, לויט דיין מיינונג? — פרעג איך מיט אַ מין פארבאָרגענער שטימע.

וואס מ׳דארף טאָן? — אַ גוטע פראגע!

— נו, נו, זאָג, זאג... אדרבה, פארלייקן נישט פון מיר, אויב דו ווייסט...

— צי איך ווייס? אַ וודאי ווייס איך! „וואס מ׳דארף טאָן" — אַ גוטע פראגע, אַ קלוגע פראגע! אָרימקייט און אומוויסנדיקייט — וואס מ׳דארף טאָן? מ׳דארף טאָן!.. אַ וודאי ווייס איך וואס מ׳דארף טאָן...

איך לאָז אראָפּ די אויגן, די לערנער, וועלכע זיצט די גאנצע צייט און הערט זיך איין, באמערקט, אז איך בין באמת דעמדאָזיקן אָוונט „שווער" נישט צום אריבערטראָגן.

— „אין דעמדאָזיקן אָוונט" — האקט זי איבער חיימאָוויטש — שטענדיק איז ער אזא, א גריבלער און א ווייטער פון לעבן... וואס איז דאס פאר א פראגע?.. מ׳דארף טאָן אלץ, וואס מיר קענען... נו...

— מ׳דארף טאָן... — פרובט אויך די לערנער — מ׳דארף אויפקלערן די מאַסע... מ׳דארף זי בילדן... אפשר ניין?

— דאס אויך, דאס אויך!.. אָבער דער עיקר — ברויט! ברויט! בלויז די בורזשויען — די פּיליסטערס האבן ליב צו זאָרגן פארן גייסט פון דער מאסע, פאר איר מאָראלישן צושטאנד, פאר איר חלק אין גן־עדן — און צו פארגעסן אָן איר מאָרגן. דיינע ציוניסטן, למשל, וועלכע זאָרגן שטארק, אז די מאסע זאל קענען די אלטע העברעאישע שפראך, זי זאל איר דאַוונען אין בית־מדרש אריין... כא־כא, עמיצער האט געזאָגט: „די בורזשואזיע האלט זייער טייער דאס חתונה־האבן און דאס לעבן פון די היליקע". אן אויסגעצייכנטער אַפאָריזם! אבער דו, פייערמאן... דו וועסט דאָך גישט זאָגן, ווען

דו וועסט איבערלייענען דעם פאַקט, אַז צען טויזנט גרופּן-אַרבעטער גייען אויס פון הונגער: „טאָ וואָס גייט עס מיך אָן?״ דו ביסט דאָך נישט הער בורסיף, דער געהויבענער אינדיווידואַליסט, דער טייוול זאָל אים נעמען... וואָס לאַכסטו?..

איך פאַרגראָב מיין פּנים אין דער ערד.

— בורסיף? דאָס איז דאָך דער געלער מיט די וואָנצעס? — זאָגט די לערנער — ער איז באמת אַן אומאָנגענעמער מענטש... אַן עגאָאיסט...

— אַן אומאַנגענעמער — און אַן אַנגענעמער... פאַר יעדער חוהס טאָכטער, לכל הפחות...

די לערנער מאַכט אַ מינע פון אויפרעגונג, צוליב מיין באַמערקונג.

זי איז אַ מיידל פון העכער צוואַנציק יאָר. זי איז אַ געבוירענע אין אַ קליינשטעטל. ערשט אַ צוויי יאָר, אַז זי וואוינט אין נ. אירע עלטערן זענען קרעמער... זי איז אַ קליינגעוויקסיקע. אויף איר מאָגער פּנים. וואָס איז ווייס, ווי אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל, זענען זיך שפּורן פון אָרימען לעבן. אויף איר אויסערלעכקייט גיט זי נישט אַכטונג. אירע געזיכטשטריכן זענען גלייכע און אָפענע, אָבער זיי פאַרמאָגן אַבסאָלוט נישט יענע ווייכקייט און צערטלעכקייט וואָס ביי די טיפּישע פרויען. איר שטימע איז אויך עפּעס ווי הייזעריקלעך און נישט-ווילנדיק מאַכט זי זי נאָך גרעבער, מער ענלעך צו חיימאָוויטשעס שטימע. דער לעצטער איז איר „בעל משפּיע״, איר „אַנטוויקלער״, כלומרשט, וואָס ציט זי אַרויס פון דער פינצטערניש אין דער ליכטיקייט אַריין. אַ לענגערע צייט האָבן זיי געוואוינט אין איין דירה, אין צוויי צימערן איינער לעם אַנדערן, און זיי פלעגן לייענען צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט, „נישט רעכענענדיק זיך און האַלטנדיק זיך העכער פון די רכילותן פון די בעל-הבתים און זייערע שכנים״. און ווירקלעך, זייערע באַציאונגען זענען געווען אוממעגלעך, זיי זאָל נישט זיין קיין „ריינע״. לויט חיימאָוויטשעס מיינונג, אַליין האָבן דידאַזיקע באַציאונגען געקענט דינען אַלס מוסטער פאַר די

באַציאונגען, וואָס דאַרפן זיין צווישן מאַן און פרוי. די באַ-קאַנטע הענשערישקייט, וואָס ס'איז געווען אין זיין באַציאונג צו איר, האָט חיימאָוויטש גאַרנישט באַמערקט. צייטנווייז איז אויך געווען אומאַנגענעם דאָס אונטערשטרייכן פון זיין טרעטן אויפן אָנגענומענעם עטיקעט. אָבער אין אַלגעמיין האָט דערדאָזיקער בונד געווירקט צום גוטן אויף חיימאָוויטן. ער איז געווען פאַר דער לערנער, „דער איינציקער מענטש", און ער האָט באמת געטאָן פאַר איר אַלץ, וואָס ס'איז געווען אין זיינע מעגלעכ-קייטן. אין איר געזעלשאַפט איז זיין שאַרפזין געווען גע-לונגענער; און אויך זיין איבערגעגעבנקייט צו זיין אידעאַל איז געווען, ווען דאָס דאָזיקע מיידל איז געווען מיט אים, אַ באַשטענדיקערע.

אַרום האַלבער נאַכט טרינקען מיר טיי און מיר בייסן עפּעס איבער. „וויפל דו זאָלסט נישט פילאָזאָפירן — און דאָס עסן איז אַ גרויסע פראַגע". חיימאָוויטש עסט נישט קיין מאכל פון לעבעדיקע באַשעפענישן אָדער — אויף זיין שפּראַך — „ער האַלט פאַר מיאוס און פאַר נישט-דערלויבט צו עסן געהרגעטע וועזנס". די לערנער ברענגט פון קראָם ברויט, שטעלט אַוועק דעם טשייניק אויפן טיש — און מיר עסן און טרינקען זאַלבע-דריט. איך און די לערנער קייען דעם צוקער און דאָס ברויט און זופן די טיי — און חיימאָוויטש קייט, זופּט און רעדט. ער „דערקלערט אַ געדאַנק": ער זידלט די פחדנים, וואָס פאַר-דעקן זייער צעקראָכנקייט מיט אַ מאַסקע פון סקעפּטישקייט און גריבלערישקייט. ווי קליין און נידעריק זענען זיי! זיי פאַרגעסן דעם צער פון דעם רוב און זיי זענען זיך עוסק בלויז מיט זיך אַליין, מיטן אַנאַליזירן זייערע קליינלעכע גע-פילן, נישט פרובנדיק צו קעמפן פאַר זייערע רעכט. די לער-נער שווייגט, זי הערט זיך איין מיט שטאַרקער אויפמערק-זאַמקייט. און מיר פונדערזייט דוכט זיך אויס, ווי זי וואָלט גערעדט: „זע, חיימאָוויטש, אַז איך הער אויס אַלע דיינע רייד, אַז איך גלויב אין אַלץ, וואָס דו זאָגסט אַרויס פון דיין מויל, אַז איך בין איינשטימיק מיט דיר אפילו, ווען איך

פאַרשטיי נישט; אמת, איך האָב זיך נאָך נישט אַנטוויקלט, עס פעלט מיר נאָך אַ סך, אָבער ס'איז דאָך דיר נישט אומבאַקאַנט, אַז איך באַמי זיך אַלץ צו פאַרשטיין". נאָך אונזער עסן נעמט זי אַ היים עפּעס אַ בוך צום לייענען און זי גרייט זיך אַוועקצוגיין. היימאָוויטש באַגלייט זי טראָץ איר בעטן אים, — נאָכדעם, ווי זי האָט גובר געווען די שרעק צו גיין אַליין און ווי זי האָט באַזיגט איר ווילן צו זיין נאָך אַ ווײַלע אין זיין געזעלשאַפט, — אַז ער זאָל זיצן אין שטוב און זי וועט אַליין טרעפן אַהיים. אַז ער קערט זיך אום, רעדט ער וועגן איר. ער האָט אין איר נישט קיין טעות, ער איז נישט פאַרבלענדט צו מיינען, אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן פאַר עפּעס גרויסעס. ער ווייס, אַז זי איז פון דעם „מין מענטשן, וואָס לאָזן זיך באַווירקן", אַז איר כּוח צו פירן דעם לעבנקאַמף איז אַ קליינער, אַז איר אורטיילונג-קראַפט איז נאָך ווייניק אַנטוויקלט; אָבער ווער וועט עס נישט מודה זיין, אַז זי איז אַן אויסגעצייכנטע, אַ פיינע, אַן אָרנטלעכע? ווער וועט עס נישט נתפּעל ווערן דערפון, וואָס זי האָט פאַרלאָזט אירע עלטערן און איז געקומען אין אַ פרעמדער שטאָט אריין צו ליידן הונגער און אָרימקייט, בלויז דערפאַר זי זאָל ווערן זעלבסטשטענדיק אין זיך פאַרפולקאָמענען אין די לימודים? און מיר שטרעבן צום העכערן און צום בעסערן!.. און מיר לעבן דאָ!..

אין מיר ראַנגלט זיך אַ שטיפערישער חשק זיך צו ריידן מיט אים, און איך הויב אָן מיט אַ מין ערנסטקייט און מיט אַ „טאָן" פון אַ ריינער און טיפער פילאָזאָפיע צו „דערקלערן", אַז די מענער פאַרלאַנגען תמיד פון די פרויען, זיי זאָלן זיין לעבעדיקע בלומען, דער סימבאָל פון בליסטונג, פול מיט „ווייבלעכקייט", אַז מיר פאַראורטיילן דאָס פוצן זיך און דאָס קאָקעטירן בלויז מיט דער צונג, און דאָס געפיל, וואָס די פילסט, ווען אַ נישט-שיין מיידל באַמיט זיך דיך צוצוציען, איז זייער ענלעך צום געפיל, וואָס דו פילסט, ווען אַ נישט-מיאוס מיידל ווייס נישט, ווי צו פאַנגען דיין האַרץ...

— אָט די לערנער... למשל... זי פאַרמאָגט להלוטין נישט די פעאיקייט...

— און דאס איז איר לויב! — שרייט אויס חיימאוויטש...

— ברען נישט. פארשטייסט נישט, וואָס איך מיין. איך וויל נישט זאגן דערמיט, אז איר פעלט פולשטענדיק די זאַך, וואס אָן דעם איז אוממעגלעך, אז זי פערמאָגט לגמרי נישט פאַרשיידענע מינעס און באוועגונגען. איך זאָג בלויז...

חיימאוויטש הערט ערנסט אויס מיין רייד, ער שלינגט זיי כמעט, אָבער פלוצלינג ווער איך אליין שטיל און ציִ זיך אויס אויף דער סאָפּקע. אין קאָפּ ביי מיר איז נישטאָ קיין שום געדאנק, קיין שום דערמאנונג, קיין ברעקל פאַרלאַנג. אין מיין הארץ איז א פּוסטקייט, א נישטיקייט, אן אבסאָלוט מידקייט, א באוואוסטזיין, אַז ס'איז נישטאָ קיין באדערפעניש אין מיין אָטעם, אז מיין קלאפּן מיט דער צונג איז א נארישקייט. אין מיין הארץ איז א חיה'שער ווילן, אז ס'זאל נישט געשטערט ווערן די עטילקייט, די רו, אז איך זאל קענען ליגן און שווייגן. מינוטנווייז פאל איך אריין אין א מין גסיסה — דרימל, און דאן קומען זיך צונויף אלע פאסיקלעך און פּינטעלעך, וואס זענען פאראן אוי'פין אויסגעמאָלטן פאפיר, וואס איז אויסגעקלעפּט אויף די ווענט פון צימער, און צעשטרייען די בילדער אין מיין מוח. אָבער חיימאָוויטש, וועלכער זיצט און לייענט און ביי אים אין מוח ווערן געבוירן פערשיידענע זאַכן און ענינים, וועקט מיך פאנאנדער און „דערקלערט מיר זיינע געדאנקען".

— צו וואס אלץ ס'איז מסוגל דער מענטשלעכער מוח! דאס דערמאגט מיך די ריכטיקייט פון דיינע רייד וועגן דער באגרינדונג פונם פ א ק ט... יעדער דענקער דערקלערט דעם פאַקט און זיינע באווייזן אויף אַזא אופן, צו וועלכן ער איז נוטה. אבער וואָס ליגסטו שטום, ווי א שטיין? איך וויל דאָך הערן דיין מיינונג. אדער אפשר ביסטו געוואָרן א גובערנאטאָר און ס'פּאסט דיר נישט צו רעדן מיט מיר? וואו א הין איז אוועק דיין פילאָזאָפירן פון ערשט א מינוט צוריק? זאָג מיר

נאָר דיין אמת׳ע מיינונג, אָבער אינגאנצן אויפריכטיק. פינ׳ס עגאָאיסטישן שטאנדפונקט...

— אָבער אין נאמען פון אַלטרואיזם — לאָז מיך אָפּ...

— ניין! דו טראכסט אוודאי איצטער וועגן העברעאישע ספרים, „צו וועלכע דו האָסט א געוויסע ציאונג", און דעריבער קען מען צו דיר נישט צוקומען. אָבער אויך מיין איינאונ־איינציקער אידעאל איז דאך — אז אלע מענטשען פון דער וועלט זאָלן קענען די אלטע העברעאישע שפראך. דאס איז זייער נויטיק. און אויף דיין בוך אין דערדאָזיקער שפראַך וואַרט איך, ממש כ׳גיי אויס ווארטנדיק... שרייב, שרייב אָן פייערמאַן, עפּעס א בוך אויף העברעאיש, באזונדערס עפּעס פון לעבן, און איך פארזיכער דיר, אז דו וועסט דערמיט ברענגען דעם נוצן פון... פון...

— פון אלע ביכער...

— אָ, דער פּעסימיזם — דאס איז אינטעריסאנט: שרייבן העברעאיש און זיין א פּעסימיסט. נו, איך בין איצט גאר נישט אנגעבּרייט אויפצוהויבן א יאָמער אין א קלאָג. ניין, אינדער־אמת׳ן, פייערמאַן, זיי מודה דעם אמת, זאָג אויפריכטיק, אָן ארויסדרייעניש, שרייבן זשארגאָניש — איז נאָך צו פארשטיין! יאָ, טאקי א געמישטע שפראך, און אונזערע קינדער וועלן אפילו נישט וועלן קענען דידאזיקע שפראך, אלע באמיען זיך אויסצולערנען די לאַנד־שפּראַך — אַ פּאַקט!), אָבער, ווי ס׳זאל נישט זיין, דערווייל רעדט מען אויף איר, און פאַרשטייט, אז די, וואָס ווילן ווירקן אויפן פאָלק, וואָס רעדט אויף דער שפּראַך... ווארום די ליטעראַטור — דיר אויף צעפּיקעניש — ווירקט אויפן לעבן... וואָס פאַר א ווירקונג? — אַ קלוגע פראַגע! גוטע ביכער ווירקן צום גוטן; ביכער פון „פיליסטערס", בורזשואַזע ביכער קילן אָפּ די נשמות און די הערצער, און פאַרזייען רעאקציאָנערע געדאַנקען. און היות ווי דער שרייבער פייערמאַן איז נישט קיין פיליסטער, דאַכט זיך, דאַרף מען האָפן... אָך, אַנט־שולדיק, כ׳בעט דיך איבער! כ׳האָב פאַרגעסן, אז ווען דיין מרה-שחורה פאַרשטאַרקט זיך, ביסטו אַ קעגנער פון אַלע „גע־

שרײַבנע אמתין": און באַזונדערס, אויב דו ווילסט זײַן אַ שרײַבער, און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, פֿון די „אויבערשטע", דאַרפֿסטו שרײַען קעגן די ביכער, דאַרפֿסטו זײַן אַ תּלמיד פֿונם אַריסטאָקראַטישן ראַדיקאַל, אָדער, ריכטיקער, פֿונם ראַדיקאַלן אַריסטאָקראַט פֿרידריך ניטשע — נעמט אַראָפּ די היטלען! — „נאָך איין הונדערטער לעזער — און דער גײַסט איז ממילא אויסגעפֿײלט"... אָבער אוי, פֿײַערמאַן, פֿײַערמאַן! ווען דו וואָלסט זיך פֿאַרטראַכט, ווי דידאַזיקע הערן לײַגן! זיי טוען שרײַען קעגן דער שרײַבערײַ — און זיי שרײַבן; זיי פֿאַראַכטן די פּרעסע, די מאַסע, די לעזער — און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ שטעלן זיי אָן די אויערן צו הערן די מיינונג פֿון עולם וועגן זיי; זיי שרײַען, אַז זיי שרײַבן פֿאַר זיך — און זיי דרוקן! שדים און גײַסטער... איבערמענטשן... כאַ־כאַ־כאַ... דו ווייסט, פֿײַערמאַן? פֿײַערמאַן, אַ, פֿײַערמאַן! העברעאישער שרײַבער, שטיי אויף, הער נאָר! דײַן פֿאָראורטייל וועגן העברעאיש, וועגן יידנטום א. א. וו. א. א. וו. וואָס איז פֿאַראַן אין דיר צוזאַמען מיט דײַן סקעפּטישקייט און פּעסימיזם (ליפּערט דערקלערט גוט דידאָזיקע דערשײַנונג), דערמאָנט מיך די לאָגיק פֿונם ענגלישן בוך, וואָס איך לייען איצטער. ניין, אַ גלײַכע לאָגיק! דער אוטיליטאַריזם און דער קאָנסערוואַטיזם זענען צווילינג־ברידער... דו הערסט!

— כאַפּט דיך דער טײַוול מיטן מיטיליטאַריזם און קאָנסערוואַטיזם צוזאַמען!

חיימאָוויטש איז זיך אָן מיר נוקס מאר דידאָזיקע רייד, און נעמט זיך דערנאָך ווידער צו די געהויבענע זאַכן · און דער טײַוול נעמט מיך.

---

# טו.

אין צייטן אַזעלכע, ווי איך האָב אָקאָרשט באַשריבן, פלעג איך מיך זייער פּייניקן און פלעג האַלטן פאַר אַנידע־ריקייט פון מיין זייט וואס מיין מאַטעריעלע לאַגע ווירקט אויף מיין גייסטיקן צושטאַנד. אָבער אין אַזאַ צושטאַנד האָט זיך מיין גייסט געפונען אויך אין די מערסטע טעג פונם לעצטן זומער, וואָס איך האָב געוואוינט אין N., כאָטש אין דער־דאָזיקער צייט האָט מיר נישט געפעלט נישט קיין דירה, גישט קיין ברויט, נישט קיין בגד.

אָוונט־צייט. די היץ פון דער לופט ווערט קילער און אָנגענעמער. די הימל־בלויקייט, וועלכע איז באַזוימט פורפור און גרין, הילט זיך איין אין אַ קלאָרן און דורזיכטיקן דינעם נעפל. די זון, וועלכע שימערירט אין דערהויבענער שלוה ווערט גרעסער, רויטער און טונקעלער. דורכן פענסטער, צו וועלכן איך קום אָפט צו, אַרומגייענדיק אין מיין צימער פון ווינקל צו ווינקל, זע איך דאָס לעבן: אַ מאַסע מענטשן פאָרן, לויפן, יאָגן, שטויסן זיך, שרייען. קראָמען און פאַרקויף־טישלעך. אין זיי און לעם זיי — ווייבער איינגעשמירטע אין נאַפט און דזיעגעכץ און מנוולדיק קליינוואַרג. גרויסע יידן, וואָס פאַר־קויפן באָב און אַרבעס. מויערן, תפיסות, פילאַנטראָפּישע הייזער, קאַזאַרמעס, קלויזן, טורעמס פון קריסטלעכע געבעט־הייזער און הויכע קוימענס פון פאַבריקן. און פונדערווייטנס — דער שטאָט גאָרטן, דער שפּאַציר־גאָרטן, ער איז באַזייט מיט ווייסע היט. אַהין איילט איצט אויך די טאָכטער פונם באַלעבאָס פון מיין וואוינונג, וועלכע האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט דעם פיינעם ראָמאַן און איצט פודערט זי זיך.

אין אין די איבעריקע צימערן זינגט דער בלאַנקענדיקער סאַמאָוואַר זיין ניגון פון וואַרטן אויפן באַלעבאָס פונם גרויסן מאַנופאַקטור-געשעפט, וועלכער וועט אינגיכן קומען טרינקען טיי. די קליינע שטוביקע מיידעלעך צוויטשערן און קרימען די פנימער, נאָכמאַכנדיק, שפּילנדיק זיך, די גרויסע פריינדנס פון זייער עלטערער שוועסטער. דאָס יינגל, דער שילער פון דער קאמערץ-שולע, שטיפט אַרום, אַמפּערט זיך מיט דער מוטער און שפּאָט-נאָך אירע שטראָפרייד, אָבער באלד דער-שרעקט ער זיך פאַר די טריט, וואָס הערן זיך אין קאָרידאָר און ער נעמט זיך צוריק צום חשבון און צום סינטאַקסיס. די דיקע, צעגאָסענע מאַדאַם, וואָס איז מיד געוואָרן פרעג-לענדיק אַ גאַנצן טאָג, קרעכצט. די רוסישע דינסט נאַשט מיט אַפּעטיט זיסוואַרג און פּוצט זיך אויס אין איר „קעכטע", כדי אינאָוונט אַרויסצוגיין אין טויער אַריין און זיך ווייזן פאַר דער וועלט.

בלויז ביי מיר אין צימער איז אַלץ נישטיק, צעקראָכן, אָפּגעשטאָרבן...

אַ שטיקנדיקע שטילקייט...

אַ ווערימל נאגט מיין האַרץ אָן אויפהער, אָן אַ סוף...

און אין מיין פּוסטן מוח וואַקסט אַ באַרג פון פוי-לעניש — און אויפן באַרג ווידמענען זיך ווערים... אַלע קלאָגן זיך אויף דער לאַנגווייליקייט, קלאָגן זיך און זוכן מיטלען, וויאַזוי זי צו פאַרטרייבן... זיי זוכן און מיינען, אַז זיי וועלן געפינען... בעלער, טענץ, צירקן, טעאַטערן, ביכער... פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן...

„אין דעמדאָזיקן לאַנגווייל וויל איך אַליין זיין" — דערמאָן איך זיך דעם ווילן פונם דיכטער. אָבער אין דער טיפעניש פון מיין נשמה, נאָך טיפער פונם אָרט, וואו ס'באַ-האַלט זיך דער פאַרלאַנג צו זיין אליין, רודערט עפּעס אַ שאָטן פון אַ באַגער, אַז צו מיר זאָל עמיצער אריינקומען: חיימאָוויטש, יודלין, אפילו פּיסמאַן אדער קליינשטיין... דערמאָן איך זיך דאַן אָן דער אויפגעצוואונגענער השפּעה, וואָס עס האָט אויף מיר

אַ געזעלשאַפט פון מענטשן, די זאַכן, טאַטן, אויסדרוקן, באַוועגונגען, וועלכע שאַפן זיך ביי מיר, ווען איך געפין מיך אין געזעלשאַפט, און וועלכע זענען אינגאַנצן נישט נויטיק... ניין, אַנטלויפן, אַנטלויפן! וואוהין? שוטה, אַנטלויפן פון זיך אַליין?..

איך באַהאַלט מיין פנים אין די הענט. און באַלד דערפיל איך, אַז אין מיין אומרויִקן, שטערנדיקן, דריקנדיקן ווייטיק, אין מיין ווייטיק, וועלכער לאָזט זיך נישט שילדערן, איז פאַראַן עפּעס אַן עלעמענט, אַ אַנגענעמער פאַר מיר, אַן עלעמענט, וועלכן איך פאַרהאַלט און וויל, ער זאָל בלייבן אין מיר... און איך טראַכט: אויך די יסורים מיינע זענען נישט מער ווי אַ פאַלש, אַ צביעות, אַ מין באַרימעריי, ווי מיין ווערט וואָלט שטייגן דורך זיי!

— פי-י-י...— פייפט עפּעס אַ פאַבריק-קוימען מיט אַ צאָרנדיקער שטימע, מיט אַ יאָמער-געוויין אויף די דאָזיקע מענטשן-מאַשינען, וואָס ווען אָפּרוען עטלעכע שעה...

—הע-ע-ע— ענטפערט אים אַ צווייטער פייף מיט אַן אויסגעצויגענעם זיכערן שאַלן, מיט אַ שטימע, וועלכע דריקט אויס די איבערצייגונג, אַז זי שטייט אין גרויסן...

אָבער אָט הערט זיך, ווי מ׳קלאַפּט אין טיר, פּיסמאַן קומט אַריין.

דאָס איז אַ בחור פון אַ יאָר פינפאונצוואַנציק. ער לערנט רענטיסטיק, ר׳איז אַ קרענקלעכער און רוימט זיך מיט זיין קרענק, קלאָגט זיך תמיד אויפן לעבן און אויף דער סביבה, וועלכע האָבן פון אים אַ תל געמאַכט און ער האַלט זיך פאַר אַ גרויסן סקעפּטיקער.

ער קומט אַריין, און אין זיין אַריינקומען דערשפיר איך עפּעס אַ מין אָפן-פאַרבאַרגענעם שווינדל. איך שטיי נישט אויף. נישט-ווילנדיק באַהאַלט איך פונם אַריינגעקומענעם דעם שאָטן פון מיין אויפרודערונג. עס נעסטעט אין מיר אַ פאַרלאַנג, ער זאָל נישט דערקענען, אַז איך פריי זיך מיט זיין קומען...

— דו זיצסט אינדערהיים... אַליין... — הויבט ער אָן.

— נו... זיפץ איך אָפּ, ווי איינער זאָגט: וואוּאַהין זאָל איך זיין? האָבן דען אַזעלכע מענטשן ווי איך אַן אָרט, וואוּהין צו קומען? אַליין — אוודאי, אַליין; אַזעלכע מענטשן ווי איך זענען איינזאַמע, עלנטע זיצן זיי...

און אַך צעלאַך זיך מאָדנע. די קולות ווערן שוואַכער...

— וואָס הערט זיך נייעס?

— נייעס? כי... וואָס קען זיך הערן? וואָס איז בכלל פאַראַן פאַר אַ נייעס? ווען איז פאַראַן נייעס?... ווער וועט ענטפערן אויף דער־דאזיקער פראַגע פּאָזיטיוו?

— חיימאָוויטש איז געווען ביי דיר?..

— ניין.

— אפשר וועלן מיר גיין צו אים? אָבער ניין. איצט איז ער זיכער נישט אינדערהיים, וואָרום ער האָט דאָך עפּעס עסקים. איך זאָג תּמיד: עסקים, סודות, געהיימניסן, — דאָס זענען חיימאָוויטשעס שוואַכקייטן. אַן אויסטערלישער סוביעקט. הייגט באַגעגענט ער מיך... יאָ, און דאַווידאָווסקין, דעם ווילדן משוגענעם האָסטו געזען היינט? בכן, זיצסטו אין שטוב און אויף די לעקציעס ביסטו געגאַנגען? אָך, די לאַנגווייליקייט, — דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך, זייער אַ שרעקלעכע. נישטאָ קיין שום מיטל און תרופה. דו באַגרייפסט? נישטאָ קיין איינדריקן, נישטאָ קיין לעבן; נישטאָ קיין שום פּאָרטל צו פאַרטרייבן...

— וואָס? וואָס צו פאַרטרייבן? — פרעגט קליינשטיין, וועלכער קומט גראָד אַריין, און ער איז גרייט צו לאַכן.

— און חיימאָוויטשעס עצה?

— ארבעט?.. ניין, נישט קיין אויסנעפּרוּבט מיטל...

— און רייסן ציין? — לאַכט קליינשטיין, אַ פריילעכער פון זיין חכמה — „שטאָך".

— רייסן ציין אַן געלט? — האַלט איך זיך אויך נישט איין פון אַ באַמערקונג — פיסמאַן זוכט דאָך אָבער באַצאָלט פאַר זיין לאַנגווייליקייט!

און ווי איך פאַרענדיק ארויסצוזאגן דאָס לעצטע וואָרט

טוט מיר זייער באַנג פאַרוואָס איך האָב פאַרשוועכט מיין שווייגן, און איך ווער מיר נמאס אין מיינע אייגענע אויגן. איך רוק מיך אריין אין א ווינקל.

מיינע מיטשמועסער רעדן צווישן זיך אַליין. קליינשטיין דערציילט פאַקטן און נייעסן, גענומענע פון דער אַפּטייק, ווו ער אַרבעט, אַלס שילער, און פיסמאַן טיילט זיך מיט זיין מריינט מיט זיינע שטאָטישע נייעס, וואָס ער האָט געבראַכט פונם „דענטיסטיק״-חדר, און מיט ליטעראַרישע נייעס, וואָס ער האָט געלייענט. זייערע רייד זענען בעשמאַלצן מיט רכילות און לשון-הרע אויף דעם און אויף יענעם. מיך פאַרגעסן זיי, נאָר פון צייט צו צייט שטעלן זיי מיר עפּעס אַ פראַגע, ווי: „וואָס איך לייען״?״.

– וואָס איך ,ייען? פונוואַנען נעמט איר, אַז איך לייען? אָבער יאָ, אמת, איך לייען... וועגן קאַרל מאַרקס... גוט?..

– מאַרקסיזם... — זיפצן אָפּ מיינע מיטשמועסער און קערן זיך אום צו זייערע זאַכן.

די זון פאַרגייט, די פנימער פון מיינע געסט דריקן אויס עפּעס אַ מין געפיל פון אַנטוישטער האָפענונג, ווי זיי וואָלטן נישט געפונען ביי מיר אין וואוינונג, וואָס זיי האָבן געזוכט. זיי מישן און בלעטערן, אפשר צום הונדערסטן מאָל, די עטלעכע ביכער, וואָס ליגן אויף מיין טיש, און זיי רייסן איבער זייער שמועס, ווענדנדיק זיך צו מיר און פאַרלייגנדיק, מיר זאָלן ערגעץ גיין. אָבער איך ריר זיך נישט פון אָרט. אין מיין צעבערעקעלטן מוח שוועבן אַרום ברוכגעדאַנקען, ווי שנייעלעך, ווען זיי טאַנצן און טראָגן זיך אין אַ ווינטערדיקער זאַווירוכע...

זיי רעדן וועגן גאָרקין, טשעכאָוון, טאָלסטאָיען... טאָלסטאָיס אַנאַליז... טאָלסטאָי איז אַ מיסטיקער... ער אַליין לעבט נישט לויט זיין לערע... ער האָט געפונען אַ באַרואיקונג פאַר דער נשמה אין זיין לערע... טאָלסטאָיס לערע — וואָס? וואָס האָט ער געפונען? ער האָט דען פאַרענטפערט די ווידער-שפרוכן? צו דערפילן גאָטס ווילן... דאָס איז, וואָס אַן אמת,

אַ פּשוטער חשבון, מער רעאַליטעט, ווי מיסטיק... אָבער — דאָס זענען רייד גלאַט אין דער וועלט אַריין. אויך דאָס לעבן פון זיינע תּלמידים האָט, סוף כּל סוף, אָנגענומען אַ טרויעריק־לעכערלעכע פאָרם... דער מענטש בלייבט אייביק אַ מענטש... דאָס לעבן גייט, סוף כּל סוף, צוריק אַריין אין זיין פריערדיקער נאָרם... טאָלסטאָי — — — ער איז אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער זקן... און ער וועט שטאַרבן, ר׳וועט שטאַרבן... טאָ בכן איז וואָס?.. ער האָט געשריבן ביכער וועגן לעבן און די „ביכער"... און אויף זיינע ביכער זענען געוואָרן „ביכער", איינער פון די לעבנס־טיילן... און וועגן דידאָזיקע ביכער שרייבט מען נאָך ביכער... און פיסמאַן און קליינשטיין קריטיקירן... אויך בראַנדעס האט קריטיקירט טאָלסטאָיען... אויך מאַקס נאָרדוי האָט געשריבן וועגן אים... און דאָס לעבן ציט זיך, ציט זיך, ציט זיך — — — אייביק, אָן אַ סוף... שרעקלעך!.. ניין...

אַ מאכל פאַר מאָל און פאַר מילבן
איז די גאנצע געשיכטע.

און וואָס זיצן דאָ דידאָזיקע? נאָך וואָס קומען זיי? פאַרוואָס לאָזן זיי מיך נישט אַליין? נאָר וואס ארט עס מיך?.. אז סוף־סוף טראכט איך בלויז וועגן מיינע אייגענע זאכן... ווי א קליינלעכקייט... קליינלעכקייט — און וואס איז אזוינס גרויסקייט? אוי, אָוי, מיין מוח ווערט צעטומלט... איך טראכט גאָרנישט... כ׳בין פארגליווערט געוואָרן... יא, יא, יא, שווער צו לעבן, דאס לעבן איז שווער, אבער אזא מין לעבן... מיין צימער איז פיל מיט שפּינוועבס... א שפין נאגט אויס א פליגןמוח... קאלט, קאלט צו לעבן אן ר גאט... קאלט — אבער די „באלעבאטישע" ווארעמקייט, אויף וואס דארף איך זי האבן?.. א „סוף"... אנדערע מענטשן... מ׳דארף לעבן שטארק.. אויב לעבן צוליבן שיינעם און דערהויבענעם — איז דאך כּדאי דאס לעבן... מ׳„דארף" — דער באקאנטער מ׳דארף... די „פייניקונגען" — וועלכע פייניקונגען?.. מיט „שטארקייט" — וואס פאר א שטארקייט? וואס גרויס איך זיך פאר מאר זיך אליין?... אוי־

אוי-אוי, נארישקייט זענען אלע מיינע מחשבות...: מע דארף נישט... ס'איז אַלציינס, אַלציינס, אַלציינס... אַבסאָלוטע לאַנגווייליקייט... „לאַנגווייליקייט" — וואָסער לאַנגווייליקייט?.. ניין-ניין, ניין...

— שטותרייען! — ברעך איך פּלוצלינג אויס מיט אַ ה...יך, געלעכטער.

— וואָס? וואָס זאָגסטו? — כאַפּן מיך אָן די חברים.

— שטותריי... כ'זאָג גאָרנישט, ס'איז גאָרנישט. גענוג, גענוג צו קלאגן זיך איף אונזערע יסורים — האָב איך געזאָגט. ...ס'איז נמאס דאָס וויינען טאָג און נאַכט... און וואָס זענען אונזערע יסורים? — ציבעלע-יסורים... ווען ס'וואָלטן געווען יסורים, ווי ס'דאַרף צו זיין — וואָלט די זאַך אַנדערש געווען... באמת, פעלט אונז קיין זאַך נישט... כי... אַזוי... אַלע יאָמער און קלאָגן... גענוג!.. אָבער אויך דאָס איז נאַרישקייטן... אַן אימפּעט פון שווייגן!... און ווער האָט דאָס רעכט אונז צו שטערן? צוליב וואָס פאַרמאַכן דאָס מויל? אויב ס'וועט נישט גרינגער ווערן, וועט נישט העלפן — פּאַרוואָסזשע זאָל מען נישט שרייען? שרייען ווילן מיר... „מיר ווילן", יאָ, מיר ווילן און נישט מיר דאַרפן... ס'איז פאַראַן אַ גייסטיקע קאַלט-קייט, וואָס קומט פון חכמה און נישט פון טעמפּקייט... אָבער צי דען איז נישט אַלציינס? סוף כל סוף, אייביקער אונטער-גאַנג... אָן אַ ציל, אָן אַן אידעע, אָן אַ וועג...

די צווייטע העלפט פון דעם מטורפדיקן מאָנאָלאָג שעפּטשע איך ווי פאַר מיר אַליין. נאָך אַ קורצן איבערייס גיב איך צו:

— איר ווייסט?.. ס'וואלט געווען גוט, ס'וואלט גוט געווען, כא — כא, גוט, ווי איך בין א ייד, ווען ס'וואלט געקומען א פולשטענדיקער סוף אויף די אלע אומגליקלעכע, קראנקע, מיאוסע, איבעריקע... ווען זיי וואלטן אלע אומגעקומען מיט איין מאָל... ס'וואָלט דאן לייכטער געווארן פאר די שטאָלצע, געזונטע שיינע... הו! — — —

מײַנע פרײַנט זאָגן, אַז זײ האָבן מורא מיך צו לאָזן אַלײן: מײַנע אױגן האָבן זיך עפּעס געענדערט. זײ אַמפּערן זיך מיט מיר — און ס'איז זײ נישט שװער מיך גובֿר צו זײַן. איך טו אָן דאָס היטל און גײ מיט זײ. מיר קומען צו חיים־מאָװיטשן.

---

## טז.

חיימאוויטשעס סאלאָן איז נישט ליידיק. די לופט איז פול מיט פאפּיראסן-רויך. מ׳רעדט און מ׳דיסקוטירט אויפן קול — און דער קריטעריום איז א קלאָרער און א פעסטגעשטעלטער. נארמאן, כאָטש זי פילט זיך גוט אומעטום, איז דאָ, לויט איר מיינונג, די נשמה פון דער געזעלשאפט, דער שווארצאפּעל פון די פארזאמלטע, די העלדין פון דער „זאך". יודלינס דרשה פארלירט די רעפלעקסיע-פארנעפלקייטן, אין וועלכע ער הילט זיך צייטנווייז איין, און זי נעמט אָן עפּעס א הייליקע עזות. ער חזר׳ט אָפּט איבער: „אויב ס׳איז דערלויבט אזוי זיך אויסצודריקן" — און זיינע פראַזעס זענען שטארק חוצפּהדיקע. ווען ער רעדט מיט דאווידאָווסקין, געפינט ער פאר נויטיק צו פיליזאָפירן וועגן דער גרויסער באדערפעניש צו וואנדערן, נישט צו זיצן אויף איין אָרט, אדער צו רעדן וועגן דער באדייטונג פון „ליבע", וועלכע איז ווי א פרובשטיין פאר יעדן מאן, ברענגענדיק אים קראפט און מוט און דערגלייכן. און עס טרעפט אויך, אז ער ווערט אליין שטארק מיטגעריסן מיט זיינע אייגענע רייד און זיינע אויספירן באקומען דאן די פאָרם פון „א מענטש דארף": א מענטש דארף שטרעבן צו דער אנטפלעקונג פון אלע כוחות, וואס זענען אין אים באהאלטן, ס׳הייסט, צו דער פארקערפערונג פון אלע עלעמענטן, וואס אין אים; א מענטש דארף אנטלויפן פון דער איינזאמקייט, דאס הייסט, ער דארף זיך באהעפטן מיט עפּעס א לעבעדיק וועזן א. א. וו. א. א. וו. אָבער, ווען ער רעדט מיט חיימאָוויטשן, האָט ער ליבער ארויסצוזאגן זיינע מיינונגען וועגן דעם „עקאָנאָמישן פאקטאר", וועגן „פּאָליטיש-עקאָנאָמישן פּראצעס", וועגן דער „קומענדיקער קאטאסטראָפע", וועגן די אויסזיכטן פונ׳ם

„פערטן שטאנד“ און נאָך. אויך קליינשטיין לאָזט אָפּ זיינע „שטעכיקע חכמות“, שטעלט אָן אן ערנסט פּנים און רעדט וועגן דער פרייהייט פון מיינונגען אדער ער פירט א הייליקן קאמף און לאכט אָפּ פונ׳ם ציוניזם און פון זיינע אנהענגער, אזאך, וואס שטעלט אלעמען צופרידן, און ווען ער שיקט די פיילן פון שפאָט אין דער „באוועגונג זיך צו פארבינדן מיט׳ן טערק“ דינט אים אלס צילברעט עפעס א בוכהאלטער אדער א האנדלס־אנגעשטעלטער, אייגער פון די פארזאמעלטע, וועגן וועלכן מ׳רעדט, אז ער איז נוטה אי אהער אי א הין. יענער, ווער ס׳איז פארדעכטיק אין דער זינד פון ציוניזם, פארענטפערט זיך און פארטיידיקט זיך, נאטירלעך, און ווייזט אויף, אז ער איז ריין פון זינד, אָבער קיינער הערט אים נישט. די געזעל־שאפט מוז דאך תמיד האבן עפעס א שעיר לעזאזל, כדי אָנ־צופאלן אויף אים און אויסצוגיסן אויף אים דעם גאנצן עמער מיט אומריינקייט, וואס געפינט זיך אין איר. אויב נישט — וואיזשע וואָלט אהינגעקומען דער נארמאנס געלעכטער? און איר מויל וויס דאָך רק צו פאָדערן עמאנציפּאציע און צו לאכן.

דאס איז א נישט־יונג מיידל, וועלכע איז שטענדיק אנ־געטאָן אין א רויטע בלוזקע, און איז גאר נישט קיין מיאוסע, נאָר מיט אירע באוועגונגען, מיט איר משונהדיקן ווארפן זיך אויף איר זיצארט, מיט איר געלעכטער, מיט אירע אייגן־וויב־קענישן, מיט׳ן שוואַרצן אירע געשוירענע האר, מיט׳ן ארויס־רוקן איר ברוסט, — מיט די אלע זאכן ווייזט זי, אז איר זי־כערקייט און איר שיינקייט איז א גרעסערע, ווי ס׳דארף צו זיין, און אז אָן די קליינע, ווייסע פרישטשיקלעך וואס זי האָט אויפ׳ן פּנים, האט זי אינגאנצן פארגעסן. צו דער לערנער און אירע גלייכן באציט זי זיך ווי צו קאָנקורענטנס, שוואכערע פון איר. זי פירט זיך שטענדיק ווי „די קעניגן פון אָווגסט“, זי באשטעטיקט אלץ, וואס געפעלט איר. מיט בראוואָ־אויסרופן און דעסגלייכן, און צייטנווייז יווארפט זי בלויז א בליק אויפ׳ן רעדנער, א מיטגעפיל־בליק, א בליק פון הסכמה, פון דאנק אין

צופרידנקייט, אָדער א שלאָפגדיקן בליק, א בליק פון פאראכטונג און ביטול...

— אונזער ציוניסט מיינט אוודאי, — חוזק'ט קליינשטיין, — אז הערצל איז אן אָנגעזעצנע פיגור אין דער וועלט פון דער אייראָפּעאישער דיפּלאָמאטיע, וויבאלד ער האָט זוכה געווען ויך צו זען מיט'ן טערקישן סולטאן. אָבער לויט אונזער מיינונג, מיין ליבער, איז ער נישט מער ווי א ושור נאליסט. און מאקס נאָרדוי...

— און בכלל — רייסט אים איבער די נארמאן מיט א הויכן צוויטשער — בכלל, וואס גייען אונז אָן „אויטאָריטעטן״ ?! וואס זענען דען „אויטאָריטעטן״, פונקט ווי מיר וואָלטן קיין מוט נישט פארמאָגט, ווי אונז וואלט אינגאנצן געפעלט די פעאיקייט צו דענקען ? א שאָד, וואָס אונזער „ציוניסט״ האָט פארגעסן, וואָס פלעכאנאוו האָט געשריבן וועגן דער זעלבסטשטענדיקער לאָגיק. מיר דארפן נישט נאָכגיין נאָך „אויטאָריטעטן״ !..

— א ייד ! א ייד ! — קען זיך דער באליידיקטער „ציוניסט״ אמאל נישט איינהאלטן, איינזעענדיק, אז זיינע פיינט, ווילן מיט אים נישט מאכן שלום, — איך פארשטיי נישט. דערלויבט מיר, מיינע הערן, אייך צו פרעגן... הערט מיך נישט אויס — גאָט איז מיט אייך ! אבער דערלויבט מיר צו פרעגן : וואס ווארפט מיר קליינשטיין אויף אלס א זינד ; א ייד ! א ייד ! דערלויבט מיר פרעגן : ע ר וואס איז ?

— כ א ־ כ א — לאכט אויס די נארמאן דעם, וואס „דערלויבט זיך צו פרעגן״ — קלוגע פראגע !..

— אָבער איך פארשטיי נישט — הויבט אָן דער באשולדיקטער א צווייט מאָל...

— איך טייל נישט די מענטשן אויף פעלקער, נאָר אויף קלאסן, וועלכע זענען פארשיידן לויט זייער געזעלשאפטלעכן מצב — איז מודיע קליינשטיין...

— זיכער, זיכער ! לאָזט זיך הערן די נארמאן און פאטשט

מיט די הענט — הורא! אָט דאס איז... אָט דאס איז... אן אידעע... בראוואָ!

— אָבער קליינשטיין איז א ייד — מיש איך זיך אויך אריין אין געשפרעך.

— מיט וואס? שפּרינגט אויף קליינשטיין און פרעגט.

— מיט וואס? — רופט זיך באלד אָפּ די נארמאן ווי אן עכאָ — דאנקען גאָט, פייערמאן האט שוין אָנגעהויבן מיט זיינע פא-רא־דאָק־סן!

— ניין, פייערמאן, רעדט חיימאוויטש ערנסט — די פאר־שטייסט דאָך אליין, אז מיר רעדן איצט נישט וועגן דער בורזשואזיע. די אסימילאציע, אויף וועלכער די פאלסט אָן, די קנעכטשאפט...

— ס'איז מיר שוין נמאס דידאָזיקע פראגע! — איז מודיע די נארמאן פון איר זייט, אָבער די לערנער שרייט אָן אויף איר, און חיימאוויטש טוט ווייטער „דערקלערן זיין געדאנק":

— די אסימילאציע גופא איז גוט, נויטיק, נויטווענדיק. שלעכט איז נאָר, וואס עס טוט די בורזשואזיע, וואס מאלפע־וועט נאך די באאמטע, וועלכע זענען דעגענערירט, ווי אלץ, וואס האָט א שייכות מיט דער בורזשואזיע!

דער געשפרעך ציט זיך: ווייטער. קליינשטיין פראָקלא־מירט, אז ער פילט נישט אין זיך קיין שום יידישע זאך. פונ'ם „חדר" האט ער גארנישט ארויסגעטראגן. די רוסישע ליטע־א־טור האט אים אנטוויקלט. יידן זענען ביי אים גלייך, ווי נישט יידן. איך באמערק דערביי, אז ווי ס'ווייזט אויס, איז דאס שטארקע גערעכטיקייט-געפיל, וואס לעבט אין קליינשטיינען, ממש א גערעכטיקייט-געפיל פון א יידן. דאן נעמט יודלין און לענקט אוועק דעם שמועס אין אן אנדער זייט. דאס איז טאקי אן אקסיאָמע, אז ס'איז גרינגער צו ארבעטן צווישן דעם פאלק, װאו די האסט זיך אויסגעהאדעוועט, וועמען די האסט צום ערשטן געזען, בעת די האסט, אויפגעעפנט די אויגן דאס ערשטע מאָל. דאָס הייסט... די ווייסט, ווי צו רעדן מיט אים אויף זיין שפראך, זיך אויפצופירן לויט זיינע זיטן, זיך דערנענטערן צו

אים, דו ווייסט בײַ אים, וואו איין, וואו אויס, דאס הייסט...
אָבער די געשיכטלעכע דערפארונג זאָגט אין אונזער פאל עפעס
אנדערש, דאס הייסט... ה י י נ ע און ב ע ר נ ע זענען גע־
בוירן געוואָרן צווישן יידן און האָבן געארבעט פאר די דײַ־
טשן, דאס הייסט... פאר דײַטשלאנד, פאר דער וועלט.
— היינע, בערנע... און וואו איז קליינשטיין געבוירן
געווארן ?
— אין רוסלאנד !
— און דו ביסט נישט קיין רוס !
— איך בין נישט קיין רוס ? פארוואס ? נו, לאָמיר אָנ־
נעמען, אז איך בין נישט קיין רוס... איז דעריבער... פארוואס
בין איך נישט קיין רוס ?..
— ווײַל דו ביסט נישט !
— איז דעריבער ?
— איז דעריבער — א ווידערשפרוך !
— א ווידערשפרוך ?.. אי, פייערמאן, א רחמנות אויף דיר !
— פארוואס, הער קליינשטיין ?
— יא, דו דערוועקסט רחמנות...
— פארוואס ?
— ביסט נישט פעאיק צו קיין שום זאך מיט דײַנע ווידער־
שפרוכן, גריבלענישן און ספקות...
— צו וואס פאר א זאך ?
— ארבעט !
— און איך זאָג דיר... — („דאָ דארף מען זיך אויפשטעלן"־
פליט דורך א געדאנק אין קאָפּ) — אז איך וועל קיינמאל נישט
פארבייטן אפילו איינעם פון מײַנע ספקות אויף דײַן גאנצער
ארבעט, וואס דו ארבעטסט און ועסט ארבעטן !
— כא־כא־כא ! — ברעכט אויס די נארמאו מיט א לאַך־
מוזיק — אָט דאָס הייסט באשיידנקייט !..

## יז.

אין חײמאָוויטשעס וואוינונג איז די געזעלשאַפט אַן אײנהײטלעכע, אַן אײנשטימיקע. אַלע פּאַראַנענע פּאַרטײליקן צוזאַמען דאָס גאַנצע עסנוואַרג, וואָס געפינט זיך אין וואוינונג, און מ׳זעצט זיך אַוועק לײענען עפּעס וועגן דעם „עקאַנאָמישן פּראָבלעם״. אָבער אין דאווידאָווסקיס וואוינונג איז די „וועלט״-אויפפּאַסונג אַביסל אַן אַנדערען. דאָרט טײלן זיך די געסט אויף באַזונדערע גרופּעס. אין אײנער רעדט מען וועגן די פראגן, וואס האבן שוין אלעמען דערעסן, און מ׳חזרט איבער צום טויזנט און אײנטן מאָל געוויסע מײנונגען וועגן דער באדײטונג פון די וויסנשאפטן און פון דער קונסט, וועגן דער ווירקונג פון דער ליטעראטור אויפן לעבן, וועגן די קעגנזאצן און ווידערשפּרוכן, וועלכע זענען פאראן אין לעבן פון דער געזעל-שאפט און אין לעבן פון די העכערע מענטשן, וועגן דער דיכטונג-פילאָזאָפיע פון פרידריך ניטשע, וועגן דער טראגיק פון לעבן, וועגן איביקן לאגוויל, וועגן די דעגענערירטע העלדן, וועגן דער קלײנלעכקײט פון מענטשן, וועגן „באלע-באטישקײט״ (דאַ פּאַרטשעפּעט זיך דאָס וואָרט „בורזשואַזיע״ אָנם וואָרט „באַלעבאַטישקײט״...). אין אַ צווײטער גרופּע מעלה-גרהט מען אלטע ביבליאָגראפישע מײנונגען וועגן „מאדערנע״ דערצײלונגען, מ׳רעדט וועגן פּיעסן, וואָס מ׳שפּילט אין טעאטער, וועגן דעם שפּילן פון די אקטיאָרן, און ווען מ׳רעדט דאָרטן וועגן יענע „שרעקלעך גרויזאמע געשעענישן״, וועלכע זענען דערמאנט געוואָרן בײ חײמאָוויטשן אין הויז, ווערט דער טאָן נידעריקער און עס לאָזט זיך פילן עפּעס אַ שעמעוודיקײט פון אַ ספּעציעלן מין. אבער אָפּט שווײגן אלע א לענגערע ווײלע און ווי יעדער אײנער וואָלט מורא האבן אויפצוהויבן זײן

קול, ווי ס׳וואלט נישט כדאי געווען צו באוועגן מיט די ליפן צוליב עפעס, ווייל אלץ איז דאך שוין באוווסט... און דאן שוועבט ארום אין דער לופט פון צימער, אין דער ווארעמער און שטיקנדיקער לופט — אזוי ווייניקסטנס, ווייזט זיך מיר אויס — עפעס א פראגע־צייכן: צו וואס, צו וואס קומען מיר זיך צוזאמען? צי דען צוליב דעם, יעדערער זאל פילן א חוץ זיין אייגענער לאנגווייליקייט איך די לאנגווייליקייט פון אנדערע? אדער בלויז צו רעדן שלעכטס אויף נישט אנוועזנדיקע און אנצופאלן מיט גיפטיקן וויץ אויף עמיצן פון די אנוועזנדיקע? מיר האבן דאך נישט וואס צו זאגן איינער דעם אנדערן; מיר האלטן זיך דאך אומזיסט פאר אויסדערוויילטע, פאר „שטרעבנדיקע״ צו עפעס העכערס; מיר פארמאגן דאך נישט קיין גאט, וועלכער זאל אונז פארייניקן און דערהויבן אונזער נשמה, מיר זענען דאך נישט פעאיק צו שאפן עפעס, קיין געביידע קענען מיר דאך נישט אנלאדענען אויף אונזערע אקסלען, און אויך אונזער „פראטעסט״, אונזער „פרעמדקייט״, מיט וועלכע מיר גרויסן זיך, זענען אפשר מער נישט ווי א פראדוקט פון אונזער לעבן, וואס גייט אוועק מיט גארנישט, א מיאוס געפיל פון מענער לא־יוצלחס און אייביקע קאליקעס?.. דעריבער איז וואס? וואס?

דאווידאָווסקי אליין שוויגט און נעמט כמעט קיין שום אנטייל אינם גערודער, וואס קומט פאר אין זיין וואוינונג. זיין לאכן — איז א לאכן מיט די אויגן, און דאס איז אויך נישט אָפט. די אריסטאקראטישקייט, וועלכע איז אויף אים אויסגעגאסן, איז א רואיקע און נישט יעדעס אויג דערקענט זי.

ווען די פארזאמלטע ביי חיימאוויטשן זעצן זיך אוועק לייענען, פארלאז איך די וואוינונג און גיי אריבער צו דאווידאווסקין.

קיין ליכט ברענט נישט אין זיין פירקאנטיק צימער. ער ליגט אויף דער סאפע. איך קלאפ אָן, גיי אריין, שטרעק אים אויס מיין האנט מיט א מין פארשטענדיקער פארזיכטיקייט און

זעץ זיך נישט ווייט פון אים. און מיר זיצן ביידע און שווייגן אין דער פינצטערניש. אבער דאס זעט גארנישט אויס אויס־טערליש אין אונזערע אויגן, אזוי דארף זיין, אדער, ריכטיקער, ווי יעדע זאך און באזונדערס ווי מיר אליין, דארף אזוי נ י ש ט זיין, נאר עס א י ז. ס׳איז קאמיש, אבער ס׳איז אמת, אז מיר שפירן ביידע עפעס א נוצן אין דעמדאזיקן זיצן. כאטש דער באגריף „נוצן" איז ווייט פון אונז בעת מעשה. מיר שפירן עפעס א גישט־נאטירלעך פארגעניגן. די לבנה לייכט דורכן פענסטער, אבער ווי דאס וואלט אונז גאָרנישט אנגע־גאנגען. צומלעצט זיפצן מיר יעדערער אפ פון טיפן הארצן, און ביסלעכווייז, מיט א מין געהיימע שפרוכן און האלבע ווערטער, הויבט זיך אן צווישן אונז אן אראפרעדן זיך פון הארצן, א האלב־שטומע ווידוי וועגן אונזערע נשמה־צושטאנד, וועגן אונזערע איינדרוקן, וועגן אונזערע „משונהדיקע מא־מענטן", און אלץ מיט עפעס א ספעציעלער, וויכטיקער ערנסט־קייט, וואס לאזט זיך נישט אויפכאפן דורך דער פעדער, און וואס ווערט באגלייט מיט לענגערן קוקן אין דער פינצטערניש וואס ארום אונז. און אזוי ציט זיך עס ביי אונז, ביז עס דערהערן זיך נאענטע טריט. מיר געבן זיך ביידע נישט ווילנ־דיק א כאפ און זענען א ביסל ענלעך צו אגעליבטן און געליבטע, וועלכע זענען באהאלטן אין דער געדיכטעניש פון וואלד, בעת מענטשן גייען פארביי. דאס צימער פילט זיך באלד אן מיט מענטשן־טומל.

— פּאָעזיע! — הערט זיך קליינשטיינס שטימע — אַ שטיל זיצן אין דער פינצטער... שיר השירים!..

כּדי דאָס נאַרישע פנים זאָל זיך נישט אָנזען — רייסט זיך דורך פיסמאַנס זויערע שטימע.

— זאָל זיין ליכטיק! — גיט צו נאָך אַ שטימע.

איינע פון די מיידלעך גייט צו און הויבט אָן אָנצינדן די לאָמפּ. פיסמאַן כאַפּט אויף, ווען זי ווערט עפעס גע־שטרויכלט מיט אַ קליינער שטערונג און ער איז צופרידן צו מאַכן אַ באַמערקונג, אַז אַ פרוי בלייבט אַ פרוי. די דאָזיקע

באַמערקונג גיט אַ מעגלעכקייט דער נאָרמאַן זיך צו קלאָגן אויף די מענער, וועלכע פרייען זיך שטענדיק צו רעדן שלעכטס אויפן שוואַכן מין און אָפּצולאַכן פון אים ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס קומט אונטער, איר פּנים דריקט אויס צאָרן, פּראָטעסט און חשק — צו האַלטן זיך. חיימאָוויטש גיט אַ פּאַרצוניף טויזנט ווערטער אויף איין מאָל: „בורזשואַזע באַציאונג, נאַטירלעכער אויסוואַל, די אַנטוויקלונג פון דער פאַמיליע, פאַטריאַרכאַלישקייט, קנעכטשאַפט, עמאַנציפּאַציע, פּעסימיזם, בורסיפּס מנהגים. שאָפּענהויער, ניטשע, בעבעל, ענגעלס, „עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם"... אַלס תשובה דערויף שיט יודלינס מויל פּערל — און פונדאַנען פאַרנעמט זיך ווידער אַ געשפּרעך.

יענע מיני לאַנגע ויכּוחים, וועלכע זענען אָנגענומען ביי אינטעליגענטע מענטשן פון דעם סאָרט, האָבן צום סוף אַ מינוט, ווען די צעקאָכטע דיסקוטאַנטן ווערן פּלוצים אַנטשוויגן, אינמיטן דעם „דערלויבט מיר" און יעדערער קערט זיך אָפּ אין אַן אַנדער זייט פאַרשוויצטע, מידע, מיט אַ טרוקן האַלז און מיט אַ ווינטערדיקער פּוסטקייט. דאָס גיכע אָנקומען פון דערדאָזיקער מינוט איז אָפּהענגיק, פאַרשטייט זיך, פון טעמפּעראַמענט פון די דיסקוטאַנטן, פונם אינהאַלט פון דער דיסקוסיע און אויך פון דער אַטמאָספער. ביי דאַווידאָווסקין אין שטוב פּלעגט אָט די מינוט זייער גיך אָנקומען.

דאַן פּרובט מען זינגען. ביי חיימאָוויטשן אין שטוב פּלעגט עס געלונגען. דאָרט זינגט מען אין כאָר „ביי די ברעגעס פון דער וואָלגאַ", מ׳זינגט וועגן דער העלדישקייט פון סטיענקא ראַזין און דעסגלייכן, און אמאָל טרעפט, אַז די נאַרמאַן איז די „חזנטע" און אַלע ברומען מיט ווי „משוררים". אָבער ביי דאַווידאָווסקען אין שטוב פּלעגט יעדער איינציקער נעמען זינגען פאַר־זיך מיט אַ מין דינער שטילקייט און מ׳פּלעגט זינגען איבערהויפּט וועגן האַרץ־געפילן און נשמה־שטרעבונגען. גאָר גיך פלעגן די שטימעס שוואַכער ווערן און אויפהערן... קליינשטיין איילט צו צעמישן די זינגענדיקע דורכדעם, וואָס

ער הויבט אָן זינגען, מיט דער כּוונה צו דערצערענען די ציוניסטן״:

„עו־עו־עוד לֹא אָבְ־דָה תִקְוָ־תֵ־נוּ...
הַ־הַ־תִּקְוָה הַנּוֹ־שָ־נָה״

ער טרעפט אָן א בייזערן זיך, אָבער אויך מיט איינשטימענדיק געלעכטער. גאָר גיך הערשט א שטילקייט אין שטוב.

— מיר האָבן קיין שטימע נישט ..

— קיין נייע לידער זענען נישטאָ, און די אלטע זענען שוין דערעסן געוואָרן...

— ווי אזוי קענען זיין נייע לידער, אז די פויגלען זענען אלטע ?..

— נייע לידער... יאָ... נייע לידער...

א לענגערע שטילקייט.

— רבותי, ווי שפּעט איז ?

— ווי שפּעט ?

— יאָ.

— צען א זייגער.

— אפשר וועלן מיר גיין שפּאַצירן...

— שפּאַצירן... אינדערהאמת'ן... אפשר ?

— „דאס וועטער — אָ !״ — מאכט נאָך פּיסמאַן די שטימע פון א דזשענטלמען און ציט אויס די הענט פאַראויס.

— בכן, אפשר וועלן מיר באמת גיין שפּאַצירן ?

— קיינער שטערט נישט.. ווער ס'וויל, דער קען גיין.

— קליינשטיין ! — דראָען אים אונזערע מיידלעך.

אבער קליינשטיין פאלט ביי זיך נישט אראָפּ. ער ווייס פון א מיטל, ווי אזוי צו מאכן פריילעך די פאַרזאַמלטע.

— אונזער בוכהאלטער איז דאָך היינט א בעל־שמחה...

— א בעל־שמחה ?

— איר ווייסט דען נישט דערפון ? איר ווייסט נישט ? ע', איר זייט דאָך גאָר עפּעס נישט קיין היגע ! טרעפט. אדרבה !

דער פּרובט אזוי, דער אזוי. יודלין פּרובט טרעפן:

פריילין אַש, צו וועלכער דער בוכהאַלטער קלעפּט זיך (שטענדיק פלעגט מען אים שטעכלירן מיט דערדאַזיקער מעשה), ענטפערט אים מיט קעגנזייטיקייט, נאָר קליינשטיין שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין. צומלעצט רופט ער אויס מיט טריאומף:

— ער האט דאך פארלוירן זיין פּאָסטן אין דיענגענאָווס קאנטאָר. איך זאל אזוי לעבן. ס׳האט אים נישט געהאלפן זיין ציוניזם... ווי ס׳זאל נישט זיין, איז דאס א קליינער גליק לויט אייער מיינונג?

דער ארויסזאָגער פון דעמדאַזיקן טיפּן וויל לאכט זייער א צופרידענער. ס׳איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז מ׳דארף „אויסטרינקען" לכבוד דער מעשה. קיינער פון אונז, א חוץ אפשר פיסמאן, וויל נישט טרינקען ממש, טרינקען טאקי, ארייננגיסן אין זיך בראנפן און ביר; און פונדעסטוועגן, באשליסן ביי זיך אלע, אויסער די מיידלעך, וועלכע האלטן פאר אן אלטער פליכט צו פּראָטעסטירן (דערנאָך טרינקען זיי אויך), אז ס׳איז אוממעגלעך נישט מסכּים צו זיין, און עטלעכע פון די פארזאמלטע נעמען אפילו אָן דעם „וואונדערבארן פּאָרשלאג" מיט א מין געמאכטער באגייסטערונג. „און איך האָב שוין לאנג געמיינט, אז מ׳דארף א מאָל אַ טרינק טאָן ווי ס׳געהער צו זיין!" — גיט עמיצער א זאָג און גיט צו א גאָרנישט זאָגנדיקן „וואס זשע דען" — „טרינקען, צו אלע טייוולען! ווי זשע דען?.. חיימאַוויטש פּרובט, אמת, זיך אנטקעגנשטעלן „דידאָזיקע טרינקעניש", אָבער יודלין דערווידערט אים און זאָגט זיך ארויס פאר׳ן פאָרשלאג. דער ציל איז דען דאָס טרינקען? דער ציל איז א העכערער: אריינקומען אין אן אנדער וועלט, געפינען זיך אין אן אנדער שטימונג, זיך פאנאנדערצעטרייסלען און שפּירן העלדישקייט און שטארקייט, דאס הייסט... מיט איין וואָרט: אונזער טרינקען איז צוליב... דאס הייסט, כּדי אראָפּצוווארפן פון זיך די שפלות און די באַרעכנטקייט און צו פילן דאס, וואָס ס׳איז נישט איינגעשרענקט אָין גרענעצין און שטייט העכער פון אָרט און צייט...

איך הער זיך אפאטיש צו צו זיינע געטאָקטע פראזן וועגן דער פליכט צו זיין א פרייער מענטש און וועגן דעם אויפ־הויבן זיך איבער אָרט און צייט, און אין מיין זכרון שווימט אויף א מטושטשדיק בילד פון דער לעצטער הוליאנקע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבן יודלינס וואוינונג, אויך לויט קליינשטיינס פאָרשלאג, ווען דער באלעבאָס פון דער וואוינונג האָט פארלוירן די גוטע לעקציע ביי די דאָבקינס. צום אָנהויב האָט יודלין אויסגעדריקט, כאָטש ער האָט זיך געשעמט, אז מ׳וועט אים חושד זיין אין קארגשאפט און אין מורא־האבן פאר׳ן באלעבאָס, זיין עגערגישע קעגנערשאפט, וועלכע ער האָט אויך דערקלערט מיט געטאָקטע פראזן, אבער סוף פל סוף האָט ער זיך אונטערגעגעבן, פערשטייט זיך, און ווי ער האָט נאָר אויסגע־טרונקען האט ער פארגעסן צו קוקן אויף דער טיר און צו וואָרענען מיט זיין זיסער שפראך די קאָמפאניע, מ׳זאָל נישט הוליען צו פיל. און איינס אזייגער נאך האלבער נאכט, ווען פיסמאן האט אנגעהויבן האקן מיט דער פויסט אן טיש און צו שרייען מיט א הייזעריק קול פון א שיכור — דערקענענדיק דורכן רויך, וואָס ביי אים אין קאפ, זיין נארישקייט און מורא־האָבנדיק אין הארצן פאר אירע רעזולטאטן (זיצן אין דער פינצטער און באצאלן), — אז ער וועט באלד אויסדריקן זיינע געפילן, אז ער וויל זינגען, דאס הייסט, ער וויל צעברעכן די לאמפ וואס אויפן טיש, — האט זיך אין צימער אריינגעריסן מיט א דערשראקן קול, דער באלעבאס אויסגעפוצט אין זיינע ווייסע תחתונים און האָט גענומען שרייען:

— גוים! משומדים! שיכורים! כ׳וועל אייך פון מיין שטוב ארויסטרייבן! איך וויל דאָס נישט האָבן! אפילו איר זאָלט מיר געבן פופציק רובל — וויל איך דאָס נישט... א שריפה ווילט איר מיר אָנכאַפן צין מיין שטוב? האָלעדריגעס!.. אויך מיר משכילים... דלפונים!.. אָ, פיסמאַן אייך!.. פע... כ׳וואָלט מיך קיינמאָל נישט גערירט דיך דאָ צו טרעפן... א באַלעבאַ־טישער בחור... מ קען זיך דאָך עס גאָרנישט צו גלויבן... טרינקען ווי א גוי, ברעכן לאָמפן, אָנמאַכן סקאַנדאַלן... פע...

כ׳וואָלט מיך קיינמאָל נישט געריכט דיך דאָ צו טרעפן... אַ באַלעבאַטישער בחור... מ׳קען זיך דאָך עס נישט צוגלויבן... טרינקען ווי אַ גוי, ברעכן לאָמפּן, אָנמאַכן סקאַנדאַלן... פע... אַ באַלעבאַטישער בחור...

יודלינס אַנטקעגנשטעלן זיך, ווייל ער האָט זיך געשעמט צו שווייגן, האָט פאַרגרעסערט דעם טומל. נישט ער, דער באַלעבאָס, נישט זיינע עלטערן און אבות־אבותיו האָבן נישט געוווסט פון אַזעלכע זאַכן, און ער וויל עס נישט, אפילו מ׳זאָל אים געבן צען רובל פאַר איין אָוונט, ער האָט מורא, ער שטוינט. ער גייט אַרויס פון די כלים. ער... ער... אַ פּאַליציאַנט וועט ער רופן...

דאָ, נישט ביי זיך אין וואַנונג, שטייט יודלין העכער פון אָרט און צייט.

און אָט טראַכט איך ווידער וועגן מיינע באַציאונגען צו „דידאָזיקע טרינקענישן”, וויאַזוי אמאָל, ווען ס׳איז געווען ערשט אַ קליינע צייט נאָך מיין באַקאַנטשאַפט מיט דידאָזיקע מענטשן, פלעג איך פילן אינם אויסרוף „וויפּיט” („אויסטרינקען”.) עפּעס אַ באַליידיקנדיקן פאַרלאַנג זיך אויסצוגלייכן מיט די נישט־יידן, עפּעס אַ מין „נאָכמאַלפּעווען און זשלבסט פאַרלייקענונג”... און וויאַזוי איך האָב מיך אויסגעלערנס, יעדנפאַלס, אליין אויך צו פּטרן אָפּט די לעצטע גראַשנס אויף משקה, וואָס דערוואַרעמט און מאַכט פאַרגעסן; ווי איך האָב זיך אויך אויסגעלערנט זיך משוגע צו מאַכן, הוליען, ווייבען יענץ גצוויין, וואָס איך פלעג זיך קינדווייז באַמיען אַרויסצוברענגען, ווען דער עולם פלעגט יום־כפּור האַלטן ביי די „הרוגי־מלכות”, מיט איין וואָרט: איך האָב זיך אויסגעלערנט צו זיין נישט אויפריכטיק און זייער נישט שיין, צו פילן עס און זיך אַליין אָפּצונאַרן, צו באַגרייפן אין דערזעלביקער מינוט אויך מיין אָפּנאַרעריי, און נישט געקוקט דערויף איינפּופאַלן אין דער נעץ פונם שווינדל און זיך אליין אָפּצונאַרן, אַז איך בין זייער אינטערעסאַנט אין אַזאַ צישטאַנד,

אז אַלע פילן דאָן די גרויס פון מיין אומגליק, די שווערקייט פון מיינע יסורים, די ווייטיקדיקייט פון מיינע געפילן...

דער וואס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אַן אַ שטרוי!

— ווי נאָר מיר, די אינטעליגענטן, קומען שוין יאָ, רחמנא ליצלן, עפּעס אויפצוטאָן, עפּעס צו... איר פאַרשטייט — הייבט זיך באַלד אָן די פילאָזאָפיע... דאָס הייסט... — קלאָגט זיך בעת מעשה יודלין — ס'איז אַ חרפה און אַ שאַנד!

— צום טייוול הי פילאָזאָפיע! — רופט אויס פיסמאַן — ווער גיט געלט? נו, הער ציוניסט, בוכהאַלטער אָן אַ „בוך", ליידיק אויס די טאַשן!

— איך זאָל אַזוי לעבן, כ'האָב נישט... פונוואַנען? אפשר וועט מיר עמיצער אויסלייען?

— יודלין, ליי רים! — איז גוזר די עפנטלעכע מיינונג.

— צ־ע, פאַרוואָס עפּעס דווקא יודלין? יודלין דער קאַפּי־טאַליסט! דאָס הייסט... איך האָב צוואַנציק...

— צוואַנציק — זאָל זיין צוואַנציק! נו ווער גיט נאָך, רבותי, ווער נאָך?

אַרויסדרייעניש, דלות, באַמערקונגען, קריטיק, פאַרמעגן־פּראָגע, טומל. צולעצט געפינט זיך עפּלס איינער אַן אַנגע־קומענער, וואָס האָט נאָך נישט געפּטרט דעם לעצטן גראָשן, עפּעס אַן אַלטער חוב ווערט קאָנפיסקירט לטובת הכלל. און אין אַ שעה אַרום — דאָס פענסטער איז אָפן, דער שווייס רינט, די פיס באַוועגן זיך, די קליידער זענען צעקנאָדערט, די הענט שטרעקן זיך אויס צום טיש צו נעמען עפּעס עסנוואַרג מיט אַ שמייכל פון מאָדנע פאַראַכטונג און מיט אַ ספּעציעלער כאַפּנדיקער באַוועגונג, און די מיילער רעדן און טרינקען: פאַר דאָס גוטע, פאַר דער גערעכטיקייט, פאַרן פּ־אָטעסט, פאַר דער אומצופרידנהייט, פאַר דער אַרבעט, פאַר דער פאַרניכטונג פון די דעספּאָטן און טיראַנען, פאַר דער פאַרשווינדונג פונם שלעפּטס. היימאָוויטש עסט נישט דעם וואורשט און טרינקט גאָרנישט. ער נוצט אויס די געלעגנהייט, כדי גובר צו זיין מיט זיין גייסט דעם גייסט פון דאַווידאָווסקין (וועלכער באַציט

זיך מיט אַ פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט צו דעם, וואָס קומט פאַר ביי אים אין צימער) און ער „מאַכט זיך טרינקענדיק" פאַר די אַלע אויבנאויסגערעכנטע זאַכן. קליינשטיין זופט אויסטערלישע זופן און באַמיט זיך צו מאַכן אַן איינדרוק מיט זיין העלדישקייט צו טרינקען. פיסמאַן שאָקלט מיט זיין קליינעם קאָפּ מיט אַ מין ביטערן יאוש, ער קלאָגט, אַז דאַס-דאָזיקע ביר ברענגט נישט קיין היילונג און פאַרגעסונג, און אַז ער טרוימט וועגן אַן אַנדער ביר, אַ שטאַרקערעס דערפון. יודלין האַלט אַ כוס אין זיין ציטערנדיקער האַנט און די משקה יסט זיך פון אים צוזאַמען מיטן שטראָם פערדרייטע ווערטער, וואָס גיסט זיך פון זיין מויל.

— רבותי, רבותי, שווייגט. וואס איז דער געשריי? איר הערט? איך טרינק... יאָ, איך טרינק פאַרן אידעאַל פון שטאַרקייט. אויב ס'איז דערלויבט אַזוי זיך אויסצודריקן... ס'הייסט... יאָ, פארן אידעאַל פון שטארקייט... דאַווידאָווסקי דערמאנט אונז דאָס בילד און „פונדעסטוועגן", אבער ער אליין איז נישט „אַזאַ"... איך... איך באפעל און זאָג: דאווידאווסקי דערמאָנט אונז דעם גרויסן און דערהויבענעם רוף, דער צענטראַלן פונקט פון אונזער גייסטיקן צושטאנד. אויב ס'איז דערלויבט זיך אזוי אויסצודרוקן, ס'הייסט... דעם רוף: „און פונדעסטוועגן!"— און ער אליין, דאווידאווסקי, האָט אפילו פארגעסן דעמדאָזיקן רוף... האב אים אַ שווארץ יאָר! אזוי באשליס איך, איך יודלין!.. אַ, וואס הירזשעט דער אייזל? „אַלע דיכטער זענען פאלש — און זאראטוסטרא איז א דיכטער"... נו?... איך טרינק... חיימאָוויטש, פייערמאן, איז דאך דיינער א גוטער פריינט... ניין? חיימאָוויטש, דו טרינקסט אויך! דו טרינקסט נישט... דער פעסימיזם, רבותי, איר הערט, איך זאָג, דער פעסימיזם איז... איז... אויב ס'איז דערלויבט אַזוי זיך אויסצודריקן... יאָ, איך טרייק...

— אָבער טרינק שוין אַ מאָל, טרינק — פאַלט אָן קליינשטיין אויף די אַלע, וועלכע שרייען כסדר „איך טרינק" און טרינקען נישט.

בכלל באַמערקט זיך אַ באַמיאונג אַ נ ד ע ר ע אָנצושיכורן. פיסמאַן ברעכט טעלער און גלעזער. עס זעט זיך באַשיינ־פערלעך די דראַמע פון קעץ איינגעבונדענע אין א פינצטערן און פאַרשמירטן זאַק – אין איר גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ. די שפּילערס זענען נאַקעט. — — —

פאַרטאָג קער איך זיך אום צו מיר וואוינונג און אין האַרצן איז בלויז אַ פונק פון פאַרנעפּלטער דערקענטניש, אַז דער קומענדיקער טאָג וועט זיין נישט ערגער פאַר'ן פריערדיקן.

---

# יח.

דאָ בין איך דערגאַנגען צו א שיידוועג, דאָס הייסט, צו יענער צייט, ווען כ'האָב אָנגעהויבן שפּירן, אַז ווייטער קען זיך עס אַזוי נישט ציען בשום אופן, אַז עס מוז קומען עפּעס אַן ענדערונגען — וועלכע ס'זאָל נישט זיין.. פאַרלאָזן N. אָדער עפּעס אָפּטאָן אַן אַנדער זאַך, וואָס זאָל מיך אַרויסשלעפּן פון דעמדאָזיקן מצב מוז מען זיך אַרויסקריגן, עפּעס אַ קריזיס מוז א'מבֿאַדינגקט קומען !..

אָבער... פאַר אַ „קריזיס" ווי דער, וועלכער איז ביי מיר געקומען מיט עטליכע יאָר צוריק, איז, פאַרשטייט זיך, קיין אָרט נישט געווען, און אומזיסט האָב איך אויף אים געוואַרט. און וואָס ס'איז שייך דעם פאַרלאָזן די שטאָט N. און דעם אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער אָרט — איז אויך דערין געווען א אינערליכער ווידערשפּרוך. איך האָב אַ סך מאָל געלאַכט פון יודלינצן, וועלכער האָט דערהויבן דאָס „וואַנדערן" צו דער מדרגה פון אַן אידעאַל, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז „אומעטום איז איין וועלט", אַז דער „דאָרטן" איז אַ אילוזיע, ווי אַלע אילוזיעס און אַז „גוט איז דאָרט, וואו מיר זענען נישטאָ".

דאַגעגן האָט זיך אָבער ביי מיר דערוועקט ערגעץ פון אַ פאַרגעסן ווינקעל אין האַרצן דער אַלטער באַגער זיך צו פאַרפולקאָמענען, צו דערווערבן וויסן, צו פאָרן קיין אויסלאַנד. און גאָר איגגיכן האָב איך זיך אָנגעהאַלטן אָן דערדאָזיקער „אידעע", ווי אָן אַ מאַסשטאַב צו מעסטן מיט אים מיין ווערט: אויב עס וועט מיר נישט געלינגען צו פאַרווירקליכן דעמדאָזיקן באַגער מיינעם - איז אַ סימן, אַז איך בין באמת נישט

פעאיק צו קיין שום זאַך; דאַן וועט פאַרלוירן גיין דאָס לעצטע ביסל אַכטונג, וואָס איך האָב פאַר זיך.

— וואָס ס׳איז פ אַ ר אַ ן צו וויסן — האָסטו דאָס זיך דען דאָ נאָך נישט דערוואוסט? — האָט דאַווידאָווסקי שטילער־הייט באַמערקט, ווען איך האָב אים אויסדערציילט וועגן מיין באַשלוס אוועקצופאָרן, און דידאָזיקע באַמערקונג זיינע האָט באַ מיר אַרויסגערופן אַן אומאַנגענעם געפיל, כמעט א פאַריבל. איך האָב געוואָלט גלויבן און זיין זיכער אין דער גערעכטי־קייט פון מיין שטרעבונג. די עיקר־פראַגע איז ביי מיר געווען דאָס באַקומען די מיטלען..

וואָס טוט מען? זיין אַרום אַ יאָר אַ מלמד אין אַ דאָרף און צונויפזאַמלען די סומע, וואָס איז נויטיק אויף דער נסיעה? אמת, דער ציל איז אַ גוטער, אָבער זיין אַ גאַנץ יאָר אין א דאָרף אָן א באַקאַנטן, אָן ביכער, צווישן גראָבקייט און פאַר־טעמפּקייט!.. איך שטיי אויף דער שוועל פון לעבן — איך דאַרף מאַכן אַ טריט און אַריינגיין אין זאַל אַריין — און פּלוצים זאָל איך פאַרלאָזן דאָס שטאָטישע לעבן!.. און באַקומען, ווי־ניקסטנס אַ ליטישע „קאָנדיציע‟ איז זייער שווער, ווייל ס׳איז פאַראַן מער בחורים־לערערס, איידער דערפער, וואס זוכן לע־רערס. ס׳וואָלט, אמת, גוט געווען אין מאַטעריעלער הינזיכט — וואָס דאָס איז דאָך לעת עתה דער עיקר — זיך צו באַזעצן אויף אַ יאָר צייט אין מיין געבורטסשטאָט צ., דאָרטן וואָלט איך לייכט פאַרדינט, וויפיל איך דאַרף, אָבער פאָרן אַהיים צו מיינע עלטערן — ניין, דאָס איז אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך!..

אַפילו דער געדאַנק אַליין וועגן פאָרן אין דער שטאָט, וואו עס וואוינען מייגע עלטערן, איז נישט געקומען פון זיך אַליין, נאָר אַ דאַנק אַ בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון עו־בדיה׳ן, דעם רבי׳ס זון, אַ לאַנגען, מליצה׳דיקן בריוו, כאָטש דער שרייבער האָט געפונען פאַר נויטיק צום סוף „צו בעטן ביי מיר מיין פאַרגעבונג הלמאי זיין גייסט האָט אויסגעקליבן זיך מיר צו באַווייזן דורך דער געדיכטעגיש פּנים וואָלקן און פּנים נעפל פון מליצות אויסגעדראָשענע, ווי עס טוען די

בעלי·מליצה, צווישען וועלכע ער האָט קיין חלק און אָרט נישט, און ווי אונזערע חז״ל האָבן געזאָגט, אַז אַלץ וואָס איבעריק, איז געגליכן ווי ס׳וואָלט געפעלט״. דער אָנהויב פון בריוו איז געווען פּאָעטישע רייד „ווענן בריוו וואָס גייט פאַר אים, הלמאי ער האָט געטון פון מיר פאַרמיידן דאָס גוטס, כאָטש ער וואָלט דאָס געקענט אויספירן, און נישט באַזוכט מיך אין דער שטאָט .N און נישט געווען ביי מיר די אַלע טעג, און ממילא אויך די נעכט״, דערנאָך האָט ער מיר דערציילט, אַז „זיין פאָטער, זאָל לעבן, מאַכט זיך נישט זעענדיק, ווען ער (דאָס הייסט, עובדיה) פארנעמט זיך מיט אַ רוסישער צייטשריפט, אַנדערש איז, ווען ער טוט זיך אַריין אין אַ העברעאישע מליצה־בוך, דאמאלס איז ער בראנד־פייער״; און אויסערדעם איז צ. נישט אַזוי ווי .N, וואס איז א שטאָט פול מיט קלוגע לייט און מיט שרייבערס און אין צ. לאָזט זיך די העברעאישע ליטעראטור נישט הערן אין די גאַסן, כמעט ווי מ׳זעט זי נישט און מ׳האָט זי נישט, כאָטש דער ציוניזם, דאנקען גאָט, מאַכט טריט פאָרויס. די וואָס ווילן אויס און אינטערעסירן זיך מיט אונזערע פאַרבליבענע טייערקייטן, וואַקסן ווי שוואָמען נאך א רעגן, און עס האַלט זיך שוין ביים גרינדן א בית·ספר דורך אים און דורך זיין נאַציאָנאַלן פריינט יעקב בן משה עובדמאן, דורך וועמען עס ווערט געשיקט דאָס דאָזיקע געשריפטס״.

און דער סוף פון די רייד איז געווען:

„דעריבער הער מיך אויס און איך וועל דיר ראטן, יוגנט·פריינט מיינער, און גאָט וועט דיך אויסהערן. שוין פון לאַנגע צייטן טוסטו וואַנדערן, אבער צי ציט דען דיר באמת נישט דאָס האַרץ צו דיין געבורטשטאָט און פאַרוואָסזשע זאָלסטו נישט לענקען דיינע טריט צו איר? דאָ וועסטו האָבן חיוגה בּרֶווח, וואָרום ס׳איז דאָך אָן צווייפל דיר באַקאַנט, אַז איך וועל נאָך אין אַ פּאָר חדשים אַרום טון טאָן שיקן מיינע טריט אין דער שטאָט ס. אַריין צו פאַרפעסטיקן מיין זיץ דאָרטן און דאָרט וועל איך מיר בויען א הויז, הויז מיינט מען פרוי, מיט מיין באַשערטער פריילייז פרומא די טאָכטער פונ׳ם גביר

ר׳ פינחס נרו־יאיר, און דו וועסט דיר נעמען מיינע תלמידים, ווייל איך בין דאָך דאָ די גאַנצע צייט א לערער פון די לוי-טערקייטן פון דער העברעאישער שפּראַך״.

יעקב, וועלער האט מיר ביי בורסיפן אין שטוב איבער-געגעבן דעם בריוו, האָט מיר אויך ארויסגעזאָגט עובדיהס אמתן.

יעקב!.. דאס איז שוין נישט געווען דער יעקב, מיין קינדהייט-חבר פונם רב׳ס שטוב, נאָר עפּעס א הער עובדמאן, א בחור מיט א ליבלעך, לאכנדיק, שיין און א ביסל געצערטלט פּנים, מיט פריידיקע אויגן, פול מיט גוטהארציקייט און אנער-קענונג פון זיין פּאָרשריט אין זיין געבורטשטאט, אנערקענונג פון זיין קאמף מיט די פינצטערע לייט, די קעגנערס פונם רעיון. מיין קאלטע באציאונג צו אים האט אומבאדינגט אויך געווירקט אויף זיין דערנענטערן זיך צו מיר. און פונדעסט-וועגן האט ער זיך נישט אפּגעהאלטן מיר צו דערציילן, אויף וויפיל די צייט האט דערלויבט, אלע זיינע אויפטוען אויפן געביט פון ציוניזם. ער האט אויך גערעדט וועגן דעם יושב-ראש פון זיין אגודה, אלימלך דער מלוה, ער האט מיר אויך געוויזן זיינע קאָרעספּאנדענציעס, וועלכע ליגן באהאלטן אין זיין העפט, און אלץ מיט א צופרידענעם געלעכטער, תמימותדיק. נארישלעך. און ווען בורסיף האט „פארבייגייענדיק״, אין צוזאמענהאנג מיטן געשפרעך, דערמאָנט מיט עפּעס א פראזע דעם געזעץ פון קאוזאליטעט, האט עובדמאן געפונען פאר נויטיק צו זיין א אונטערהעלפער און ברענגען א ראיה דערצו פון זיין ציוניזם. פארוואס איז ער אזאַ פארברענטער ציוניסט? בעת ער איז געווען א קינד, האבן זיינע עלטערן געוואינט אין דארף א.א.וו...

ער איז געקומען קיין N. געשעפטלעך און מיט אים איז מיטגעקומען זיינס א שוועסטער, וועלכע האט זיך פארגלוסט אביסל זיך אנצושמעקן מיט גרויסשטאטישער לופט, אויף צוריקוועגס איז מיט זיי צוזאמען געפארן אויך בורסיף, וועל-כער האט דאן פארלאזט.

חיימאוויטש האט זיך באנוצט מיט זיין גאנצער רעדנער.
קראפט מיך צו ווארענען פון דעמדאזיקן געפערלעכן שריט-
ער איז טאקי תמיד אויך געווען א קעגנער פון דארף-מלמדותן
ער פלעגט מיך איינרעדן, איך זאל צוזאמען מיט אים אריין
עפעס אין א פאבריק). אבער אין פארגלייך צו דער נסיעה קיין
צ. איז שוין בעסער א דארף, „איך ווייס גארנישט דעם גאנצן
בורזשואזן גיפט, וואס איז פאראן אין דער זארג פון דער
פאמיליע פאר אירן אמיטגליד".
אויך דער בריוו, וועלכן איך האב דאמאלס באקומען
פון מיין פאטער האט געקענט געניגן אויף אפצוהאלטן זיך
פון דערדאזיקער נסיעה. מוסר-רייד זענען געווען אין אים:
„און מיין פארשטאנד איז צו קורץ ביז איצט, איך זאל משיג
זיין, פארוואס דוקא אין N האסטו דיר געמאכט דיין נעסט,
און אז דו וואלסט געקומען אין מיין ארט, צי דען וועל איך
דיך נישט קענען אכטן און דו וואלסט געווען נאענט צו מיר
און מכוח א תכלית, ערשטנס, וואס פאר א תכלית איז אין
דיינע קאנטן. תכלית איז ביים אויבערשטן אין די הענט און
מ'דארף נישט קיין בעסערן תכלית פון דעם, וואס איך טראכט
אין מיין הארצן און פארשטיי אליין". נאכן „פארשטיי אליין"
זענען געווען עטלעכע זאצן, וועמענס באטייט כ'האב נישט
פארשטאנען, צוליבן געציקלטן כתב און צוליבן פעלן פון
שרייבצייכנס, און איינער פון די זאצן האט זיך פארענדיק
מיט צוויי געהיימניספולע ווערטער: „היילונג-בלעטער"...
און פונדעסטוועגן בין איך אין א חודש ארום אוועקגע-
פארן קיין צ.
איצט, ווען ס'איז שוין דורכגעגאנגען א געוויסע צייט
נאך דערדאזיקער נסיעה, קען איך מיר נישט אויפקלערן ווי
געהעריק די עיקרדיקע פאקטארן, וועלכע האבן מיך געצווונ-
גען צו מאכן דעמדאזיקן שריט, נישט געקוקט דערויף, וואס
איך האב דאן יעדע מינוט פארשטאנען, אז איך טאר נישט
אומקערן זיך אהיים צו מיינע עלטערן. דאס משונהדיקע געפיל,
וואס איך האב געפילט צו יענעם מיידל, איז דאך ביי מיר

געבוירן געוואָרן, ווי מיר דוכט, דערנאָך ערשט, ווען איך
בין שוין געווען אין צ. —

יאָ, אגב אורחא: דער פּאַקט, וואָס איך בין צוגעצויגן
געוואָרן צו יענעם מיידל — איז זייער אַ משונהדיקער פּאַקט,
אַ פּאַקט, וואָס רופט אַרויס אַ ביטער געלעכטער, און זיך
פאַרטראַכטן וועגן אים איז מיר אַ סך שווערער ווי באַברען
זיך אין אַוואונד. כאַ, איך זאָג אַ „וואונד", אָבער אינדעראמתן
איז דאָ דאָ געווען אַן אַנדער זאַך. דאָ בין איך דאָך בלויז
געפּייניקט געוואָרן, אָבער זענען נישט פאַרוואונדעט געוואָרן —
ס'איז נישט געווען קיין געלעגנהייט דערצו. אין דעמדאָזיקן
פּאַקט איז אינדעראמתן נישט געווען אפילו קיין געלעגנהייט
פאַר דער אַנטפּלעקונג פון מיין פערזענלעכקייט, וואָס עס וואָלט
מעגלעך געווען, ווען דער סוביעקט וואָלט געווען אַן אַנדערער.
דאָס אַרט אַן אַנדערס און די געשיכטע אַן אַנדערע — ווען
אַלץ וואָלט געווען. ווי עס האָט זיך אַ מאָל פאָרגעשטעלט אין
מיין צעהיצטער פאַנטאַזיע, ווען איך האָב געטרוימט וועגן
דעם גליק זיך צו „פאַרליבן". דאָ איז אמת, געווען אַ טיפּישע
געשיכטע, אָבער אַ פאַרבייגייענדיקע, וואָס ניט גאָרנישט צו
צו פאַרשטיין מיין „איך", אַ געשיכטע פון „אַ קי איז גע-
פלויגן איבערן דאַך",

ביי בורסיפן אין וואינונג האָב איך פאַר מיר געזען
אַ פרעמד מיידל, אַ ברונעטע, אַ שיינע, מיט לעבעדיקע, ברייט-
געעפנטע, בלויע אויגן, מיט לענגלעכע סאַמעט-באַקן, מיט
אַ כישופדיק מויל און מיט באַוועגונגע פון אַ גאַזעל געמישטע
מיט א ביסל אייגנאַרטיקער חשיבות. יעקב, מיין קינדהייט-חבר,
האָט, אין פלוג, מיך גענומען פאָרשטעלן פאַר איר, פאַר זיין
שוועסטער. זי האָט ווי כמעט קיין קוק נישט געגעבן אויף
מיר, און איך האָב מיך איינגעהערט, שטאַרק איינגעהערט צו
איר לויטערער שטימע, איך האָב בגנבה געזען צוויי מאָל
דורך דער צייט, וואָס איך בין דאָרטן געזעסן, איר פרעכטיקע
מינע, דורך וועלכע זי פלעגט אַ ביסל אַרויסהויבן אירע סאַפּירן-
ציין צוזאמען מיט דער אויבערשטער ליפּ און אַרויפליגן זיי

אויף דער אונטערשטער ליפּ. די גאנצע צייט בין איך געזעסן אויף מיין אָרט ווי צוגעשלאָגן מיט טשוועקעס, פול-זייענדיק מיט עפּעס אַ געפיל, אז טאָמער וועל איך א ריר טאָן מיט א האנט אדער מיט א פוס, וועט געשען דורכדעם עפּעס א שרעקלעכע זאך. און ווען איך בין ארויסגעגאנגען איז ביי מיר אין הארצן געווען בלויז א טיעע שנאה צו בורסיפן, א שנאה צו זיין פריזור, צו זיין שמייכל, צו זיין מונדיר, צו די קנעפּ פון זיין בלוזע, — א שנאה, וועלכע איך האָב ביז דאן נישט געקענט. פארשטייט זיך, אז, זי, דידאָזיקע שנאה, איז געווען א רעזולטאט פון דער קנאה, וואס איך האָב מקנא געווען די פרייע און פיינע באוועגונגען פון דעמדאָזיקן מאנסביל... ווי אנטקעגנשטעלנדיק איינעם קענען אנדערן האב איך זיך דערמאָנט אָן מיין נישט-שיינעם, נישט-נאטירלעכן געלעכטער, אָן מיינע נישט פלינקע, בטלנישע באוועגונגען, אָן די האלבע ווערטער מיינע — און אלץ האט אויסגעזען עקלדיק, נאריש, שפלדיק... און זי האט עס דערפילט... אוודאי האט זי דערפילט... ווער? א פראווינציעלע העלדן? — ניין, איך בין טאקי באמת קליינלעך און נאַריש! צוליב וואס באנלל איך זיך מיט דעמדאזיקן „באַנאַלן" טיטול? וואס פאַר אַ שלעכטס האָב איך געפונען אין מיר? אַ מיידל ווי אלע מיידלעך! אבער... וואס גייט זיך מיך בכלל אָן? וואָס?...

דאן האבן זיך צונויפגעוועבט ביי מיר אין מוח עטלעכע ווערטער אותיותווייז:

— זי וועט דאָך מיך נישט באַמערקן..

און באלד האָב איך געלאַכט פון דעמדאָזיקן נעדאַנק, איינער פון די געדאנקען-שדים, וועלכע קומען אין מוח אריין פון זיך אליין אָן קיין שום לאָגישן צוזאמענהאנג און אָן קיין שום נויטווענדיקייט...

ווען איך בין געקומען צו מיר אין וואוינונג בין איך געזעסן אַ לענגערע צייט און צעקרישלט מיט מיינע פינגער אַ קעסטעלע שווערעלעך, וואָס איז געשטאנען אויף מיין טיש. כ'האָב געטראכט גאָר וועגן אנדערע עניגים, און ערשט א־ן

אָוונט, ווען איך האב אנגעהויבן לייענען עפּעס אַ בוך, אין מיר פארבייגעשוואומען דאס בילד פונם מיידל, מיט וועלכער איך האב זיך בכקאנט מיטאג צייט, און ליפּן האָבן נישט־ווילנדיק געמורמלט: „ראַ־כיל מאַי־סע־יעוו־נא", בורסיף האָט זי געריפן – ווי כ'האָב נישט געקענט ליידן דעמדאָזיקן אויס־דרוק זיינעם – אבער גאר גיך האב איך זיך אויפגעכאַפּט...

– יאָ, ס'האָבן קיין שום ווערט נישט אזעלכע נאריש־קייטן. אין אַ פּוסטן מוח קלעפּן זיך אָן פּוסטע געדאַנקען, אַ ישיבה־בחור, וואָס האָט קיינמאָל קיין פרוי נישט געזען, בכלל – איז עס גאָרנישט, כ'האב זיך דערמאנט – און נישט מער. און וואָס איז דער גוואַלד? אדרבה, פארוואס דארף איך זי נישט געדענקען? זי האָט נישט געקענט מאכן אויף מיר קיין שום איינדרוק, אָבער איך געדענק דאָך טויזנטער אַנדערע, „קליניקייטן"... נו, און אויב זי האט יאָ געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, – א'ז וואָס? טאָר מען נישט?.. מ'דאַרף פאָרן אהיים – „היילונג־בלעטער" – כאַ!

---

און אין עטלעכע וואָכן ארום האָב איך זיך געטראָגן אינ'ם באַן־וואַגאָן אויפ'ן וועג, וואָס גייט קיין צ.; דער קאָפּ האָט מיר שטארק וויי געטאָן, דאָס האַרץ איז געווען אויפגערודערט, און האָב עוסק געווען אין דער פּסי־כאָלאגיע פון קאָפּ־ווייטיק און פון אַ זון וואס פאָרט אהיים צו די עלטערן. „בכן, הייסט עס, פאָר איך – וואס פיל איך?" – כאַפּ מיר מיט א כיוון אויסגעמאָלט די צוקונפט־בילדער אינדערהיים ביי מיר מיט צו שווארצע פארבן... „כדי סזמל מיר נישט זיין שווער דערנאָך" – האב איך ווייטער געטראכט. – אבער אט זענען מיינע געפילן דאָך אינטערעסאַנט: עטלעכע יאָר בין איך דארט נישט געווען, וואו מיין וויגעלע איז געשטאַנען, אינם אָרט פון מיינע אנגענעמע דערינערונגען... מיין מוטער... מיינע שוועסטער – און קיין שום דיאונג איז

נישטא, קיין שום אנגענעמע דערוואַרטונג... בלויז ווייטיק, ווייטיק, ווייטיק...

מענטשן, אַז זיי זענען אין דער פרעמד, זאָגן זיי: איך דאַרף האָבן רו — דעריבער פאָר איך אהיים". אָבער אויך פאַר מיר איז דאָך דאָן געווען נישט איבעריק אָפּצורוען א ביסל — און צוליב וואָס בין איך געפאָאָן אהיים?

יאָ, איך בין געפאָרן נייל מיר האָט עפּעס געפעלט אָדער, ס'איז מיר עפּעס געווען נישט בעוואוסט. קען זיין, אַז איך בין געפאָרן דערפאַר ווייל איך האָב שוין פאַרמאָגט א גלייכגילטיקייט צו אַלע זאַכן און געשיכטעס. און קען זיין — דערפאַר ווייל מיר איז געווען קלאָר אַז איך ט אָ ר נ י ש ט פאָרן...

פרייטיק, ערב־שבת־קודש אינדערפרי בין איך געקומען אהיים.

---

## יט.

מיינע עלטערן. כאטש זיי האבן פון מיר נישט דער־האלטן קיין שום ידיעה, האבן פונדעסטוועגן געוואוסט אויף זיכער, אז איך וועל קומען, אזוי האָבן זיי דערנאָך אליין געזאָגט און צוויי זאכן זענען פאַר זיי געווען אָן אנזאג פון מיין קומען; אַ שפין איז אינדערפרי אראפ פונם באַלקן אויף דרערד, און אונזער ווייסע קאץ האָט זיך געוואשן און גערייניקט. ס׳הייסט, זי האָט געריבן מיט איר לאפקע אָן מאָרדע. די קאַץ איז טאקי אַ טמאדיקע חיה, אבער וואס סאיז שייך צום טרעפן, איז נישטא קיין בעסערע נביא און טרעפער פון איר.

די מצוה פון דער בשורה איז ארייגעפאלן צו איינעם פון די ייגגל ך, וואס בלאָנקען ארומ אין.

ס׳האָט זיך צעשטורעמט די אָרימע וואיינונג! דער טאטע האט פארלאָזן דעם לערנטיש, אויף די ליפן איז אים נאָך פארבליבן אַ ניגון־טראָפ פון „פזר־סגול״ און מיט זיינע גרויע אויגן קוקט ער זיך אין מיר איין אַ רגע, ווי ער וואלט זיך מיישב זיין, צי בין איך ווערט, ער זאל מיך ארומנעמען. נאר צולעצט פאלט ער מיר ארויף אויפן האלז! מיינע קליינע ברידער און שוועסטער, מיט אפענע מיילער צו קושן זייער „טייערן ברודער״, שלעפן מיך אראפ. די מאמע ווייס גאר נישט, וואס טוט זיך מיט איר:

— אוי, ירמעלע, אוי, זון מיינער.. וואָס מאכסטו, וואָס מאכסטו, מיין זון? ר׳איז געקומען... צוויי יאָר... צוויי יאָר... ירמעלע. . זון מיינער...

צו מיין פארוואונדערונג האבן מיר טרערן געשטיקט אין האלז און איך האב נישט געקענט קיין קלאנג ארויסגעבן. מיט גרויסער שוועריקייט האב איך זיך איינגעהאלטן פון וויי־

נען. אלץ איז מיר אויסגעקומען אזוי מאדנע, אזוי נעבעכדיק... מינוטנווייז פלעג איך ווענדן די אויגן צום קליינעע שפי־גלע, וואָס אויף דער וואנט, וועלנדיק דערזען מיין געזיכט־אויסדרוק. איך האב געהאט אין מיר יענץ געפיל, וואס איך פלעג פילן קינדווייז, ווען יינגלעך פלעגן מיך שלאָגן, און מיין טאטע, אנשטאט רחמנות צו האָבן אויף מיר, פלעגט מיך נאך שטארק באשטראָפן.

— דידאזיקע חכמה! — לאכט דער טאטע פון דער מאמען, נאכדעם, ווי ס׳איז אים נמאס געווארן צו ריידן מיט די הענט, ארו־צוגיין אהין און אהער, זיך איינקוקן אויף מיר און איבערהויפט אויף מיינע מלבושים — זי קען זיין א מיניסטערקע! זי שטייט און וויים נישט, וואס ס׳טוט זיך מיט איר... א, ברוך הבא, זי ווייגט שוין... נו, געקומען... דיינע טרערן וועלן גארנישט אויפטאָן און גארנישט צוגעבן, און די אויגן ווערן דיר אזוי אויך קאליע... בעסער זאָלסט דערווארעמען דעם סאמאוואר און מכבד זיין אונזער גאסט מיט אַ גלאָז טיי...

— ניין, ניין... — בין איך געשטאנען און זיך צוגעקוקט צו מיין מאמעס „קאל ע־געווארענע״ אויגן — זארגט זיך נישט... מ׳דארף נישט קיין טיי...

— וויי צו מיר, ביסט אוודאי הונגעריק, מיין זון, — קלאָגט די מאמע.

— ס׳א פראגע! — ענטפערט דער טאטע פאר מיר — ווייסט וואס, יהודית? לאמיר אלע עסן מיטאָג. גרייט צום טיש... און איר, קינדער, — האט ער זיך געווענדעט צו זיינע תלמידים — פארמאכט די חומשים און גייט אהיים. אמת, ס׳איז ערשט עלף אזייגער... נו, איר זעט דאך, אגאסט..

די קליינע „שקאָצים״, אין וועמענס אויגן ס׳האט גע־בלישטשעט די האפענונג באפרייט צו ווערן פריער ווי אלעמאל פון דער ערשטער רגע, ווי איך בין נאר אריין אין שטוב, זענען נעלם געוואָרן אין משך פון עטלעכע מינוט. זיי האבן זיך אמת געשעמט פאר דעם פרעמדן, פארן רבינ׳ס זון, צו שפרינגען און לויפן, זיי האבן זיך אויך געהאלטן פאר אַ הוב

אנצונעמען מוט און צוגיין צום גאסט, אויך אריינצושטעקן זייערע הענט אין מיינער, ווי אמין „שלום-עליכם"; דערפאר אבער האבן זיי אין איילעניש נישט געהערט דעם אָנזאָג פון מיין מאַמען „זיי זאָלן געדענקען זאָגן זייערע עלטערן, למען השם, אז דער רבי האָט געבעטן שכר-לימוד".

ס'איז געגרייט געוואָרן צום טיש. די באַלעבאָסטע האָט אַרויפגעלייגט ברויט, גאָפל און אַ שיסל פול מיט זויערע או-גערקעס. מיר האָבן געוואשן די הענט און אפגעווישט זיי מיט אַ נאס, האריק האנטוך. דער טאטע איז שוין געווען גרייט צו מאכן „המוציא" אויפן גאנצן לאבן, ערשט זיין פנים האט זיך באדעקט מיט גרויס צער, און מיט א קול פון „אסור להפסיק" האט ער אויסגעשריען אויף לשון-קודש:

— נו!.. ספין!..

די מאמע האט דערלאנגט נאך אַ גאָפל, און ווען זי האָט אים שוין אוועקגעלייגט אויפן טיש, האט זי באלד דערפילט איר טעות, וואס איז געקומען פון צעמישטקייט, און זי האט געקוקט אויף מיר ווי אויף איר מליץ-יושר. דער טאטע איז געווען אין כעס: ווי ס'ווייזט אויס, האט אים די אויסערלעכ-קייט פונם גאסט גאר נישט צופרידנגעשטעלט. בעתן עסן האט ער קיין סך נישט גערעדט. דאקעגן דער מאמעס פראגעס וועגן מיין עסן, וואינונג און נאך טויזנטער פרטים פון מיין לעבן דאָרטן — זענען געווען אָן אַ סוף און אָן אן עק. און ווען זי האט זיך שוין אויך דערוווּסט וועגן די זאקן, וואס זי האט מיר מיטגעגעבן, ווען איך בין אוועקגעפארן קיין .N, האט זי מיר אנגעהויבן דערציילן די פרטים פון מיר לעבן: דעם לעצטן יום-טוב האט זי געקארגט מיט איינגעמאכטס; אלס „שכר לימוד" פאר שמעון דעם קרעמערס מיידעלע, ווען זי לערנט „עברי", האט זי באקומען עטלעכע פונט ארבעס און באב; פריידען, מיין קלענערער שוועסטער, וויל זי אפגעבן צו אַ זאָקנ-מאַכערן, זי זאָל זיך אויסלערנען דידאָזיקע מלאכה. דעם טאטנס מיינונג איז, אמת, אז ס'איז בעסער זי צו מאכן פאר א „טישל-פארקויפערן", דאס הייסט, פאר א פארקויפערן פון

ווייבערשע צירונג און ענלעכע זאכן ביי א קליין טישל אין מאַרק — „דאָס איז אַ מסחר און נישט קיין מלאכה; דערביי קען מען שטייגן״ — אָבער מיין שוועסטער אליין, נישט געקוקט אויף די אַרגומענטן פון מיין טאַטנס פויסטן, איז אַליין שטאַרק להוט צו „זאָקנמאַכעריי״. וואָס איז מיין מיינונג? וועלכער „תכלית״ איז אַ בעסערער? — איר פלוידערן האָט אויך נישט איבערגעריסן דעם טאַטנס שטעכיקע באַמערקונג, מיט וועלכער ער האָט אויף מיר אָנגעשריען הלמאי זי פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ, וועלכער איז פול גאָר מיט אַנדערע זאַכן״; זי איז אַזוי פול געווען מיט גליק, אַז זי האָט עס גאָר נישט געקענט באַמערקן. איר איז אָנגענעם צו רעדן מיט מיר — און זי רעדט. צי איך הער יאָ, צי נישט — איר איז אַלציינס.

כדי איך זאָל אויך עפּעס זאָגן, האָב איך געפרעגט, ווי האַלט עס אין לערנען מיט מיינע קלענערע ברידער. דאַן האָט זיך די מאַמע אָנגעהויבן קלאָגן אויפן טאַטן, אז ער האט אינגאנצן אַראָפּגענומען די השגחה פון די קינדער. בערעלע גייט אין חדר שוין דריי זמנים און ער זאגט נאך שווערלעך „עברי״, זי פארשטייט נישט וואָס איז געוואָרן מיטן טאַטן: עלטער, צי פוילקייט?..

—עט.., — האָט זיך דער טאַטע פאַרענטפערט מיט א מין שפּאָט — כ׳האָב זיך אַרומגעזען: צו וואָס איז די גאַנצע מאַטערניש? אַז זיי ווערן גרויס, טוען זיי סיי־ווי־סיי, וואָס זייער הארץ גלוסט...

— נו, נו... — האָבן דער מאמען נישט געשמעקט די אָנצוהערענישן פונם שמועס — וואס פאר אַ בייז, חלילה, טוען זיי, אז זיי ווערן גרויס?.. און איך בעט נאָר איינס: הלואי זאָלן די קלענערע נישט זיין ערגער פון אונזערע גרויסע... אלע דארפן דען זיין רבנים?..

— און איך וואָס? וואָס זאָג איך דען — כעסט זיך דער טאטע — איך שעם זיך מיט אים?.. „רבנים״ — וואס מיינסטו, ווי ווייט איז ער פון רבנות? בלויז איין טריט אויף יענער זייט... חכמה — „רבנים״!..

אַ שטילשווייגעניש.

— ירמיה איז גאר נישט אויסגעוואקסן — באַמערקט איינע פון מיינע שוועסטער.

— נישט אויסגעוואַקסן ? — שאָקלט זיך דער טאטע אָפּ פון די מחשבות און גיט אויף מיר אַ דורכדרינגענדיקן בליק — אוי-הוי... בכלל, ע, בכלל זאָג איך... לויט מיין מיינונג... ירמיה האָט זיך נישט געענדערט — ס׳הייסט, ע-ע... נו, דאָס אַלץ איז נארישקייטן !.. דער עיקר... דער עיקר, ירמיה, דו הערסט ? כ׳פרעג דיך... איך, איך וויל דאָך די גאנצע צייט וויסן... וואָס מאכסטו ? וואָס מאכסטו — פארשטייסט ? וואָס מאכסטו אין „תוך” ?..

— וואָס... גאָרנישט... כ׳לעב...

— לעבסט — פארשטייט זיך... אָבער איך וויל וויסן עפּעס אַנדערש... דו פארשטייסט... ענטפער... לערנען, לערנסטו גאָר נישט ?..

— ניין.

— ניין ?! באמת ?!.. איך, ירמיה, אינדעראמת׳ן, איך, ע... כ׳גלויב נאָך נישט... כ׳גלויב נישט... מיין שוואַכער מוח איז כלל נישט תופס, וויאַזוי פארלאָזט דאָס א מענטש אַ זאַך, אויף וואָס ער האָט געפטר׳ט זיין גאנץ לעבן ?.. און בכלל — צי דערפאר, ווייל ס׳איז „תלמוד”, טויג עס נישט ? און ווי איז, לויט דיין מיינונג, מ׳דאַרף דאָס שוין אינגאנצן נישט ? דו פארשטייכט, ירמיה ? וואָס האָסטו פאריבל ? יאָ, קענסט טאקי זיין ברוגז, וואָס תיכף, ווי דו ביסט געקומען, קום איך צו דיר מיט פרעטענזיעס... אָבער אין תוך אריין ביסטו דאָך נישט קיין שוטה : וואָס איז די נפקא־מינה ? איצטער, שפּעטער — מ׳דארף דאָך וויסן... איך בין דאָך נישט ישראל דרדקי-מלמד... דיין מאמע זאָגט : אַלע דארפן דען זיין רבנים ? אדרבה ! איך האָב קיינמאָל נישט געהאט קיין חשק, זאָלסט דווקא זיין אַ רב ; לויט מיר נאָך, איז אַ רייכער סוחר און א למדן דערצו בעסער פון אַ רב... איך פארלאנג נישט, זאָלסט לערנען לשם מצוה, נאָר אזוי... און אַפילו בלויז ווי א השכלה-

זאַך... ווּעסט דאָך אויך מודה זיין, אז דאָס איז א חכמה ווי אַלע חכמות... און אויסערדעם – ס׳איז גוט פאר גאָט און שיין פאר לייט... וואָס שווייגסטו? פארוואָס עסטו גאָרנישט?.. יהודית, גיב אים נאך אַ ביסל מילך... בקיצור דאס עסן איז נישט קיין עסן פאר קיין גאסט... אבער וואס טוט מען? מיר האבן דאך נישט געוואוסט, אז דו וועסט קומען, כאָטש מיר פלעגן ווארטן אויף דיר יעדן טאג... און בכלל מיין איך, כאַכאַ, אז אויך דארטן ביסטו נישט געווען קיין מפונק... נאר דאס האט נישט צו דער זאך... דער עיקר, וויל איך זאגן, זאגן... יאָ, ביי וואס האלט איך? דו האסט דאך מיר צוגעזאגט, אז די תורה וועסטו קיינמאל נישט פארלאזן... יאָ... איך גלויב נישט... און צום רב, ירמיה, דארף מען פונדעסטוועגן אריינגיין... וועסט דאך, מן הסתם, אזוי אויך גיין צו עובדיה׳ן... דו זעסט? עובדיה איז איצטער א מ ע נ ט ש... געווען צייטן, ווען אויך ער... אָבער האָט זיך אומגעקערט צום גוטן וועג, כּוף כּל סוף... ער פאַלט אריין אין אַ שמאַלץ-גרוב... פאַרשטייט זיך, דער טאַטע זיינער... אַ רב איז נישט קיין מלמד... אָבער ווער ווייס, אפשר ווען דו וואָלסט געווען אינדערהיים – וואָלט אַנדערש געווען... דו געדענקסט, ווי איך האָב זיך געבעטן ביי דיר דאָ צו בלייבן, און דו האָסט מיך נישט געפאָלגט... נו, וואָס געווען, איז געווען... איצטער... איצט... דו ווייסט, ירמיה? איך הער דאָך נאָך אַלץ נישט אויף צו טרוימען, אַז דו וועסט מיך סוף-כּל-סוף אויסלייזן פון דער מלמדות... ווען איך וואלט געהאַט אין האַנט איין מאה – וואָלט איך אַוועקגעוואָרפן דידאָזיקע פרנסה בזויה... בלויז מיט אַזאַ סומע וואָלט איך שוין געקענט שטייגן... וואָס, קיין געלט האָסטו דאָך נישט? גאָרנישט? דו זעכט, יהודית, וואָס האָב איך נביאות-געזאָגט? דו האָסט מיך געטרייסט, אָבער איך האָב תמיד געוואוסט דעם סוף!

– וואָס האָסטו געזאָגט! וואָס פאַראַ נביאות! וואָסער סוף! וואָלסט שוין בעסער אויפגעהערט, שלום-געצל! ...אוי, אוי, האָסטו פאַרשטאַנד... האַלסט זיך דאָך פאַר אַ חכם...

— וואס זאג איך דען, בהמה? וואָס טו איך? איך פאַל דען אָן אויף אים, חלילה? איך זאָג אים דען שטראָפּרייד? איך בין זיכער, אַז ער וועט אַליין נישט זיין אין כעס אויף מיר און אויף מיין שמועס... ווי ס׳זאָל נישט זיין, בין איך דאָך זיין טאַטע... ער פאַרשטייט דאָך, איך מיין פון זיין טובה וועגן... און וואָס רעד איך דען?.. אדרבה, איך פריי זיך שטאַרק מיט זיין קומען... איך פריי זיך זייער... אָפט פלעגן אויף מיר אָנקומען מינוטן ממש נישט צום אויסהאַלטן... אוי, ירמיה האָט דאָ געדאַרפט זיין; אוי, איך וויל זען ירמיהן! און אָט איז ער געקומען, ברוך השם, און וואָס נאָך?... איך רעד סתם... אין דער וועלט אַריין... יאָ... נו, דערלאַנג, יהודית. מים אחרונים!.. (קיינמאָל היט עס גאָרנישט אָפּ, אבער דא האט ער גראד געפונען אַ פּאסיקע צייט אויך דאס אפּצוהיטן) מירן בעטן... צום רב, ירמיה, וועסטו אַריינגיין אַן אַנדערש מאָל... איצטער לייג זיך און רו אָפּ...

און ווען איך בין אין אַ פערטל שעה ארום געלעגן אויף דער קאַנאַפּע מיט פאַרמאַכטע אויגן און נישט געקענט, צוליבן שטאַרקן קאָפּ-ווייטאק, איינשלאָפן, האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן די קולות פון די שכנטעס, וועלכע זענען געקומען פייל פון בויגן איינע נאָך דער אנדערע באָרגן עפּעס און האָבן דער מאמען געוואונטשן: „מיט ליב אייך אייער גאַסט!“. זיי האָבן, האַלטנדיק אין די הענט די טעפּלעך, די טעלערס און די מולטערס, וואס זיי האָבן געבאָרגט ביי דער מאמען, מיך באַטראַכט מיט שאַצנדיקע און דורכדרינגלעכע בליקן און האבן אַרויסגעזאגט דעם איינדרוק, וואס איך האב אויף זיי געמאַכט, און זייערע קוקן אויפן לעבן, אויף קינדער און אויף גליק בכלל — אַלץ אויף איין מאָל. און די מאַמע מיינע האָט אויספיינענדיק זיך מיט איר גרויסקייט, אַ סך גערעדט וועגן איר שטענדיקער זיכערקייט, אַז „איר ירמיה“ וועט זי אייביק נישט פאַרגעסן, אַז ער איז נישט, ווי אַנדערע, וועלכע געדענקען נישט דאָס גאַנצע בלוט און טרערן, וואָס די מאַמעס האָבן אויף זיי פאַרגאָסן, און אַז... פונדעסטוועגן איז איר,

סוף כל סוף, נישטאָ וואָס מקנא צו זיין: איר גליק איז נישט פולשטענדיק, זי זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד. וואָלטן מיר געווען עשירים, וואָלט געווען די מעגלעכקייט מיר צו דער־פירן צום ציל, — דאַן וואָלט איר גליק געווען אַן אַבסאָלוט גליק. אָבער איצט... כ׳בין תמיד געווען געצוואונגען אַרומצו־וואָגלען ווי אַ פויגעלע פון זיין נעסט... און אַז איך בין שוין ענדלעך געקומען — — איז טאַקי די שמחה גרויס... אַז אַך און וויי צו איר!..

## כ.

— א, אַ גרויכער גאכט, אַ חשובער גאַסט! שלום עליכם ר׳ ירמיה! — האָט׳ מיך באַגעגנט עובדיה אינאָוונט אין בית־מדרש — וואָס מאַכסטו, דו שלעכטער זון פון גוטע עלטערן? האסטו גוט געטאָן, וואָס דו האָסט געפאָלגט מיין עצה. איך פריי זיך דערמיט. ווען דיין טאטע האט מיר געזאגט, אַז דו ביסט געקומען צופארן, האב איך געמיינט, אַז דו וועסט אַריינקומען צו מיר... נו, געקומען פון וועג... אבער וואס שטייסטו הינטער דער בימה, ווי אַ שלעפער? קום מיט מיר אויף מיין ארט. מיר וועלן נאר א קורצע צייט זיין צוזאמען, און צו רעדן האב איך מיט דיר זייער א סך. —

עובדיה האט זיך אַ ביסל געענדערט אין זיין אויסערלעכקייט. קיין סך פעטס איז אים טאקי נישט צוגעקומען, אבער דאס ביסל, וואס איז יא צוגעקומען, האט געלייגט אַ שטעמפל אויף זיין יונג פנים, צוגעבנדיק אים אַ „פראזאאישן אויסדרוק", נישט וועלנדיק זאָגן — אַ נארישערן. דערצו האבן אויך מיטגעהאלפן דאס, וואס ער איז געווארן אַ ביסל איינגעבויגן און אויך די שווארצלעכע און א ביסל געקרייזלטע האר, וועלכע האבן געשפראצט ארום די באקן און אויף דער גאמבע, אויך זיין אייראפעאיש בגד איז געווען שטארק לויטן געשמאק פון דער יידישער ארטאדאקסיע אין רוסלאנד. ווען ער האט מיט מיר גערעדט וועגן זיין חתונה און וועגן זיין שווער, האט זיך אין זיין שטימע, נישט־ווילנדיק, פון געוואינשאפט, געהערט א מין שטאלצער טאן, נאר אין זיין שמייכל איז צייטנווייז געווען אויך עפעס א טרוימער — עפעס פונם געפיל, וואס עס פילט א ווייכהארציקער זעלנער, וועלכער האט פארלאזן דאס שלאכטפעלד, בעת ער באגעגנט זיך מיט זיין אמאליקן

קאמאנדיר, און יענער איז פארוואינדעט און דערשלאגן... מ׳קען נישט זאָגן, אַז ער האָט געשפּירט און געפילט, אַז איך האָב אין האַרץ פאַריבל אויף אים און אויף זיין האַנדלונג; וואָרום ווער וואָלט זיך דען אַנדערש געפירט אויף זיין אָרט? אַ מענטש דאַרף דאָך חתונה-האָבן, ער מוז דאָך זען, אַז ער זאָל נישט זיין קיין בחור לענגער, ווי ס׳איז אָנגענומען. אמת, ער איז געווען פול מיט פאַנטאַזיעס צו טאָן עפּעס לטובת הכלל... אָבער אויך איצט שלעפּט ער דאָך נישט אַרויף קיין יאָך אויפן האַלז! אין אַ געוויסן זין, מאַכט ער נאָך אַ שריט פאָראויס צו זיין ציל... און פונדעסטוועגן — איז אים געווען אַ ביסל אומאַנגענעם צו רעדן וועגן דעם; ער באַזעצט זיך און אָרדנט זיך איין, און איך „שטיי הינטער דער בימה ווי אַ שלעפּער"... שפּעטער, ווען איך בין געוואויר געוואָרן, אַז די כּלה, וועלכע איז געווען באַשטימט פאַר אים, איז געווען אַ ביסל קראַנק אויף די פיס (און דערמיט קענען פאַרשטאַנען ווערן דעם שדכנ׳ס ווערטער אין זיין בריוו: „און לויטן רבינס, זאָל לעבן, עצה, וויל מען זי חתונה-מאַכן"), וועגן וואָס דער דערציילער, ווי אַ נוגע בדבר, האָט פון מיר פאַרלייקנט, איז מיר נאָך קלאָרער געוואָרן, פלעגט זיין בליק אויסדריקן אַ ביסל טרויער...

פון די ענינים פון פרט איז ער אַריבער געגאַנגען צו די ענינים פון כלל — „פונם טפל צום עיקר", און ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון דער אגודה „שוחרי ציון" אין צ., וואו אלימלך מַלְוֶה איז פאָרזיצער, יעקב עובדמאַן איינער פון די הויפט-טוער, און ער, עובדיה — איז סעקרעטאַר און די גאַנצע נשמה פון דער ערשטער. וואָרום, אין אמתן גע-רעדט, פּאַסט נישט זייער שטאַרק די פאָרזיצער-קרוין פאַר אלימלכן, וויל זייענדיק אַ פּאָליטישער ציוניסט און זייענדיק פרום — איז ער קעגן דער „קולטור-צרה", ווי ער דריקט זיך אויס. און עובדמאַן געפינט זיך אונטער זיין השפעה, נאָר בלויז אַ דאַנק אים, עובדיהן, איז די אגודה גרייט אַנטיילצונעמען אין דער ביבליאָטעק, וועלכע האַלט זיך ביים גרינדן. דער „איני-

ציאַטאָר״ פון דער „אידעע״ צו גרינדן אַ ביבליאָטעק איז שמעון, בורסיפס ייִנגערער זון, און די קולטור-ציוניסטן ווילן זיך מיט אים באַטייליקן דערין. אמת, אויף די עטלעכע פאַרזאַמלונגען, וועלכע זענען שוין צונויפגערופן געוואָרן, איז נישט געלונגען צו קומען צו איין מיינונג, און באַזונדערס איז „גרויס דער אָפגרונט״ צווישן זיי אין פאָלגענדיקן פּרט: די ציוניסטן טענהן, אַז היות ווי אַ רוסישע ביבליאָטעק איז שוין פון לאַנג פאַראַן אין צ., דאַרף מען איצט בכן אַרבעטן מיט אַלע כּוחות פאַר יידישע ביכער, און דער איניציאַטאָר דער אַסימילאַטאָר, וויל נישט, פאַרשטייט זיך, זיין קיין אָפּגעשטאַנענער. אמת אויך דאָס איז זייער שלעכט, וואָס די יוגנט אין צ. איז בכלל אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָף און זי האַלט אין איין שלאָפן, קיינער וויל נישט מנדר זיין קיין בוך אָ־ער אַ „גילדן״ ; און אלימלך שטייט אויך נישט פונדערווייטנס, און ער באַמיט זיך מיט אַ כּיוון צו מאַכן דעם גאַנצן צ־ין פון דער ביבליאָטעק צו גאָרנישט, און ער אַגיטירט: „ברענט נישט אַזוי! גוטע ציוניסטן דאַרפן נישט צופיל הקירה!״ — אָבער פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך נישט מייאש זיין. מ׳דאַרף נישט אַראָפּלאָזן די הענט. אויב ס׳זענען שווער די „חבלי לידה״, אויב ס׳איז שווער דאָס „אָנהויבן גיין״ — דערפאַר אָבער אין ביבליאָטעק וועט שוין עקזיסטירן און זי וועט זיך שטעלן אויף די פיס, וועט זי אַזוי גיך נישט פאַלן און איר גורל וועט נישט זיין דערזעלביקער, ווי דער גורל פון אירע שוועסטער אין אנדערע יידישע שטעט. מ׳דאַרף זיין שטאַרק און זיך שטאַרקן! סיי ער סיי יעקב „האָבן אַריינגעזאָגט צ. וועגן אירע מיאוסע זאַכן״ אין לאַנגע קאָרעספּאָנדענציעס — און זיי זענען נאָך גרייט „צו בלאָזן אין טרומייט״. מ׳דאַרף אויפוועקן די שלאָפנדיקע. איינאמתן גערעדט: איז זיך נישטאָ וואָס צו רימען מיט דער לאַגע פון דער אגודה אינעווייניק. די אויפטוען, מוז מען מודה זיין, זענען זייער קלייגע. נישטאָ קיין מענטשן, וועלכע זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אונזערע זאַכן. קיין מענטשן נישטאָ... אויך די קעגנערשאַפט, וועלכע, לויט זיין מיינונג, וואָס ס׳איז אויך די מיינונג פון

איינעם פון די ארטיקלען אין דער „הצפירה", העלפט מיט דער באַוועגונג, איז פאַרשוואונדן. אין די ערשטע צייטן פון דער באַוועגונג האָבן זיך אַ נעם געטאָן ר' צדוק, דער אייניקל, און זיינע חסידים צו קעמפן מיט איר. מיין פאָטער איז געווען נישט אַ הין, נישט אַ הער), און „דער צווייטער צד" האָט אויך צרויסגעשטעקט די צונג צו נישטערן און צו פאַרניכטן — איצטער רעדט קיינער נישט וועגן ציוניזם נישט צום גוטן, נישט צום שלעכטן. שטיל געוואָרן אין דער מדינה. און ווי דאַרף ווייטאָן דאָס הארץ צו־זעענדיק אַזאַ פאקט: יעקב האָט אַ שוועסטער, אַן אויסגעצייכנט מיידל, פריער איז זי געווען נוטה מיט צוהעלפן און זיך אָפּגעבן פאַר ציון און אָט צייט זי איז צוריקגעקומען צוזאמען מיט דעם עלטערן בורסיף, האָט זי זיך אָפּגעקערט פון איר פאָלק און פון איר גאָט, כאָטש אָט דערדאָזיקער אַלעקסאַנדער איז נישט אַזא מין מענטש, ווי זיין יונגערער ברודער, ער זאָל זיך אנטקעגנשטעלן דעם ציוניזם, נאָר דער גייסט פון דער צייט איז דאָ שולדיק. אָבער, טראָץ דעם אַלעמען, איז נישט צו לייקענען, אַז דער נאַציאָנאַלער גייסט גייט און טרעט פאָרויס מיט גרויסע און שטאַרקע טריט.

באַלד האָבן אונז ארומגערינגלט אַלע מענטשן פון קלויז און די יונגלעך מיט אָפּענע מיילער און מיט אָנגעשטעלטע אויערן צו הערן און צו האָרכן. האַנט־דרוקן און „שלום־עליכם" זענען אויף מיר צראָפּ ווי אַ האָגל, מיין פאַטער האָט זיך געפרייט און געברויזט. ר'האָט געשאָסן בליקן אויף אלע זייטן, ר'האָט זיך איינגעקוקט אין מיין גאַנצן קערפּער, ר'איז אַ ריינגעדרונגען אין אַלע מיינע באַוועגונגען און האָט מיר צוגעוואונקען מיט די אויגן הונדערטער באַמערקונגען, ווען צו מיר איז צוגעגאַנגען אלימלך דער מלוה — איז ער אויך צוגעשטאַנען צו אונז.

אלימלך דער מלוה איז אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק, אַ געשטאַלט האָט ער פון אַ פעסל, וואָס איז איגמיטן ברייט און אויבן שמאָל, זיין פנים איז פעט און גלאַנציק, די נאָז

איז אַ גראָבע און רויטע, ווען ער רעדט מיט אַ מענטשן, זעט ער אויס, ווי ער וואָלט פאַרשפּרייט אויף יענעם די פליגלען פון זיין חשיבות, זיין געלעכטער איז יענער „כע-כע, וועלכער זעט אויס צו זיין זיכער אין נאָכמאַכערס און אין אונטער-חנפערס. דער סכום פון זיין פאַרמעג איז א נישקשהדיקער, שוין פון לאַנג אָן איז ער איינער פון די שטענדיקער לעוזער פון דעם „זקן פון די העברעאישע צייטונגען״, און די לעצטע צייטן איז ער אַן אנגעזעענער און פאַרברענטער ציוניסט און ער אַרבעט לטובת דעם יידישן פאָלק און זיין אויפלעבונג. ער דרשנט אויף אסיפות וועגן דער נויטיקייט פון דיסציפּלין און געהאָרכזאמקייט אין אונזער לעבן, ער כעסט זיך אויף די יונגעלייט פון אַ געוויסן מין, וועלכע היטן נישט די מאָראַל און צעשטערן דעם בנין פון פריערדיקע דורות, ער פאַרשפּרייט דאָס בוך „שיבת ציון״ און נעמט אָפּ, וואס ס׳קומט פאַר אים, ער ווירקט אויף יעקב עובדמאַן און זיינע חברים, זיי זאָלן זיך מתעסק זיין מיט פאַרשפּרייטן שקלים און אַקציעס, ער פארנעמט זיך מיטן צונויפגעזאַמלטן געלט — מיט איין וואָרט, ער איז זיך מוסר־נפש!

— דו הערסט, שלום־געצל? — האָט זיך געווענדעט ר׳ אלימלך צו מיין טאַטן, ווען דער לעצטער איז צוגעקומען צו אונז — איך בעט עפּעס ביי דיין גאַסט און ער זאָגט אָפּ לצת־עתה. נו, א קלענערן פון זיך זאָגט מען אָפּ, כע־כע... פארשטייסט? איך לייג אים פאָר... איך... איך וויל... ער זאָל אונז מאָרגן דרשנען פון דער בימה אַראָפּ וועגן יענע גוטע זאכן... ער זאָל אונז „זאָגן״ וועגן ציוניזם און זיינע קעגנער...

— איך פארשטיי, ר׳ אלימלך, איך פארשטיי — האָט זיך מיין טאַטע צעקאָכט — דאָס איז גוט, ג׳ט... ירמיה קען, ברוך השם, ברענגען ראיות פאר׳ן ענין סיי על פּי תּורה, סיי על פּי השכּלה („להבדיל״ — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ צעשטרייטן טאָן, פון צווישן די ציין, ווי מיט א מין ממה נפשך״), אָבער ע־ע... כ׳האָב מורא... כ׳מיין, ר׳ אלימלך, וואָס וועט דערצו

זאָגן דר רבי? און ר' צדוק דער אייניקל?.. דעם גבאי'ס דער־לויבניש... איר ווייסט דאָך...

— מיר זענען דען אָפּהענדיק פון זיי? — האט אויסגע־רופן עובדיה־און זיך ארומגעקוקט אין די זייטן.

— און דער אמת'ן מיר'ן דען זיי האָרכ'ן? — האט אים איגנטערגעהאַלטן יעקב מיט דער באוועגונג פון אַ פערד, וואָס דערשמעקט מלחמה.

— דו פארשטייסט נאָך נישט מיין פאָרשלאג, שלום־געצל!

— האָט אויך אלימלך ווייטער גערעדט מיט זיין שטימע — איך רעד צו דיר פארשטענדיקע רייד און דו האָסט מורא; דער רב... זיין כבוד רירט קיינער נישט, כא־כא־כא, אונזערע לייט דארפן האָבן עפעס אַן איתערות דלעילא, אן אויפמונטערונג פון אויבן... פארשטייסט? צ. דארף האָבן אַן איתערותא דלעילא! וואָס זאלן מיר לייקענען? ס'איז ווי צו אונז, אז מיר ווערן עס יאָ זאָגן און ווי צו אונז אז מיר'ן עס נישט זאָגן! די צ.־ער דאס איז דאָך א פאָלק, ממש ווי אייזלען, זיי דארפן דען עפעס א גייסטיקע זאַך? זיי אַרט דען דער אומ־גליק פון יידנטום? זיי טראכטן דען אַ מאָל וועגן ציון און ירושלים? ירושלים, וועלכע דערמאנט אין אלע אונזערע תפלות — גיבן זיי דען אַ מאָל א טראכט וועגן איר? יעדערער איז פארטאָן אין זיינע געשעפטן... איך בין שוין אויף דער עלטער... כ'האב קיין כוח נישט און כ'בין שוין הייזעריק גע־ווארן רעדנדיק... האָב איך דעריבער געמיינט...

— „גדול המעשה יותר מן העושה", א סך וויכטיגער איז דער, וואס ברענגט יענעם צו מעשים, איידער, דער וואס טוט אליין! — האט אים עובדיה אונטערגעהאלטן.

— וויכטיקער איז דער, וואס ווירקט, איידער דער, וואס טוט! — האט אלימלך פארטגעזעצט מיט א באזונדערן טאָן, לויט וועלכן מ'האָט געזען, אז ס'איז גלייך ווי מ'וואלט אים גארנישט איבערגעריסן און אז וואס עמיצער זאל נישט זאגן איז פונקט, ווי ער וואָלט עס א רויסגענומען ביי אים פון מויל, — כא - כא, אויב א יך האָב נאָך נישט פאָרגעסן גירסא

דינקותא, דאָס, וואָס כ׳האָב אַמאָל געלערנט, דארף מען משער זיין, אז דיין ירמיה... כע–כע... איצטער פאַרשטייסטו שוין, שלום-געצל, מיין ?... דאָס הייסט אַן איתערותא דלערלא...

נאָר – ווײ, אלץ הענגט אָפּ פון מזל ! – ס׳האָט נישט צוגעשפּילט די צייט אלימלכן, ער זאָל אונז ווייטער איבע- ראַשן מיט זיינע זיסע רייד, ווארום אין דערזעלביקער רגע האָט זיך דערהערט די שטימע פון יאָסל דעם מושלם, ווי ער האט אנגעהויבן מקבל שבת צו זיין.

עובד ה איז אוועק אויף זיין אָרט אין דער מזרח- וואַנט.

– וועגן וואס האָט איר גערעדט, דו און עובדיה, ווען אלימלך איז צו אייך צוגעקומען ? – האָט מיין פאַטער חוקר ודורש געווען מיט אומגעדולד, נאכדעם ווי ער איז אויף אַ מינוט מיטגעריסן געוואָרן, נישט ווילנדיק, מיט אלימלכן און איז באַלד צוריק צוגעגאנגען צו מיר מיט אַ פנים, וואָס דריקט אויס זאָרג און אומצופרידנקייט – אַ... נו, מיר וועלן זיך נאָך דורכשמועסן... נו... קיין סידור דאַרפסטו נישט ? ביין ?.. וואסזשע שטייסטו, ווי א פלאָקן ? פאר וועמען האסטו אָדער פאר וועמען שעמסטו זיך ?.. וואס פאר אַן אָרט האסטו זיך עס אויסגעקליבן ?.. נו... ירמיה !.. דער רב האט געגעבן שלום ? געגעבן ?.. און קאָצין ?..

## כא.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון קלויז, האָט אונז די מאמע באגעגענט מיט פרייד. אָבער ווי זי האָט נאָר א בליק געטאָן אויף מיין טאַטנס צאָרניק פנים, וואס פארשטעלט זיך פאר גלייכגילטיק, און אויף זיין פאַרבארגענעם קרומען קיק, האט זי זיך גענומען באַמיען מאכן שלום צווישן אונז מיט כל אַ מיני פאָרטלען.

אַ שפּאַס האָט מיר דער טאַטע היינט בייטאָג איינגעאָרדנט... דו הערסט, ירמיה? היינט בייטאָג זענען מיר געגאַנגען אין גאַס... כאַ־כאַ, אז איך דערמאָן זיך קען איך זיך נישט איינהאַלטן פון געלעכטער... ווען ער טרעפט, זאָגט ער אָן: מיין ירמיה איז דאָך געקומען צופאָרן! „אַ גאסט האָב איך!”... אַ שפּאַס און נישט מער...

— „טעמה פי טוב סחרה, לא יכבה בלילה נרה” — האָט זיך דערווייל דער טאַטע אונטערגעזונגען „אשת חיל” און זיין פנים זאָגט עדות וועגן טרויעריקע געדאנקען, וואס זענען איצט ביי אים — „ידיה, אוי, ידיה שלחה”... מעגסט דיר זאָגן, ירמיה, וואָס דו ווילסט. דו האָסט זיך רעכט צו זיין אין כעס אויף מיר... „שלחה בכישור”... איך לאָז דיך נישט צו רו... „ידיה שלחה בכישור, וכפיה תמכו”... דו הערסט?.. דו ווייסט נישט, ווי זיך אויפצופירן מיט מענטשן... איך בין דיין טאַטע — בין איך מחויב דיר אויפמערקזאם צו מאכן: איך ווינק צו דיר מיט די אויגן, און דו דערשפירסט נישט... בערל שמאַטניק, חיים היטלמאכער, ישראל דרדקי־מלמד, אלימלך דער מלווה — אַלעמען איין „שלום־עליכם”, מיט קיינעם רעדסטו נישט אויס קיין איבעריק וואָרט... איך פאַרשטיי: דו ווילסט ווייזן אַז דו פארמאָגסט גאוה, אז דו ווייסט

דיין ווערט; אָבער אויך דאָס דארף האבן א שיעור און א מאָס. אלימלכן דארפסטו אָפּגעבן כבוד...

— מ׳זאָגט, אַז „די ניין מאָס רייד האָבן די ווייבער", אָבער די מענער האָבן, לויט מיין מיינונג, מאָסן רייד גאָר אָן אַ צאָל — האָט זיך מיין מאַמע נישט מייאש געווען איבערצורייסן דאס געשפרעך — ירמיה, דאנקען גאָט, פאָרט דאָך נישט אוועק פון אונז איבערמאָרגן, און וועסט נאָך האָבן צייט זיך אָנצורעדן מיט אים צו דער זעט. איך בין הונגעריק, די קינדער זענען הונגעריק און דער גאַסט א ליין איז אויך אוודאי הונגעריק, וואָרום וואָס האט ער דען געגעסן בייטאָג? דאָס טייערע מיטאָג! און דו, שלום געצל, ווי אַ טייך, וואָס שטראָמט אָן אָן אויפהער, — זאָלסט מיר מוחל זיין קיין זאַך געפעלט דיר נישט... נו, נו, זיי נישט אין כעס, איך בעט דיך, גיי און וואש דיך... די קינדער שלאָפן איין...

זי האָט געמאַכט אַ פריילעך פנים און געמאַכט אַ מינע אַ ביסל אַ קאָקעטישע, דער טאטע האָט זיך נישט געעקשנט, אבער דער מאַמעס באַמיאונג איבערצובייטן דעם אינהאַלט פון געשפרעך, צו פאַרווישן דעם שלעכטן איינדרוק, האָט זיך סוף כל סוף נישט איינגעגעבן, די גאַנצע צייט פונם עסן האָט דער טאטע נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם, וועגן וואָס ער האָט אָנגעהויבן. אינדעראמתן, פארוואָס ווארף איך אָפּ אלימלכס בקשה? סוואלט דאָך באמת גוט געווען צו ווייזן אלעמען, וואס איך קען, זאָלן די שונאים זיינע זען און זאָלן זיי פאַרשעמט ווערן.

מיטבאַטייליקטע אין מיין צער און דערשראָקענע, האָבן אלע שטובּיקע אראָפּגעלאָזט די קעפּ און אין שטוב איז געווען אַ טרויער-שטילקייט, בלויז דער גריל אין ווינקל האָט זיך געלאָזט הערן... ענדלעך, ווען דער טאַטע האָט אָנגעהויבן צו באַטאָנען צום צענטן מאָל, אַז באזונדערס דארף מען אָפּגעבן כבוד אלימלך דעם מלווה, האָט געפּלאצט מיין געדולד און איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ מלווה?

די אויגן פון מיין מיטשמועסער האָבן זיך אָנגעפּילט מיט שרעקלעכער פיינטשאַפט צו מיר.

– נאַר דערפאַר ווייל ער איז אַ מלווה!... יאָ!... ווייל ער איז אַן אָנגעזעענער מענטש... ווייל, חכם איינער, ווייל דו דאַרפסט דא קריגן תלמידים און זיין דעה האָט אומעטום צו זאָגן... און ער אליין האָט אויך אַן אייניקל... און מיט זיין דעה רעכנט מען זיך ביי משה שמערלס אין הויז... דו האָסט איבערגעלייענט טויזנט שמאטעס – און די וועלט קענסטו לחלוטין נישט... אָט דאָס הער און פארשטיי...

– אָבער ביזוווען וועסטו נישט אויפהערן צו פאַר־שטערן אונזער שבת, שלום געצל? שעם זיך, סאיז אַ חרפה...

– דו, חכמה, שווייג דו פאַרשטייסט גאָרנישט – דאַרפסטו שווייגן... ניין, זיינע ענטפערס זענען ווי אַ נאָדל אין לייב אריין... „דערפאר ווייל ער איז א מלווה" – איך פארשטיי, וואס דערדאָזיקער זאָג מיינט... ניין, זאָג מיר, כ'בעט דיך, וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו פארמאָגסט געלט ?... וואָלסט עס צעטיילט צווישן די לייט פון דיין קאמפאניע ? אַ ? נו, וואס שווייגסטו ? ביסט אויף מיר אין כעס ?

– דאס איז גלאַט גערעדט... איך וועל קיינמאל נישט פארמאָגן קיין אנגעקליבענע געלטער, כ'זאָל קענען לייען אויף פּראצענט...

– וועסט נישט פערמאָגן ? וואס הייסט ? איך פארשטיי נישט...

– נישטאָ וואס צו פארשטיין.

– נו, און נדן, למשל ?

– וואָס פאר א נדן ?

– וואס הייסט: „וואס פאר א נדן" ? ווילסט דאך נישט אריין אין א מאָנאסטיר... וועסט דאָך, סוף כל סוף, חתונה־האבן... אָדער אפשר ביסטו פון יענע, וואָס ווילן דוקא אָן נדן ?

— נדן! האב איך זיך פלוצים צעלאכט זייער הויך — נדן... כא־כא־כא!..

דער טאטע איז ארויס פון די כלים:

— אָט א נחת!.. לאכט ווי א משוגענער... אוי, אוי, דער קאפ שפאלט זיך מיר... באריםטע סוחרים, באקאנטע דאָקטוירים, גרויסע אדוואָקאטן, גבירים, אדירים, מענטשן,—מ ע נ ט ש ן, נישט קיין קבצנים פוסטאונפאסניקעס אזוי ווי דו — אלע יאָגן זיך נאך נדן... נדן, פארשטייט זיך, לויט זייער מדרגה: טויזנט רובל, צען טויזנט רובל, צוואנציק טויזנט ריבל, פופציק ט יזנט רובל, הונדערט טויזנט רובל! אָבער נדן... און דו,.. און איר.. איר, הונגעריקע בטלנים, איר פילאָזאָפירט... דו לאכסט נאָך... וויי צו דיין לאכן, ירמיה, אז וויי צו דיר און צו דיינע יאָרן!

אז איך האב אויפגעהערט, האט ער אנגעהויבן לאכן פון דער נארישקייט פון דער „וועלט" וואס איז אים מקנא, פון דער קורצזיכטיקייט פון דער נארישער וועלט און פון דעם, וואס זי ווייסט נישט דעם אמת...

— ס'איז נאך א גרויס גליק, וואס די וועלט בכלל איז זיך טועה לעת עתה...

— סוף כל סוף, ווע‏מען איז וויי, וועמען איז ווינד — מיר דער אומגליקליכער מאמע! — האט מיין מוטער געקלאגט א גאַנצע נאכט — אזוי לאנג איז מיין זון נישט געווען אינדערהיים... אזוי לאנג... וזיפיל טרערן האב איך פארגאסן דורך דערדאזיקער צייט... אומגליקעכע מאמע!.. און איצט... איצט, די ערשטע נאכט נאך זיין קומען... די ערשטע נאכט... כ'האב געמיינט...

## כב.

די פעולה פון זיין ראַנגלען זיך מיט מיר די ערשטע
טעג איז געווען, אז זי האט אריינגעגעבן מיין טאטן פארשטאנד
צו ענדערן ביסלעכווייז די „טאקטיק" אין זיין באציאונג צו
מיר און פאַרבייטן דעם שטרענגען כעס מיט אַן איבער קער ליב-
לעכקייט, וואס האט מיר ווי געטאָן. פאַרשטייט זיך, נאכמער
פון זיין שטרענגקייט. דעם עיקר חסרון מיינעם האט ער איינ-
געפונען אין מיין „עקשנות", וועלכע האט זיך ביי מיר אַנט-
וויקלט, ווייל איך האב זיך געפונען אין א שלעכטער געזעל-
שאפט און ווייל איך האָב זיך אריינגעטאָן אין נישט-גוטע
ביכער, אין ביכער, וואס פארדרייען דעם קאָפּ, אָבער „אין
תוך אריין האב איך א יידיש הארץ צו פילן דעם צער פון
מיינע עלטערן, וועלכע פארלאנגען מיין גוטס". דאס זעט ער
בחוש, און דעריבער וועט זיין לייכט מיך אומצוקערן אויפן
גלייכן וועג ארויף דורך ווייכע רייד און דורך סימנים פון
ליבע. אויף אים ליגט בלויז דער חוב מיך צו דערווייטערן אויף
ווי ווייט מעגלעך פון יענעם מין מענטשן און פון יענע בי-
כער. און דעריבער, ביי דעם נייעם קורס, אפילו ווען ער
פלעגט מיך אמאָל דערנידעריקן מיט זיינע רייד, איז עס גע-
וועזן נישט מער ווי בלויז, כדי מיך ווייכער צו מאכן און
מאכן פון מיר א שוואם, וואס נעמט אויף זיין מוסר. בכלל האָט
ער זיך אנגעהויבן אנשטרענגען צו רעדן מיט מיח נישט מיט
קיין טאָן פון א הערשער און באפעלער; נאָר ווי א גוטהאר-
ציקער ראטגעבער, פלעגט ער מיך איינרעדן צו לערנען יעדן
טאָג א שיעור גמרא, נישט צו פארברענגען דערויף די
גאנצע צייט, — חלילה, ער איז נישט ישראל דחדקי-מלמד,

ר׳זאָל דאָס פארלאנגען, נאָר אזוי זיך... עטלעכע שעה אַ טאָג, בלויז כדי איך זאָל נישט פארגעסן דאָס, אויף וואָס איך האָב פארבראכט מיין גאנץ לעבן...

די צווייטע סעודה פון יענעם שבת איז שוין אַ דורך בשלום. ער האָט לאַנג גערעדט מיט פאַרשיידענע מליצות וועגן די „מחשבות זרות", וואָס קומען אים אין קאָפּ אַריין ביי שמונה-עשרה דאוונען. ער זעט אין זיין פאנטאזיע מיין צוקונפט: מיין שווער איז אַ מיוחסדיקער גביר... אלע זענען מקנא מיין גליק... און אויך אים, דעם מלמד, איז גוט צוליב מיר.

דערנאָך, ווען דער טאַטע האָט אויסגעטאָן זיין קאפּאָטע, כדי צו האָבן אַ תענוג פון שבתדיקן שלאָף און די מאמע האָט אָפּגעטרייסלט די ברעקלעך חלה פונם טיש און זי האָט ווידער גענומען לייענען דעם „צאינה וראינה", האָט דער טאטע גע-פרובט צו פארטיפערן זיין געשפרעך און מיך אויסצופרובן מיט כיטרעקייט: וואָס וואָלט איך געזאָגט, למשל, ווען, עס וואָלט זיך געפונען דאָ אין צ., עפּעס אזוינס, וואָס ער זעט אין זיין פאנטאזיע? און וויבאלד ער האָט אָנגעהויבן שאַרן קוילן, האָט ער זיך שוין נישט אָפּגעהאלטן, האָט ער זיך שוין נישט גע-קענט אָפּהאלטן, פון זיין חשק מיך אויסצושטראָפן און ר׳האָט אָנגעהויבן:

— אָבער קוק זיך איין, יהודית, ווי די זאך וואלט אים נאָרנישט געווען נוגע...

אָבער אין דערזעלבער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר און אין שטוב זענען אַריינגעקומען עובדיה און יעקב. די קינדער האָבן זיך תיכף באהאלטן; די מאמע מיט איר „צאינה וראינה" איז אין אַן אויגנבליק נעלם געוואָרן; און ערשט, שפּעטער, ווען די קינדער האָבן זיך אומגעקערט פון זייער באהעלטעניש, כדי אָנצוקוקן די אריינגעקומענע, און אז די מאמע איז שוין אַ ביסל געקומען צו זיך און האט זיך בא-רואיקט, האָט זי אויסגעדריקט פון לעם-אויוון ארויס, איר נייער זיך אָרט, אירע געפילן: אַ דאנק גאָט, אין מיין זכות זעט זי אויך אָן מענטשן. מיין ווערט איז דערהויבן געוואָרן

אין אירע אויגן דורך דעם באזוך פון די חשובע און טייערע געסט, וועלכע זי האָט נישט, דו איר אומגליק, אַ חוץ מיט שבחדיקן טיי, מיט וואָס מכבד צו זיין. מיין פּאָטער האָט זיך אמת באמיט פון זיין זייט ארויסצוווייזן, אז זייער קומען צו אונז האלט ער פאר אָפּגעצאָלט אַ חוב פון זייער זייט און נישט פּאַר עפּעס אַ באזונדערן כבוד; אָבער פונדעסטוועגן איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער און איז צוגעשטאַנען צו אונזער געזעלשאפט, און אגב האָט ער זיך אָן מיר אַ ריר געטאָן און מיר איינגערוימט: „נו, פארוואָס בעסטו נישט זיצן?.. וואָס שווייגסטו״?..

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז מיינע געסט פילן זיך נישט איבעריק גוט, אָבער איך האָב נישט געוויסט, מיט וואָס צו פאריכטן די לאגע. און דאקעגן האב איך געוווסט, אז דער שמועס וועט זיך באלד אָנהויבן מיט דער פראגע, צי זענען פאראן נייעס אין .N, ווארום איך בין דאָך צוריקגעקומען אויסוואנדערנדיק די וועלט; דערנאָך וועט קומען די פראגע: פארוואָס איך בין נישט מספּים אויף אלימלכס פארשלאג? ווידער — וואס פאר א מיינונג האב איך באמת וועגן ציוניזם? און צום סוף — א ביטע, כ׳זאל זיי אויך באזוכן ביי זיי אינדער-היים, פאר דעם גוטס, וואס זיי האָבן מיט מיר געטאָן באַ-זוכנדיק מיך ביי מיר אינדערהיים. און דעריבער האב איך געשמייכלט, און געשמייכלט פון מיין שמייכלען, און איך האב גערעדט, אז אין דער וועלט איז פאראן א „יידן-פראגע״ און דער ציוניזם קומט לעזן דידאזיקע פראגע, אז די ערגסטע און געפערלעכסטע זאך איז דער יאוש און אז די יוגנטלייט, וועלכע שפירן אין זיך א באגער און כח צו ארבעטן לטובת זייער פאלק, דארפן זיך נישט מייאש זיין און זיי זענען מחויב צו ארבעטן אומרערמידלעך, כדי אויסצופילן דעם מאנגל, וואס קומט צוליב די קליינלעכע, פוסטע, פוילע און פארצווייפלטע...

מיין טאטע האט געוואלט נאך מער מיך ציען ביי דע-צונג, אויסשעפן מיין חכמה און אבאווייזן זי פאר דער גאנצ ר

וועלט, און דיראזיקע ראָל זיינע האט ער אויסגעפירט געוויסנהאפטיק: כדי מיר געבן א געלעגנהייט פאר א קלוגער און איבעראשנדיקער תשובה, האָט ער זיך געפרובט באנוצן מיט אלע מיטלען:

— און נאך דעם אלעמען, ירמיה, וואס ענטפערסט דו דערויף?

— וואָס?

— איך פארשטיי נישט... דו זאגסט: אויסצובעסערן אונזער לאגע, אונזער לעבן איז שלעכט, „נארמאל", אדער ווי דו זאגסט עס דארטן. בקיצור, ס'איז אלץ אמת און ריכטיק... אבער ווען קען די זאך קומען צו א סוף?.. ע־ע.. איך וויל וויסן... וואס איז עס דאס אלץ? מירן דאך סוף כל סוף שטארבן... א? מירן דאך שטארבן?..

— נו?

— דאס איז מיין פראגע... איך וויל וויסן...

— וועגן „השארת הנפש"?

— ניין... דו... נו, לאמיר טרינקען טיי..

ווען די געסט זענען אוועקגעגאנגען און מיר זענען געבליבן אליין, איך און ער, איז ער געווען אין ספק: צי ס'פאסט אים אויסצודריקן צופרידנהייט פון די רעיונות, וועלכע כ'האָב ארויסגעזאָגט און פון דער מאָס פון פארשטענדיקייט, וואָס איך האב ארויסגעוויזן, צי אפשר זאל ער זיך באציען דערצו נעגאטיוו, וואָרום סוף כל סוף האָב איך זיך נישט אויסגעצייכנט אין אזא מאָס, ווי ער האָט געהאָפט?

צומלעצט, ווען מיר זענען געגאנגען דאווענען מנחה, האָבן גענומען טריפן, ווי טוי, זיינע רייד:

— אז דו ווילסט, פונדעסטוועגן, קענסטו באווייזן, כא־כא.. א שאד, וואס דו צקשנסט זיך וועגן דער רערע פון דער בימה אראפ... פונדעסטוועגן האף איך, אז ביז איבערא־כטאג שבת וועסטו „ווייכער" ווערן... ניין, זאָגסטו? נו, נו!.. ווי ס'זאל נישט זיין, קענסטו באווייזן... זיי שווייגן די אייזלען! זיי האבן פארשטאנען אלץ, וואס דו האסט גערעדט פונקט ווי

„אַ האן אין בני אדם״, כאַ־כאַ... כאטש דעם אמת מוז איך דיר זאגן, און דו זאלסט מיר מוחל זיין... האסט זיך אביסל נישט אויפגעפירט מיט זיי ווי ס׳געהער צו זיין... זיי זענען, טאקי, נישט ווערט דיין מיסט. אבער פונדעסטוועגן... באלד ווי זיי זענען געקומען... זיי זיצן — און דו שטום, ווי א שטיין... נו, דו וועסט דאך גיין צו יעקבן און וועסט דארטן פאריכטן, ירמיה, כאַ־כאַ... דו וועסט אליין זען, ירמיה, ווי מ׳וועט נאך בטל ווערן פאר דיר, אויב דו וועסט נאר וועלן, ווי זיי וועלן בטל ווערן כעפרא דארעא פאר דיר... ממש כעפרא דארעא... און אויב דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו די היגע מענטשן, וועסטו דא לעבן... ווארום. אינדערהאמתן, וואס זענען זיי דארא דיינע חברים אין .Ń? דאָקטוירים? קאָמיסיאָנערן? דאך נישט... אזוי זיך! בחורים!.. און דיין תכלית וועסטו דא גיכער באַקומען ווי דאָרטן, אויב דו וועסט נאר זיין אַ מענטש... אָט דאָרטן, ביי יעקב׳ן אין הויז, וועסטו טרעפן דעם עלטערן זון, בורסיפס... ער איז אויך געווען אין .Ń... זעסטו, אָט ער וועט דערגרייכן זיין ציל... אָט דאָס איז פיין... ער האָט א פּאַפּיר אויף אלע זיבן קלאַסן... ער וועט געוויס זיין אַ דאָקטאָר... אָט דאָס פאַרשטיי איך... דו האָסט מיר תמיד געשריבן: זעקס קלאַסן וועסטו ענדיקן... אַ קאַזיאָנע ראבינער... איך האָב שטענדיק געוואוסט, כאַ־כאַ, אז סוועט גארנישט זיין דערפון... אַ?... נו, נו, איך פאַרשטיי, אז דאס איז פאר דיר געווען שווער... ווי סזאל נישט זיין, דאַרפסטו פאַר אים נישט בטל ווערן.. ווען דיין טאַטע וואָלט געהאַט דאָס געלט, וואָס זיין טאַטע פאַרמאָגט... דו געפין אויס עפעס אַ בוך, וואס ער האט נישט געליינט און דו האסט עס יאָ געליינט, און ווייז אים פון דאָרטן.. יאָ... וואָס, ירמיה, האב איך דיך געוואָלט פרעגן... וואס איז דאס פאַר אַן אויסטערלישע מאָדע ביי דיר ארויסצוגעבן מינוטנווייז, בעת דו רעדסט, עפעס אַ משונהדיקע זיפצן?...

---

## כג

בין מנחה למעריב, נאך „שלש סעודות", בין איך געזעסן אינדעדהיים. פינסטערקייט־שאָטנס האָבן ארומגעבלאנדזשעט. אין מיין קינדהיים פלעגט מיין מאמע אין דער צייט, איידער זי פלעגט אפזאזן „אתה חוננתנו" און אנצינדן דאָס ליכט, מיך ארויפנעמען אויפן אויוון און פלעגט מיך שטילערהייט צו דריקן צו איר הארץ. ארום איז א שרעקנדיקע טונקלקייט און א וואונדערלעכער טרויער... און זי שעפטשעט מיר שטיל אין די אויערן אריין וועגן פארבאָרגענע צדיקים, וועלכע האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש־השם, וועגן העלדישע קינדער, וועלכע זענען אויסגעשאכטן געוואָרן צוליב זייער אמונה, וועגן צוויי ברידער, איינער א רייכער און איינער אן אָרימער...

— און ס'איז געקומען, זון מיינער, דער ארימער ברודער צו זיין ברודער דעם רייכן און ער האָט געוויינט פאר אים; די פארשטייסט, זון מיינער, ער האָט געבעטן, ר'זאָל איך אויף אים מרחם זיין, „ברודער! ברודער! — האָט ער זיך געבעטן — דריי טעג און דריי נעכט איז קיין עסן נישט געקומען אין מיין מויל אריין; מיינע קינדערלעך מיינע פויגעלעך גייען אויס פון הונגער; דערבאַרם זיך אויף מיר און גיב מיר פאר זייערטוועגן א קליין שטיקל ברויט, איך קען דאָך דיין ברודער; וויאזוי האסטו דאס אין דיר גאר קיין רחמנות נישט?" — און די טרערן זיינע פליסן, פליסן...

„יא, איך דערהרגע מיך טאקי נישט — האָב איך געטראכט ארומגייענדיק אין שטוב אהין און אהער — וויל בעל־ברחי לעב איך... א בלינדער ווילן צום לעבן... נישטא זיך

וואס צו נאַרן... אבער פונדעסטוועגן קען מען נישט לייקענען, אז עס זענען דאָ אויך פאַראַן פאַרבאַרגענע זיידענע פעדים, וועלכע בינדן מיך צו צום לעבן"...

עפעס א משונהדיק ברויזן האָט ארומגעטאַנצט אין מיין האַרץ, וויינען האָב איך געוואָלט, וויינען אויפן לעבן פון דער גאַנצער נאַטור, אויפן חורבן פון מיין וועלט, אויף די אומזיסטע מעשים, וויינען אָן א סוף, אָן א ברעג. מיין מאַמעס דערמאַנונג, אז ס'איז שוין צייט צו דאַווענען מעריב, איז מיר אויסגעקומען פשוט, נאַטירלעך און נייטיק און ווען זי האָט אָנגעהויבן דערנאָך, באַקומענדיק מוט דורך דער צערטלעכ־קייט און ליבלעכקייט, וועלכע מיינע אויגן האָבן אויס־געדריקט, צו שמועסן מיט מיר און מיר דערציילן פאַר־שידענ:ע פרטים פון איר לעבן, כדי אויסצוווייזן, אז סוואָלט נישט געווען קיין עבירה, ווען איך וואָלט זיך דערמאָנט זיי א־נטערצושטיצן — האָב איך בלויז פאַרמאָגט א שטאַרק שולד געפיל, א געפיל פון שולד און שעמען זיך!

— איך ווייס, מיין זון, אז ס'איז דיר שווער דאָס לעבן ביי אונדז אין שטעטל, זאָלסט נישט מיינען, אז איך פאַרשטיי גאָרנישט, אונדזער עסן... אונדזער דירה.. אָבער זיי וויסן, מיין זון, אז מיר האָבן באַשלאָסן, דער טאַטע זאָל דינגען א „חדר" ערגעץ אַנדערש און דיר זאָל ווערן גרינגער, דער טאַטע... מיין נישט, מיין זון אז ער האָט דיך נישט ליב, ווען דו וואָלסט געזען זיין התפעלות דעם ערשטן טאָג פון דיין קומען, וואָלסטו דאַמאָלס אַנדערש געטראַכט. אויפגענומען האָט ער דיך, טאַקי, נישט איבעריק הייס, אָבער דערנאָך ווען מיר זענען אַרויס אין מאַרק אַריין, האָט ער נישט דורכגעלאָזן אפילו קיין איין מענטש, וועמען ער זאָל נישט אָנזאָגן וועגן דיין קומען... און זיין אויפפירונג מיט דיר — איך ווייס, ווי שווער זי איז פאַר דיר, אָבער וואָס זאָל מען טון, מיין זון? אַזאַ נאַטור האָט ער... ער וועט קיינמאָל נישט זאָגן „גוט"... אפילו איך זאָל קויפן די גרעסטע „מציאה", וועט ער נישט זאָגן קיין „דאַנק". — איך לעב דאָך שוין מיט אים מער פון

צוואַנציק יאָר, און דו ווייסט נישט, מיין זון, וויפל כ'האָב זיך אָנגעליטן דורך דערדאָזיקער לאַנגער צייט... איך האָב זיך צוגעוואוינט — און דאַנקן גאָט!.. ער איז דאָך נישט קיין שיכורער ערל, ער זאָל מיך שלאָגן... אַזאַ נאַטור האָט ער... אויב דו ווילסט אויסהערן, ירמיה (איך פאַרגעם דיר דיין צייט מיט מיינע נאַרישקייטן), וועל איך דיר דערציילן, מיין זון, וואָס ביי אונז האָט געטראָפן פאַר עטלעכע חדשים... ניין! וואָס רעד איך? דאָס איז געווען נאָך פסח, פון אָנהייב „זמן"... דו ווייסט אוודאי, אַז דידאָזיקע צייט איז פאַר אונז זייער אַ שווערע, דער פסח עסט אויף די גאַנצע אַרבעט... לוי-מענדל, דער וואָס איז געווען אַ בריווטרעגער, איז אונז נעבליבן שולדיק צען רובל שכר-לימוד פאַר די צוויי יינגלעך, וואָס האָבן געלערנט אין „חדר" ביי שלום געצלען... גאַנצע צען רובל... לוי-מענדל איז שטענדיק געווען אַ גוטער צאָלער, נאָר ווען ער האָט פאַרלוירן זיין שטעלע, איז ער פאַרבליבן אַן אָרימאַן אַן אביון, און האָבן ער האָט דערוואַקסענע טעכ- טער און נישט צען רובל — אפילו קיין צע גראָשן איז ער נישט געווען ביכולת צו באַצאָלן, און דער „צער בעלי היים" איז דאָ געווען זייער גרויס... אָבער וואָס זענען מ י ר שולדיק? מיט וואָס קענען מיר אים העלפן? בלויז דער רבונו של עולם, ער אַליין קען זיך אויף אים מרחם זיין... אַ האַרצווייטיק... צען רובל... מיר האָבן געשריגן... מיר זענען געווען אין כעס, נאָר גיי שריי „שמע ישראל"... די נשמה וועסטו דאָך נישט נעמען פון אים... בקיצור, דער טאַטע האָט זיך שוין געזעצט לערנען מיט זיינע תלמידים (צוויי האָבן אים נאָך צוגעפעלט צו דער נויטיקער צאָל) — און איך לייג זיך אוועק אין בעט אריין..! ק י י ן קרענק איז ביי מיר נישט געווען, נאָר אַזוי... די כוחות זענען מיר אויסגעגאַנגען... כ'האָב קיין כוח נישט אַרומצוגיין... פאַר פסח בין איך „געשטאַנען" אין אַ בעקעריי פון מצות... דערנאָך איז פריידע דיין שוועסטער געווען עפעס נישט געזונט אַרום אַ וואָך צייט — האָבן זיך מיר אויסגעלאָזט די כוחות... בקיצור, מיין זון, איך ליג אויפן

קראַנקנבעט, און אין שטוב – אַ חורבן, קיין שום זאַך איז נישט אויפן געהעריקן אָרט, נישטאָ, ווער ס'זאָל אָנוואַרימען אַ לעפל וואַסער... פריידע איז דאָך נאָך אַ קינד... און זי איז נאָך אויך נישט אינגאַנצן געזונט געוואָרן... דער טאַטע האָט אויפגעהערט צו לערנען מיט זיינע תלמידים, ער שטייט טאָג און נאַכט ביי איין בעט, ער עסט נישט, ער טרינקט נישט... בקיצור, וואָס זאָל איך דיר לאַנג מאריך זיין, מיין זון? דער איינציקער גאָט האָט זיך נאָר געדאַרפט אויף אונז אַרומקוקן... מ'דארף נישט קיין „תשעה באב"!.. וואָלט כאָטש געהאַט געקומען צו מיר אַ דאָקטאָר... אָבער דער רבונו של עולם איז דאָך אַ דערבאַרמדיקער פאָטער... מיט איין האַנט שלאָגט ער און מיט דער אַנדערער היילט ער... אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מיר אָנגעהויבן בעסער ווערן... אַרומגיין האָב איך נאָך, אמת, נישט געקענט, נאָר אַזוי–... ס'איז מיר געוואָרן לייכטער... איך ליג... דער טאַטע איז אין שטוב... און דער אַפעטיט צום עסן האָט זיך ביי מיר דערוועקט, ווי אַלע קראַנקע, וועלכע נעמען געזונט ווערן. אַ שטיקל ברויט איז אפשר יאָ דאָ געווען אין שטוב – כ'געדענק נישט – אָבער פאַר מיר דאַרף מען האָבן אַ זעמל... און קיין צוויי גראָשן איז נישטאָ, וואו צו קריגן!.. זאָג איך דאַן צו בערעלען, אַט צו דיין ברודערל (איך זאָל נאָך אַזוי זוכה זיין צו זען אין אים אַ גוטן יידן!): „לויף אַריבער, מיין זון, צו מאָטל ירוחם דעם קרעמער און בעט ביי אים אַ האַלבן רובל (מאָטל-ירוחמ'ס יינגל האָט נאָך פריער אויך געלערנט ביי אונז אין „חדר" – און דער הוב איז נאָך געווען פונם פריערדיקן „זמן"). אפשר וועט ער געבן... זאָג: די מאַמע קען נישט אויפשטיין... אַ יידיש האַרץ!.. אפשר וועט ער רחמנות האבן"... בקיצור, בערעלע איז אַריבערגעלאָפן און צוריקגעקומען מיט אַזאַ תשובה (כ'זאָל אַזוי זוכה זיין צו רעדן מיט זיין כלה); „מאָטל ירוחם איז נישטאָ אינדערהיים און חיה-דוואָ'יע" זיין ווייב (אַ גוטע ארורה!) האָט געהייסן זאָגן: פאַרוואָס „שכאַי-למוד"? פאַר דעם, וואָס די יינגלעך גייען נישט אין „כיידער"

„אַ אין״? נישטאָ קיין געלט!״ נו, וואס טוט מען?.. ס׳איז נישט
קיין נייעס צו קריגן אַזאַ תשובה. איך שווייג... אויך דער
טאַטע דיינער וואלט אַן אנדערש מאל איינגעגראבן דאס פּנים
אין דער ערד און געשוויגן.. „אַז מען קען נישט אַריבער —
מוז מען אַרונטער״... אבער יענץ מאל — דאס האַרץ ווערט
צעריסן אויך אַן דעם, דאס בלוט קאכט, די צרה איז גרויס —
האט ער זיך תיכף „אנגערופן״: וואס ט׳זי געזאגט? לאזט מיך!
איך וועל אליין אַהינלויפן! איך וועל אַליין בעטן! זי וועט
געבן, דאַכט זיך״! — אַז מיר האבן דערהערט זיין שרייען און
אַז מיר האבן דערזען זיין פּנים און זיין לויפן אַן אַן אוי·
בערשטן בגד, אַן גארנישט — איז אונז דאס האַרץ אפּגע·
שטארבן... דאָס בלוט — ווי אייז... דיין שוועסטער פריידע
האָט זיך אין אים איינגעקלאַמערט מיט אַ יאָמער: „טאַטע!
טאַטע!״ אין אויך איך שריי מיט מיינע לעצטע כּוחות: „שלום
געצל, בלייב אין שטוב, מ׳דאַרף קיין געלט נישט, זאָלסט
אַהין נישט גיין!״ איך קען דאָך אים שטענדיק... בפרט אין
אַזאַ צייט... פון גרויס פיין, איז אַזאַ מענטש, ווי ער, פעאיק
צו מאַכן דאָרט סקאַנדאַלן, צו ברעכן, צו שטעכן... אפילו
צו שלאָגן... בקיצור מיר יאָמערן און בעטן זיך, ער זאָל
בלייבן זיצן אויפן אָרט, און ער רייסט זיך: „ניין! לאָזט מיך!
אויב מיינע תלמידים גייען אַרום ליידיק — וועל
איך זי אויסלערנען!״ און אַ פּנים איז ביי אים
ווי ביי אַ גזלן... בקיצור, וואָס זאָל איך דיר מאַריך
זיין, מיין זון? אַז איך בין נאָך יצנער ווילע געבליבן לעבן, —
בין איך שטאַרקער פון פעלזנשטיין... איך געדענק נישט, ווי
אַזוי איז אויף אים אָנגעקומען די גוטע מינוט... מיט מיינע
לעצטע כּוחות בין איך אַראָפּ פון בעט און האָב זיך געבעטן
ביי אים... ענדלעך איז ער אַוועק פון טיר און איז אַנידער·
געפאַלן אויף דער קאַנאַפּע... און זיין פּנים — אַ שענערס דער·
פון לייגט מען אין קבר אַריין... איך האָב זיך אומגעקערט
אַ גוססע אין בעט אַריין, ממש אַ געשטאָרבענע, ווי ס׳דאַרף
צו זיין... און ער איז געזעסן ביז מנחה און געוויינט איך

האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אזוי וויינענדיק... ממש ווי א קינד... „יתומימלעך קליינע", „יתומימלעך קליינע" — מער האט מען פון זיין מויל נישט געהערט — און ער וויינט!.. וויינט !..

---

# כד.

מיין פאטער האָט איינגעזען א גוטן סימן דערין, וואָס איך האָב אים אונטערגעזיאָגט, ער זאָל פאר מיר קריגן תּלמידים און ער איז גיך אוועק צו עטלעכע „באַלעבאַטים" איבערצו-רעדן מיט זיי מכּוח דעם, אבער בלויז אביגדור דער יורד, דער באַלעבאָס פון מיל, וועלכער האט, לויט זיין אייגענער מיינונג, אַ „חוש אין לשון קודש", האט אנגענומען מיין פאָטערס פאָר-שלאָג מיט פרייד און געענטפערט, אז ער וועט זיך מוסר-נפש זיין אויף פינף רובל יעדן חודש און וועט מיר איבערגעבן זיין בן-ציון. די איבעריקע האָבן דוחה געווען מיט „קומט נאָכאַמאָל" און מיט „מדארף זיך מיישב זיין", און דאס רוב האָבן זיי געענטפערט, אז וואָס עס וועט טאָן אלימלך אָדער משה שמערלס, דאס וועלן זיי אויך טאָן. משה שמערלס איז אינדערהיים נישט געווען, ער איז אַוועקגעפאָרן מכּוח זיינע געשעפטן, און דעריבער איז פארבליבן צו רעדן בלויז מיט אלימלכן.

אלימלך איז געזעסן אנגעלענט, האלב ליגנדיק, אויף דער -ווייכער סאָפע וואס ביי אים אין זאַל, א זאַל איינגעאָרדנט מיט באַלעבאַטישן געשמאַק: א סך פאמיליען-פאָטאָגראפיעס, בילדער פונם „יידישן שיינדל", פון די גוטהארציקע באַראָנען און דעסגלייכן, און אויך איין בילד פון אַן אַלטן רוסישן גע-נעראל, וואס האט אוודאי אליין נישט געוואוסט, וויאזוי איז עס אהער מגולגל געוואָרן. ר' אלימלכס הענט האָבן געהאלטן „זיין המליץ" און זיין מויל האָט מיך אויסגעפארשט: ער האָט געפרעגט, ווי איז די באַציאונג פון די N.-ער יונגעלייט, פון די „נייע" צו יידישקייט און ענלעכע פראגן, כּדי ער זאל פארשטיין פון מיינע תּשובות. ווי האַלט עס מיט מיר אין די

ענינים פון רעליגיע און גלויבן. אלס א הקדמה האט ע מודיע געווען, אַז ער איז נישט ר׳ צדוק דער אייניקל און אז ער איז כמעט אויף זייער זייט, אויף דער זייט פון די יונגע, ער פארשטייט זייער גייסט און זייערע מיינונגען...

— געוויס! געוויס, ר׳ אלימלך — איז מיין טאטע גע־שטאנען אויף דער וואך — און דעריבער... זון בכן... ע—ע... האָב איך גערעכנט... היות, ווי איר זייט דאָך נישט אַבי־ווער... היות ווי איר האַלט מיט די יונגע... האבן איך גערעכנט... וועגן אייער אייניקל... ירמיה...

— „אל תרגזו״ נישט געאיילט!... דאָס שטייט אין דער תורה, שלום געצל!.. נישט געכאַפּט!.. „פּחז כמים אל תותר״— פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס... וועגן מיין אייניקל — איז נאך צייט, דער טאָג איז נאָך גרויס, ס׳איז נאָך נישט צייט צוזאמענטרייבן די שאָף, כא־כא־כא... און די פראגע פון חינוך, דארפסטו וויסן, שלום געצל, איז א גרויסע און חשובע פראַגע... וויפל טינט איז פארגאָסן געוואָרן, וויפל פעדערס זענען צעבראָכן געוואָרן... אוי, אוי, א וועלט... כ׳האָב פארגעסן דעם נאָמען פון יענעם מאמר... א „המשך״ אין ניין נומערן... א ר ז כע, כע, ער איז טאַקי אויך געווען, כידוע, אַ גרויסער צדיק, זיין זכות זאָל א י ם ביישטיין... אָבער זיין „לשון״ — אָט דאָס איז געווען א לשון, אי, איז דאָס געווען א לשון!.. כ׳האָב פארגעסן דעם נאמען פון יענעם מאמר... אַ שאָד...

— אפשר געדענקסט דו, ירמיה? — האָט מיין פאָטער געפּרובט זיין מזל...

— נו... — האָט אלימלך א וואָרף געטאן א קוק, וואס זאָגט: „איך ווייס נישט, וועט ער וויסן!״... און ער האָט זיך צעלאכט מיט אַ גרויסמוטיק געלעכטער — ס׳מאכט נישט אויס... צו דען וועד עס וו יס נישט דאָס, איז קיין גרויסער מענטש נישט?! אגב אורחא, וועגן דיין יונגערמאן, וועגן דעם זון דיי־נעם, שלום געצל, — איז... א ביסל ליב מעג מען דאך זאָגן אַ מענטשן אין די אויגן אריין... ע... קינדוויז איז ער אוודאי

גוט געווען, ווי איך געדענק... און איצטער?.. איצט, שלום געצל, זאג איך גאָרנישט, ווייל איך ווייס נאָך נישט... אָט זיינע חברים אין .N...

— הס ושלום, ר' אלימלך? — האט זיך מיין טאטע דער־שראָקן — ירמיה האט נישט געזאָגט, חלילה, אַז זיי זענען גע־ווען זיינע חברים... ירמיה, ברוך השם... אמת, ע־ע... איך בין פסול לעדות... קען זיין, אז א טאַטנס אויגן זענען פאַר־בלענדט... אָבער דעם אמת דערקענט מען דאָך... ער היט אָפּ יעדע קלייניקייט...

— רייס מיך נישט איבער שלום געצל! — האָט אויס־גערופן ר' אלימלך מיט אַ צווייפלהאַפטער רואיקייט, נאָכדעם ווי ער האט זיך שטאַרק איינגעהערט די גאנצע צייט וואָס מיין טאטע האט גערעדט, טאָמער וועט ער פון זיינע רייד אַרויסלערנען וואס ער דאַרף וויסן — איך זאג דאָך, אז איך קען אים נאך נישט גוט, דער מלבי"ם, זכרונו לברכה, איז א וודאי געווען אַן אמת'ער משכיל...

— אַ משכיל, א גאָטפאָרכטיקער — האט דער טאטע צו־געהאלפן.

— אַן אמת'ער משכיל — האט אלימלך פאָרטגעזעצט, ווי ס'וואלט פאר אים געווען א חרפה אויסצוהערן שלום געצלס באמערקונגען — און ער זאגט אויפן פסוק: „רק אין יראת אלהים במקום הזה — והרגוני ע"ד אשתי", אז די כוונה דערפון איז אָט וואָס: כאָטש די מענטשן פון גרר זענען געווען גרוי־סע משכילים אין געלערנטקייט, כידוע, אָבער פונדעסטוועגן, אויב ס'איז נ י ש ט אָ קיין יראת־אלהים, קיין גאָטפאָרכטיקייט — והרגוני! קענען זיי מיך הרגענען... כא־כא־כא... פאַר־שטייסט, שלום געצל, וואס איך מיין דערמיט?..

— אַי־אַי, גאונישע ווערטער! — האט זיך מיין טאַטע געקאָכט און אין די אויגן איז אים פינצטער געוואָרן—האָסט געהערט ירמיה, האָסט געהערט? דער מלבי"ם... א וודאי... ירמיה, ברוך השם, איז

קלאָר אין גאַנץ תנ״ך מיטן מלבים׳ס פירוש... אויך זיינע תלמידים לערנט ער לויטן דאזיקן סדר... היינט בעט איך אים ער זאָל מיר געבן צו פאַרשטיין אין דער „הפטורה״...

— דער קעמפּענער!.. — איז נמאס געווארן אלימלכן אויסצוהערן וואס אנדערע רעדן — דער קעמפּענער... אָט דאס איז שלעכט, וואָס נישט אַלע פאַרשטייען די מתיקות. דאס איז געווען אַן אמתער משכיל, אַ טיפער חוקר! איך שלינג דארשטיק זיינע רייד. זיין פירוש אויף איוב — דאָס איז דאָך גאונות, ממש גאונות!.. ניין, ירמיה, ביסט נאָך יונג, דעריבער האַלטסטו, אַז מ׳דאַרף זיך פירן לויט דער אינערלעכער אמונה... און וואָס איז אָט די דאָזיקע אינערלעכע אמונה — דאָס אַרט דיך נישט.. איך פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי, כא־כא... ס׳איז מיר אויך נישט אומבאַקאַנט די דאָזיקע שיטה... קולטורע־צרה צרורה, כאַ־כאַ־כאַ... און בכלל, ווייסטו? מעגלעך, אַז איך בין נאָך אַ גרעסערער אפּיקורס פון דיר, באַזונדערס אַמאָל בחורווייז... דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, ווי אַזוי האָט דער שייגעץ יעקב־חיים געפאַנגען די הערצער? כאַ־כאַ־כאַ, אבער מיין מיינונג איז אַן אַנדערע מכּוח דעם. לויט מיין מיינונג איז דער עיקר, די רעליגיע, דער עיקר! ווארום לאמיר אַ קוק טאָן, וואס האט געגעבן כּוח אונזער פאלק צו עקזיסטירן ביזן היינטיקן טאג? אַ פאלק אַ דערשלאגנס און אַ ליידנדיקס... ווו זענען איצט די מעכטיקע מלוכות עמון ומואב, אשור און בבל? אַ? און נאך עפּעס זאג איך: לויט מיין מיינונג איז אַ הפקר־יונג בעסער פון אַן אפּיקורס... דו פארשטייסט, שלום געצל? אויפן הפקר־יונג קען מען האפן, אז ער וועט עלטער ווערן און דאס בלוט וועט זיך ביי אים אפּקילן וועט ער צוריק ווערן אַן ערלעכער ייד.. אבער דער נישט־גלויביקער — ע־ע־ע... אַזאַ מענטש האט שוין קיין האפענונג נישט... ער איז אַ פארפאלענער אויף אייביק, רשעים טוען נישט קיין תשובה אפילו ביי דער טיר פון גיהנם... דו, ירמיה, האסט דאך אודאי געהערט וואס די חברה דערציילט וועגן צווייפעלן, אַ?

און נישט לייגנדיק קיין אכט אויפן פאריבל־האבן פון

וויין ווייב  אָן די צײַן אַלעמאַי ער גייט נישט עסן, האָט ער פאַר אונז אויסגעלאַדנט זיין גאַנצן אוצר, ער האָט דערציילט וועגן זיינע קאַמפן מיט די לייט פינם אַלטן דור און ר׳האָט געמאָלט לעבעדיקע בילדער פון „בערל מיכאַילישקער״ און פון צווייפעלן. דער ערשטער, ווען ער האָט שוין געגוסט און און זיינע שטאָט-לייט האָבן זיך צונויפגעזאַמלט צו אים אין צימער, ווי ס׳פירט זיך (יידן זענען דאָך פאָרט יידן!), האָט ער פּלוצים אַ פרעג געטאָן: צי זעען די צוזאַמענגעקומענע עפּעס? — אַלע קוקן זיך אום אין די זייטן — גאָרנישט דאָ... יאָגט ער זיי אונטער אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל זיי זאָלן זיך גוט איינקוקן, אפשר וועלן זיי עפּעס דערזען? אָבער אַלע זאָגן אין איין קול: „ניין, ר׳בער, מיר זעען גאָרנישט״. — אַלע זענען פאַרוווּנדערטע. צומלעצט פרעגט ער זיי נאָכאַמאָל מיט גרויס תמימות: „און בכן זעט איר גאָרנישט?״ — „ניין, ר׳ בער, ניין!״ — „באמת?״ — „באמת!״ — „טאָ בכן זייט וויסן, מיינע ברידער און פריינט: איר זעט נישט — און איך זע אויך נישט... כאַ־כאַ־כאַ״... דו פאַרשטייסט, שלום געצל, ביז וואַנען דער כּוח פון אפּיקורסות דערגרייכט! ער גוסט — און אין זיבען האָט ער נאָר צו לייקענען אין דעם, וואָס די חז״ל זאָגן, אַז דער קראַנקער זעט פאַרן טויט דעם מלאך-המות... כאַ-כאַ-כאַ. און צווייפעל? כשמו כן הוא, זיין נאָמען איז אים צוגעפּאַסט! אַז מ׳האָט געוועקט פאַרן טויט, ער זאָל זיך מתוודה זיין — האָט ער געענטפערט: „אויב ס׳איז פאַראַן אַ גאָט אין הימל — וועט ער מיר מוחל זיין״.

— אָבער, אלימלך... — האָט זיך געקלאָגט די פּלוניתטע — בערל שמאַטניק וואַרט שוין אויף דיר ווי לאַנג... ער האָט געבראַכט...

— ס׳מאַכט נישט אויס... „ויתן לך״ האָט ער שוין אוודאי נעזאָגט, און מלוה־מלכּה זיין וועט ער נישט פאַרשפּעטיקן. כאַ·כאַ, — האָט זיך אלימלך געוויצלט...

און ער איז אויפגעשטאַנען.

— ר׳ אלימלך... ר׳אלימלך... — האָט זיך געלאָזט הערן

אין עטלעכע מינוט ארום די שטימע פונם ברענגער — ווי איך בין א ייד... שווער... ס'איז זייער שווער אָן א פערד... איר דארפט רחמנות האָבן..

— איך קען נישט, בערל, כ'קען נישט... דו מאכסט פון מיר א תל... איך נויטיק זיך אויך אין רחמנות... איך בין נישט ר' צדוק דער אייניקל... איך קען נישט...

— זיי מיר מוחל, ירמיה — האט דער טאטע מיט מיר גערעדט, ווען מיר זענען אהיימגעגאנגען -- איך וויל דיך עפעס פרעגן, און דו זאָלסט מיר מוחל זיין. איך ווייס טאקי אַז איך בין זיכער נישט ווערט דיין „שיחת חולין", פונדעסטוועגן קומט ביי מיר אויס... איך בין עלטער פון דיר, פונדעסט־וועגן... איך פרעג דיך: דו האסט זיך דאך אָנגעלייענט גענוג קלוגע ביכער, טאָ פארוואָסזשע — זיי מיר מוחל; אז דו ווילסט נישט, וועל איך מער נישט רעדן — פארוואסזשע זעט עס אויס, ווי דו וואָלסט נישט געקענט רעדן מיט קיין מענטש? אלימלך רעדט — און דו שמייכלסט. דעם „מאמר" וואס ער האט דער־מאָנט — דאָס האסטו דווקא נישט געוואוסט, ווי אויף צו להכעיס.. און אין דעראמתן, פארוואס קענסטו אים נישט צו זאגן, אז דו וועסט לערנען דיינע תלמידים תנ"ך מיטן מלבי"ם? דו קענסט נישט?.. און וויאזוי האלטסטו עס מיט צווייפעלן, אַז ער איז נישט געווען קיין כופר־בעיקר?.. יאָ... אָט דאָס איז דאך עס, וואס איך זאָג... אלימלך פרעגט וועגן די „N־ער אפיקורסים — א קלוגער ענטפערט: „כדי זיי צו קענען, מוז מען זיך דאך חברן מיט זיי"... אט דאס וואלט געווען אן ענטפער...

— ירמיה! פייערמאן! — האט א קול פון הינטער אונז אי־בערגעהאקט מיין טאטנס מאנאלאג.

דאס איז געווען יעקב עובדמאנס קול, וואס האט אונז אנגעיאגט בעת מיר זענען געגאנגען פון אלימלכן (משה שמערלס הויז איז אין שכנות און בלויז א שמאלער דורכגאנג טיילט פאנאנדער דאס הויז און אלימלכס דירה) און ער האט מיר געבעטן, איך זאל ארייז צו אים. אלע מיינע תירוצים

האט ער אפגעוואָרפן און האט מיך שטאַרק געבעטן און האט
מיך אויך אויסגערעדט אַלעמאַי איך בין נישט דאַנקבאַר: ער
איז געווען ביי מיר אינדערהיים, און איך וויל נישט אַריינגיין
צו אים. און פאַר וועמען האָב איך מוֹרא? זיין טאַטע איז
איצט אין וועג, און בכלל איז איצט קיינער נישטאָ ביי זיי
אין שטוב אחוץ אים און זיין שוועסטער, און די לאַנגווייּ
ליק׳יט איז גרויס.

— אינדעראמתן, ירמיה, אויב דו פוילסט זיך נישט, גיי—
האט אים מיין טאַטע אונטערגעהאָלפן.

משה שמערלס אַליין האָב איך געקענט ווייניק, אַזוי פיל,
וויפל איך האָב געקענט אַלע צ.־ער איינוואוינער — ער האָט
זיך אין תּוך אינטערגעשיידט פונם טיפּ פון יידישן „באַלעבאָס“,
וועלכער איז אַ צערטלעכער און אַ שוואַכער בטבע און וועלכער
איז אַביסל נוֹטה צו אידעאַלישקייט און צו אהבת התורה. משה
שמערלס איז געווען אַ כאַראַקטער אַ שווייגנדיקער, אַ קאַרגער,
אַ בייזער, אַ דעספּאָטישער. „אַ שטיל וואַסער, וואָס גראָבט טיף“—
אַזוי האָבן אים אָפּגעשילדערט די שטאָט־מענטשן. די אויגן
זיינע האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטערן שטערן אַרויס, אויגן
פאַרדאַכטלעכע און אַריינדרינגענדיקע אין די געהיימניסן פון
יעדער זאַך. און זאַכן, וואָס האָבן צו טאָן מיט פרומקייט —
תּהלים, „חוק לישראל“, דאַווענען מיט מנין ווען ס׳זענען נישטאָ
קיין קוֹנים אין קראָם — איז ער געווען זייער אָפּגעהיטן.
אויך די פּאות זיינע זענען געווען כמעט לאַנגע, נאָר ווען
ער פלעגט קומען צו „פּריצים“, פלעגט ער זיי פאַרשאַרן
אַ הינטער די אויערן. אין די שידוכים פאַר זיינע עלטערע
טעכטער און אין אַלע פראַגן פון פּראַקטישן לעבן איז ער תּמיד
באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע. אין האַרצן און אין די רייד
זיינע איז געווען אַ פוּלשטענדיקע פאַראַכטונג פאַר דער „העבּ־
רעאישקייט“: אַז אַ יונגערמאַן לייענט אַ רוסיש בוּך, — איז
דערין נישטאָ קיין שום בייז, וואָרום מ׳דאַרף דאָך וויסן ווי
צו רעדן מיט אַ „פּריץ“; אָבער די אַלע ביכער אויף לשון־קודש—
דאָס איז נישט מער ווי בלויז אַ צייט־פּטרונג. פייגען, זיין

ווייב, האָט ער ליב געהאַט, אָבער זי — אַזוי האָבן אַלע עדות־געזאָגט, — פֿלעגט קראַנק ווערן פֿון איין קוק פֿון זיינע אויגן. זי איז — אַ נאַרישע יידענע, אַ פּחדנטע, מיט אַ דריי־פּאַכיקן גוידער. וואָס נאָך? — מער גאָרנישט.

יעקב האָט נאָרנישט געזאָגט קיין ליגן. זיין שוועסטער איז געזעסן איינע אַליין אין עס־צימער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקל־בלוי קלייד און ביים שיין פֿון לאָמפּ איז זי געווען דער סימבאָל פֿון לעבן, פֿון פּראַקטקייט און פֿון שיינקייט. זי האָט געבלעטערט עפּעס אַ אילוסטרירטן וואָכנזשורנאַל. מיינע הארצנסטרונעס האָבן אויפגעציטערס פֿון דער פֿאָעטישקייט און אינגאַנצן בין איך געווען ווי אַ צעטומלטער. איר פּנים האָט אויסגעדריקט גיכער אַ געפֿיל פֿון וואַרטן איידער פֿון לאַנגווייליקייט, און איך האָב געוואוסט, אויף וועמען זי וואַרט.

זי האָט נאָר אַ קליינעם אַנטייל גענומען אין דעם אָפּגעהאַקטן געשפּרעך, וועלכער האָט זיך געצויגן צווישן מיר און יעקבן. די טעמעס פֿון אונזער געשפּרעך זענען געווען די סכסוכים, וועלכע קומען פֿאָר צווישן זיי און זייערע עלטערן, מענטשן פֿונם אַלטן דור. און איינע פֿון די סיבות פֿאַר די דאָויקע סכסוכים איז געווען די שטרעבונג פֿון ראַכיל מאָסעיעוונאַ אַרויסצופֿאָרן קיין אויסלאַנד. די דאָזיקע ידיעה איז פֿאַר מיר געווען אַ נייעס.

ווען זייער מוטער איז געקומען בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו עסן צוזאַמען מיט זיי אָוונטברויט.

— אַך, יעקב, דו בעטסט דעם הער פֿייערמאַן מיטצועסן מיט אונז און צו האָסטו פֿאַרגעסן די סיבה פֿון זיין אָפּזאָג: ער איז דאָך אַ וועגעטעריאַנער...

— טאַקי? אינדעראמתן, ירמיה? און וואָס זאָגן דיינע עלטערן צו דעמדאָזיקן שגעון?

— אָבער ווער האָט דיר געזאָגט, אַז...

— ניין? אַך, יאָ, יאָ... כאַ־כאַ־כאַ... כ'האָב פֿאַרביטן די

יצרות... דאָס האָט מיר אלעקסאנדער דערציילט וועגן עמיצן אנדערש אין N... עפּעס א חיימ... ח... חיימזאָן...

— חיימאָוויטש.

— יאָ, יאָ, חיימאָוויטש. א ביסל א משונהדיקער מענטש, נישט אמת?

— א משונהדיקער? אבסאלוט נישט! אמת, ער איז משונה־דיק און אנדערש ווי דער הער בורסיף, וועלכער רעדט וועגן אים. דעמדאָזיקן חיימאָוויטש קען איך זייער גוט. ער איז מיין פריינט, אזוי ווי אַ ברודער איז ער צו מיר. דאָס איז א ליכטיקע און ריינע נשמה. דאָס הייסט ... יאָ... א אידעאליסט אין פיינסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, א מענטש פון ...

— און בורסיף?..

— בורסיף?

— א שרעקלעכער פּעסימיסט? א „דעמאָן"? — האט זי געשמייכלט.

— א דעמאָן? בורסיף?.. אייגנטלעך, איך קען אים בלויז פונדערווייטנס, א ביסל נאָר ... איך האָב זיך מיט אים באקענט בלויז א קורצע צייט, באלד נאָכדעם, ווי איך בין ארויס פון דער ישיבה, יאָ...

— און ער זאָגט דאָך, אז ער איז געווען דיין לערער?

— ער איז געווען מיין לערער?.. כ'האָב בכלל נישט געהאט קיין לערער ... און דעריבער בין איך אינדעראמתן פאר־בליבן א גראָבער יונג...

איך האָב געשמייכלט ווי א שוטה, זייענדיק גרייט זיך אליין צו צערייסן ווי אַ הערינג צוליבן קלאנג פון מיין שטימע און צוליב מיינע פולשטענדיק אומנויטיקע רייד, און מיין מיטשמועסערן האט אויפגעהייטערט איר שטימע:

— יעקב, דו ביסט זיך מן הסתם טועה. אלעקסאנדער האָט זיכער בלויז געזאָגט, אז ער האט געזוכט אַ לערער פאר הער פייערמאַן...

— אויך דאָס... — האָב איך זיך פארשעמט און האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן — אויך דאס... איז קיינמאָל נישט

געוועז... אָבער דאס האט נישט קיין שייכות... ס׳איז נישט וויכטיק... יאָ...

דערנאָך האָט אָנגעהויבן הערשן אַ שטילשווייגעניש, וועלכע האט געדויערט ביז איך בין פון דארטן אוועקגעגאנגען און אז איך האָב מיך פארענטפערט אלעמאי איך אייל זיך גיין אהיים און כ׳האָב געזאָגט: „איך קען שוין מער נישט פארזאמען״ — האָב איך נישט געזאָגט קיין ליגן. אמת, איך וואָלט באשטאנען אָפּצוגעבן אלץ וואס איך פארמאָג, כדי דאָרטן צו בלייבן זיצן, ווען אַ געוויסע זאַך וואלט זיך געפונען אין אַן אנדערע לאגע. אָבער אין די זאַך איז געוועזן אזוי ווי זי איז; האָט זי אין מיר דערוועקט אַ שטארקן באגער זיך צו באהאלטן אין דער פינטערנישט פונם דרויסן...

— הער אויף, ירמיה, מיט דיינע נארישקייטן. צען אזייגער שוין שפעט!

— איך דארף נאָך שרייבן בריוו היינט איינאָוונט... — האָב איך ארויסגעשטאמלט...

איך בין ארויסגעגאנגען און ח־טה־געהאַט, וואָס אנטלויף איך עפּעס? וואס פון מיין אויפפירונג דע־וועקט אין מיר אזעלכע שארפע פייניקונגען? „איך בין באמת געבליבן אַ גראָ־בער יונג״... אבער וואס איז דא אזוינס, אויב איך האָב שוין ארויסגעזאָגט עטלעכע נארישע פראזן? בכלל, וואס איז די טראגעדיע, וואס איך וויל מיר אליין שאפן? אט דאָס איז אַ ישיבה־בחור! איך בין פרעמד יעדן מיידל און נישט מער. דאס איז נויטיק בלויז צו וויסן, נישטא וואס צו לאכן דער־פון און נישטא וואָס צו וויינען דערויף, מעגלעך, אז זי איז באזונדערס ווייט פון מיר ווייל זי אַ מער סימפאטישערע, יעדנפאלס דארף מען עס גובר זיין כדי נישט צו שפילן די ראָל פון אַ קאָמישן העלד. נארישע געפילן האָבן אויפגע־שפראצט אין מיר פון איבערטריבענעם לייענען ראָמאַנען!..

ווען איך בין שוין געווען נאענט צו דער היים, האָב איך זיך אומגעקערט און בין צוגעגאַנגען צום פענסטער, פון וועלכן איך האב זי געזען איינגאנצן. אין איר גאנצער געשטאלט, זי

איז געווען אָנגעשפּאַרט אויפן טיש מיט אַ מין מידקייט, נאָר אַלץ אין איר האָט זיך ווי געפּרייט, ווי ס׳וואָלט זיך באַוועגט, דאָס בלוט פון איר פּנים האָט געשטראָמט ווי דאָס שימערן פון פּערל. מיינע האַרצקלאַפּעניש זענען געווען ווי האַמער-זעצן. קיין געדאַנק האָב איך נישט געהאַט. אַ ציטערנדיקער, און גלייכצייטיק אָן אַ סימן פון לעבן, בין איך געשטאַנען אויף מיין אָרט. נאָר אין די אויגן פון מיין גייסט האָב איך אויסגעזען, ווי איינער גייט אויפן עשאַפאָט. אַ פרייער מענטש! אַ געבונדענער אין קייטן... קען זיך נישט אַ ריר טאָן... אמת, קיין שום רעזולטאַטן וועלן פון דעם אַלעמען נישט אַרויסקומען, קיינע סימפּאַטיעס, קיינע פּאַראַטן... קיין צווייטער אַקט וועט נישט זיין אין דערדאָזיקער לעכערלעכער פראַגע... אָבער נישט צוליב מיר... איך בין פאַרקנעכטעט געוואָרן, מבוטל געוואָרן... זי האָט געקענט טאָן מיט מיר אַלץ וואָס זי וויל... אינדעראמת׳ן?
יאָ, יאָ, יאָ... זי קען, זי קען!..

טריט האָבן זיך גענומען הערן אין גאַס...

ער..

געפילן פון פאַראַכטונג צו מיר זענען געווען אין מיר אָן אַ גרענעץ אין יענעם מאָמענט, ווען איך בין גיך אַוועק פון פענסטער. אַ ווען פול מיט בושה, קנאה, שטות, פּחדנות און גראָבקייט!

ווען איך בין אַהיימגעקומען זענען שוין אַלע געשלאָפן. אויך דער טאַטע איז געלעגן, נאָר ער איז געווען וואַכעדיק...

— נו, ירמיה, ביסט דאָרטן געזעסן? קיינער איז נישט געווען? בורסיף איז אויך נישט געווען? און ווי געפעלט דיר יעקב׳ס שוועסטער? אַ, אַ שיין מיידל? אַ „שררית׳טע?.. עי, ירמיה, הע!..

„ער איז עקעלהאַפט. און אַ זון געראָט אַריין אין טאָטן"...

צוויי אַזייגער נאָך האַלבע נאַכט האָב איך געשריבן אַ בריוו צו חיימאָוויטשן:

„וואָס זיך איך דאָ? איך בין ווערט, מע זאָל מיך אויפ־הענגען. וויאַזוי פאַרברענג איך אין דערדאָזיקער שטאָט מער פון איין טאָג, פאַרוואָס לייז איך מיך נישט אויס פון מיינע ליידן? וואָס איז דאָס געוואָרן מיט מיר?

און נאָך אַ סך פראַגע־צייכנס, געשרייען, געוואָלדן, פינטעלעך און פאַסיקלעך זענען דאָרט געוועזן...

# כה.

נאָך דידאָזיקע פארלויפעניש זענען ביי מיר דורכגעגאנגען עטלעכע טעג אין סתם לעבן, אין א לעבן ענלעך צום לעבן פון געוויקסן. יעדן אָוונט פלעג איך אריינקומען צו משה שמערלס אין הויז, אָפט פלעג איך אריינקומען אין דעמדאָזיקן הויז אויך מיטאָג-צייט. אָבער אלע פראגן, אלע מחשבות האָבן מיך עפעס ווי פארלאָזט. די מלאכה פון אנאליזירן און גריבלען זיך האָב איך עפעס ווי פארגעסן. אויך מיין טרויער איז געוואָרן א ווייכער, א שוועבנדיקער, א מין צארטער אומעט. אין מיר האָט זיך געשפירט יענער מין רואיקייט פון באלאגערטע שטעט איידער זיי פאלן אריין אין די הענט פון שונא, וועלכע באלאגערט זיי.

אינדערפרי גיי איך ארויס פון מיין היים. אויפן וועג באגעגנט מיך עובדיה, וועלכער גייט דאַוונען אין אלטן בית-מדרש אריין און ער שלעפט מיך מיט מיט זיך, מחמת ער האָט א סך זאכן מיט מיר איבערצורעדן. איך שטעל מיך נישט אנטקעגן זיין בקשה און איך גיי אריין. דאָרטן איז איצט דער לעצטער מנין: עס דאַוונען די שפעט-אוועקגייענדיקע: די כלי-קודש, די „היטער פון שטאָט“, דער רב, דער דיין, ביידע שוחטים, קאָצין, ר׳ צדוק דער אייניקל. דער חזן ביי אָט דעם מנין איז תמיד יאָסל דער מושלם. יעקב איז אויך דאָ, ער דרייט זיך ארום פון וואנט צו וואנט מיט א לויכטנדיק פנים, מיט א גרויסער אינערלעכער אויפרעגונג; די הענט זענען ביי אים אין די הויזן-טאַשן און זיי האַלטן דאָרט עפעס א זאך מיט גרויס הנאה, און ווי נאָר ער דערזעט אונז אריינקומענדיק, לויפט ער צו אונז באלד צו ווי א פייל פון בויגן, מיט איין שפרונג.

— איר ווייסט דען נאך גאָרנישט?

— וואָס ?

צי ווייסט איר דען באמת גאָרנישט? ניין, ירמיה שמייכלט... ס'א ליגן, איר מאכט זיך... ניין? ס'איז אוממעגלעך, איר זאָלט נישט וויסן... איר ווייסט, הא!..

— וואָס? וואָס?

— צי דען ווייסט איר טויקי נישט? — טאָ הערט-זשע: היינט אינדערפרי, ווען איך בין געגאנגען עפענען דאָס געוועלב... איך האָב שוין נישט געוואוסט וואָס צו קלערן און וואָס צו טאָן... צוויי חדשים!.. און איך האָב שוין גערעכנט אוועקשיקן אים א בריוו און אויסגיסן דאָרט מיין גאנצן צאָרן: ביז ווען?! ענטפער, לכל הפחות, מיט אַ קארטל — נישט אמת? אָבער איך האָב זיך מיישב געווען און בארעכנט: אפשר איז זי נישט אנגעקומען... כאָטש איך האב געשיקט אין א פארזיכערטן בריוו... און היינט ווי איך גיי אזוי — ערשט דער בריוועטרעגער קומט מיר אָן אנקעגן, אין הארצן האט זיך מיר ווי עפּעס אָפּגעריסן... טאמער? איך רייס אויף דעם קאָנווערט — יאָ! יעקב בן משה עובדמאן פון צ.! כא-כא-כא...

— וואס? — האט אויפגעציטערט עובדיה — די קאָרעספאנדענץ? און מיינע?..

— די קארעספאנדענץ, מיין טייערער, די קארעספאנדענץ... אויב דו גלויבסט נישט, טא נעם און לייען...

די ציי‍טונג ווערט ארויסגענומען מיט דער נויטיקער צערעמאניע פאר אזא באדייטנדיק געשעעניש. באלד זאמלען זיך צונויף ארום אונז דאס רוב מתפללים, באזונדערס די יונגע לייטלעך, וואס זיצן אויף קעסט... ר' צדוק דער אייניקל כעסט זיך אויפן „יאריד”, וואס מען מאכט אין „מקום קדוש”, אבער אין די ערשטע מינוטן הערט אים קיינער נישט. דערנאך הויבן אויך אנדערע אן זיך צו קלאגן: ווי מיאוס עס איז אזא זאך! הויכע שמונה-עשרה... קדושה... דעם רבס זון... ווײַ-ווײַ... דעמאלט כאפט זיך יעקב אויף פון זיין גליקלעכער וועלט, ער שפרינגט אויף און גרייט זיך גיין צו זיין פעטער אין הויז.

ר׳ צבי גלותזאנס מיטלסטע טאכטער, די צאַרטע און שוואַכע, איז אַ שטיקל ציוניסטקע און זי קען אויך אַרויסזאָגן עטלעכע קורצע זאַצן אויף העברעאיש, ווי „מה טוב ומה נעים״...

— נו, עובדיה, ירמיה, לאָמיר גיין ירמיה, קום דו אויך צוזאַמען מיט אונז וועסטו אונז זיין אַן אַרויסהעלפער. איך האָף, אַז ווען גד וועט דערזען געדרוקטע ווערטער, וועט ער זיך באַציִען צו דער זאַך גאָר אַנדערש. ער פֿאַרמאָגט גוטע ביכער, וועלכע ווערן ביי אים אין שטוב פֿאַרשימלט אומזיסט און אומנישט. ביז איצט האָט ער נישט געוואָלט געבן. אויך די שוועסטער מיינע, דאַכט מיר, אַז זי איז איצט דאָרטן און די מאַמע האָט מיך געבעטן איר עפּעס איבערגעבן...

און זאַלבעדריט גייען מיר צו יעקבס פֿעטער אין הויז אַריין.

אין אַ זאַל פֿול מיט בלאָטע און שמוץ און מיט קישנס און פֿערנעס, וואָס וואַלגערן זיך אויף דער פּאָדלאָגע, דרייט זיך אַרום אַהין און אַהער אַ קליין באַשעפֿענישל, איינגעבונדן אין רצועות פֿון תּפֿילין — דאָס איז גד, ר׳ צביס זון איינער פֿון יענע באַלעבאַטישע בחורים, וועלכע לערנען אין חדרים ביז אַ יאָר זיבעצן, און דערנאָך פֿאַרברענגען זיי זייער צייט אין פֿאַרשיידענע קלויזן אַלס „פֿאַר־זיך־לערנער״ און פּרוּוון אויך לערנען ביי לערערס שפּראַכן און קענטעענישן און שטעלן זיך צום עקזאַמען אויפֿן קורס פֿון די ערשטע קלאַסן־גימנאַזיע (אין אָט דער תּקופֿה „ווידמענען״ זיי אויך אַ פּאָר חדשים אויף אויסצולערנען גרינטלעך העברעאיש דיקדוק, און ס׳טרעפֿט אַז זיי דערגרייכן דאָ אַזש ביז די „פּועלים״). אָבער דאָס אַלץ דויערט ביז אַ יאָר צוויי איידער ס׳קומט די צייט, ווען מ׳רופֿט זיי צו מיליטער־דינסט. דעמאָלט זענען זיי זיך נוהג אַלץ צו פֿאַרלאָזן: זיי דאַרפֿן דאָך אינגיכן שטיין צום מיליטער. און נאָכדעם, ווי זיי ווערן פּטור פֿון מיליטער־דינסט, הויבן זיי אָן צו „שטיין אין שידוכים״.

די וועלט איז אַ גלגל־החוזר.

אַז דער בחור הער גד, זאָל לעבן, דערזעט די אַריינ־

קומענדיקע, פאַלט אים איין אַ וואונדערלעכער געדאַנק זיך אויסצודרייען צו דער וואַנט און זיך אַוועקשטעלן גלייך, ווי ער וואָלט געדאַוונט שמונה־עשרה. בע!.. וואָס קענסטו אים איצטער טאָן? יעקב גייט צו און רייסט אים אָן ביים אויער. דאַן קומט אַריין ר׳ צבי בכבודו ובעצמו מיט אַ מענה־לשון.

— ויבוא המן... ווער, מיין טייערער, בעט עס דיך איבער־צורייסן מיין זון אינמיטן דאַוונען? אויך אָן דיר איז ער, ברוך השם, נישט קיין גרויסער בעל אויף דאַוונען. ס׳איז ראש־חודש — און ער איז חולה צו גיין אין בית־מדרש... דאַוונען מיט מנין. עפּעס אַ קלייניקייט!

— אָט אַ דאָס רופט זיך על פּי תּלמוד אַ שלעכטער שכן — ווייזט עובדיה אַרויס זיין בקיאות.

— איך בין געקומען, וואָס אַן אמת, מכּוח אַ וויכטיקערע זאַך ווי איבעררייסן דאס דאַוונען — לאַכט יעקב.

— אָבער אז ס׳רוקט זיך אים אונטער אַ מצווה, וויאַזוי־זשע זאָל ער זי אָפּלאָזן? — גיט צו עובדיה.

כדי נישט אָנצוהויבן גלייך פון דער קאָרעספּאָנדענץ, האַלט זיך יעקב ביי זיין ליגן און ער גיט אַ פרעג

— די שוועסטער מיינע איז דאָך געווען דאָ?

ר׳ צבי הויבט אָן פון זיין זייט מיט אַ נעבעכדיקער שטי־מע: „וואָרום ווען קומט דען אייער פילאָזאָפקע אריין צו אונז אין שטוב אַריין? — צום סוף מאכט ער אַ פריילעך פּנים צו יעקבן, און די אויגן זיינע, ווי זיי וואלטן געזאגט: דריי טעכ־טער האָב איך, דריי דערוואקסענע טעכטער...

זי איז גישטאָ, און פונדעסטוועגן פאַרדריסט מיך נישט אלעמאי איך בין געקומען. מיט אַ רואיק געמיט הער איך אויס די קולות, וואָס דערטראָגן זיך פון קיך און וואָס פאַלן אויף דער דינסט, „אויפן שטיק פלייש, וואָס קען אַ קאַץ דעם עק נישט פארבינדן״, און אויף „די כלות — די ממזרטעס — זאָלן זיי שוין בלייבן ליגן און שוין מער נישט אויפשטיין,

גרויסער גאָט אין הימל! — וועלכע ליגן זיך צעלייגט אויף די בעטן ביז מיטאָג, ממש ווי קאָצינס טעכטער".

דער מ׳סר פון „יענעם" (אַזוי פלעגט גד אָגרופן זיין פאָטער) מאַכט נישט קיין שטאַרקן איינדרוק אויף דעם דאַוונער. ער גייט־אויס דריי טריט הינטער זיך מורמלענדיק „עושה שלום", ער הויבט אָן צו ציקלען דעם „הלל" און זיך אַרום־אַנגלען מיט יעקבן.

— „יהי־הי־הי שם ה׳ מבורך מע־תה ועד"... הא, שיינער בחור, וואָס גראַבלסטו דאָרט אין דיינע קעשענעס? אַ טייערע זאַך, מסתמא? אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ כלה, הא? וע ע־ד עולם, ממזרח"... הע, אַרויס מיט דיין געהיימניש, אַרויס אויפן טיש תיכף ומיד!

ער וואַרפט זיך אויף יעקבן און וויל אַרויסקריגן די טייערע זאַך. דער „שיינער בחור" שטעלט זיך, כלומרשט, אַנטקעגן. דער סוף פוגם אַנטקעגנשטעלן זיך — גדס נצחון. דאָס בלאַט איז אויסגעשפּרייט ווי אַ ליילעך, גד שרייט: „מזל־טוב! יאַנקעלע איז שוין אויך אַ שרייבער"! — און ער מאַכט „שהחיינו". דער „קאָרעספּאָנדענט" צעפלאַקערט זיך, ער כאַפּט די צייטונג און הויבט אַליין אָן לייענען הויך און אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט...

דאָס געשפּרעך פאַרפירט זיך וועגן דער ביבליאָטעק. דער העלד פון טאָג און עובדיה רעדן אַגיטאַציע־רייד. די באַדערפעניש דערין לאָזט זיך פילן, לויט זייער מיינונג, אין דער גאַנצער שטאָט. גד שפּרינגט אויף און שווערט זיך, אַז ער איז נישט קיין ישיבה־בחור, אים וועט מען נישט אָפּנאַרן, ער וועט בשום אופן נישט אוועקגעבן אומזיסט דעם „עיט צבוע", וואָס ער פאַרמאָגט. און ר׳ צבי גיט צו, אַז „אויך ער גד, רעדט ווי אַ שוטה"; די עיקר־פראַגע, וואָס מ׳דאַרף פרעגן די בחורים, איז: אויף וואָס דאַרפן זיי האָבן די גאַנצע אַרבעט? וואָס וועלן זיי פאַרדינען פון דער ביבליאָטעק? ער איז אויך געווען אין זיין צייט אַ בחור — זענען אים דען געלעגן אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן? וועגן מיר און וועגן

עובדיהן איז שוין נישטאָ וואס צו רעדן, אָבער אפילו יעקב און גד אליין — קען זיי דען דאס פארנעמען זיך מיט די זאכן נישט ברענגען קיין שאָדן, זייער גוטן נאָמען, וואָס זיי האָבן, און נאָך? צי דען וואָלט פאר זיי נישט בעסער געווען, זיי זאלן אנשטאט דעם זיך באשעפטיקן מיט עפּעס אַ ממשותדיקע זאך?

און איך זיץ מיר אויף מיין אָרט און הער אלץ אויס מיט א רואיק געמיט.

* * *

אויך מיין קנאה-שנאה צו בורסיפן איז אַזוי ווי איינגע-שטילט געוואָרן אין יענע עטלעכע טעג, וואָס די פּרטים פון זייערע געשעענישן קען איך איצט נישט אויפלעבן אין מיין זכרון ווי ס'געהער צו זיין. איך פלעג זיצן ווי אַ טויב-שטומער אָפּגערוקט פון איר, כ'פלעג בלעטערן עפּעס אַ צייטונג אָדער אַ זשורנאַל, כ'פלעג הערן איר שטימע און פלעג בגנבה קוקן אויף איר, און ער פלעגט זיצן נאָענט לעם איר, ר'פלעגט באַרעדן עמיצן פון זייערע באַקאַנטע אָדער ער פלעגט איר עפּעס דערציילן וועגן אַ ליבעס-קאָנפליקט, ר'פלעגט זי רופן „אידעאַליש מיידל, גרויסע נשמה, ערנסט פריילין", און זיין אויסשפּראַך איז אינטעליגענט, דערצויגן, ווייך. זי רעגט זיך אויף מיט פאַרגעניגן, פּעטשלט אים איבערן מויל און צווישערט ווי אַ פויגעלע, אַז „ערשטנס, איז זי גאָר נישט קיין אידעאַליש מיידל, נאָר אַ פּשוט-פּשוטע", און אירע קאַרשן-ליפּן דריקן בלויז אויס קושן-קושן... און ער פון זיין זייט רייצט זיך ווידער מיט איר און ער זאָגט: ערשטנס, ערשטנס — און קיין צווייטנס איז נישטאָ; דאָס איז אויך איינע פון די מידות פון די אידעאַלישע מיידלעך אָנצוהויבן מיט אַן „ערשטנס", בעת זיי האָבן נישט קיין שום „צווייטנס". —

צייטנווייז פלעגט ער פאָרלייגן „צו זיין ערנסט און רעדן וועגן ערנסטע זאַכן", און דאַן פלעגט ער אויסזוכן עפּעס

אַ פּראַגע און פּלעגט אָנציען אויף זיין פּנים אַ גלייכגילטיקייט, בעת עס פּלעגט דערויף ארומשוועבן אַ פאַרבאָרגענער מעפּיסטאָפעלישער געלעכטער.

— יאָ... וויכטיק... מיינע זינד בין איך איצט געצוואונגען צו דערמאָנען. איך, אַ שווער-זינדיקער מענטש, פאַרמאָג נישט קיין גרויסן פאַרלאַנג צו ברעכן שטולן — יאָ, אָביעקטיווקייט — וואָס קען מען טאָן... יאָ... אונזער אידעאַליסט וויל דווקא הערן מיין מיינונג וועגן זיין אידעע — טאָ לאָמיך אים זאָגן. יאָ... אין תּוך פון דער זאַך! מיך, אַלס ווען, רירט די גאַנצע פראַגע גאָרנישט אָן. יאָ... די פראַגע... בכלל, ס׳איז דאָך אַ געלעכטער דאס עצם-אַוועקשטעלן די פראַגע. „דאָס יידישע פאָלק איז קיין פאָלק נישט" — איז בכן וואָס איז דער געשריי, מיינע געערטע הערן? איר ווילט תּחית-המתים? וויפל איר זאָלט נישט שרייען און וועקן, וועט איר דאָך נישט אויפלעבן אַ מין, וואָס איז אונטערגעגאַנגען און פאַרשוואונדן געוואָרן. שתּדלנות פאַרשטיי איך, ווייניקסטנס, כדי צו פאַרמיידן אַ ווייטיק אָבער נישט אים צו פאַרלענגערן... יאָ... לויט מיין מיינונג, האָבן די ליבהאָבער פונם מענטשליכן מין זיך געדאַרפט באַמיען... נו, צו פאַרשטיין, ווייניקסטנס, אַז דאָס לעבן פונם אוראַלטן „יידישן פאָלק" — דאָס איז זיין טויט. די דעמבן-גריכנלאַנד, רוים — זענען צעבראָכן געוואָרן, אַז ס׳איז געקומען זייער צייט, און די י י ד ן קריכן ארום ווי ווערים, רעדן זשאַרגאָן און דערוועקן אַן עקל מיט זייער אויסזען און מיט זייערע מנהגים. וועגן אַלע „טאַטן" לוינט נישט צו רעדן, ווייל דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן. אָבער דער פאַקט אַליין, פאַר זיך, איז לעכערלעך, וואָס אנשטאָט אויסצושפּייען און אַוועקצוגיין ווייטער הויבן אָן געזונטע מענטשן צו בענקען נאָך אַזיע... יאָ, דאָס דערמאַנט מיך ניטשעס עפּיגראַם...

דאָס פּנים פונם פּרעגער דעם אידעאַליסט—יעקב עובדמאַ — זעט אויס ווי אַ פּנים פון אַ מענטש, וואָס רויבער האָבן אים אַרומגערינגלט צוצורויבן אַלץ, וואָס ער פאַר-

מאָגט. דער „לאָמיך הערן, וואָס איר זאָגט" איז אים ניש געלונגען. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם, וואָס בורסיף גייט תּמיד פאַרביי יעדע זאַך, וואָס מ׳פרעגט אים, מיט א שטאָלצן שווייגן, און דעריבער האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו דערציילן, צו רעדן, אויפצווייזן — ערשט אַט קומען רייד ווי שפּיזן, ווי שאַרפע פיילן...

— אַן אַ סימילאַטאָר — רייסט ער אים איבער — וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן... נישטאָ וואָס אויסצוהערן אַסימילאַטאָרישע רייד... מיר ווילן נישט זיין קנעכט... וואָס ?.. ירמיה, וואָס רעדט דער מענטש ?.. ער איז משוגע געוואָרן... מיר וועלן נישט אויפהערן צו זיין ציוניסטן... נישט אמת, ירמיה ?

— ציוניסטן — דאָס איז אַן אנדערע פראַגע ; אָבער די רייד פון הער בורסיף זענען בכלל בלויז — ווערטער... דער פשוטער גלייכער אמת איז נישטאָ אין זיי... ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, פונם שטאַנדפונקט... אָבער דער הומאַניזם... דער אמת ער הומאַניזם... די מענטשן-ליבע... דאָס פאַרשטיין דעם צער...

— און הער פייערמאַן איז אַ ציוניסט ? — גיט מיך א פרעג אונזער מיטשמועסערין.

— אַ ציוניסט ?.. ניין... כ׳מיין צו זאָגן : ס׳איז נישט קלאָר... ס׳א ספק... איך ווייס נישט...

ראַכיל מאָיסעיעוונא קוקט אויף בורסיפן, אירע אויגן פינקלען, און זי מאַכט איר ליבע מינע מיטן מויל און זי מאַכט-נאָך זיין שטימע :

— יאָ... וויכטיק... „איך ווייס נישט"... און איך האָב געמיינט, אַז בלויז פון יונגע מיידלעך קען מען הערן אַזא תּשובה ...

אָבער איך באַמי זיך, אַז מיין פּנים זאָל האָבן עפּעס א ספּעציעלן אויסדרוק, ס-זאָל עפּעס ווי אויסדריקן : קיין שום זאַך קען מיך נישט אָנרירן און קיין שום מענטש קען נישט גרייכן צו די גרעניצן פון מיין פאַרשטאַנד. שמייכלען — דאָס

וואָלט געווען גאָר נישט געווען פון קלוגשאַפט. ס׳איז נישט נויטיק פשוט: אַ ב ס אָ ל ו ט ק יי ן ש ו ם ז אַ ך. גאָרנישט.

פון דאָרטן קום איך צו עובדיהן און איך קערעווע דורך פערשיידענע אומוועגען דעם שמועס אַזוי, ביז מיר הויבן אָן צו רעדן וועגן דאס הויז פון משה שמערלס...

פרידלעכע רואיקייט איז געווען אַרום מיר.

## כו.

איינמאָל איז די מאמע מיינע אויפגעשטאנען פרי פארי־טאָג — ווי איר שטייגער איז געווען. זי האָט זיך געדארפט עוסקן מיטן כשר־מאכן די גענז, וועלכע מ'האָט נעכטן געשאָכטן, און זיי צוגרייטן צום פארקויף, ווען ס'וועט זיך אָנהויבן דער מארק. אין דער צייט פון דעמדאָזיקן פרי־אויפשטיין פלעג איך אָפט ליגן מיט פארמאכטע אויגן, ווי איך וואָלט געשלאָפן, און איך פלעג מיך ארייַנלאזן אין אומקלאָרע טראַכטונגען; און אין אָט דער צייט פלעגן מיינע וואכעדיקע עלטערן שוין רעדן פראנק און פריי וועגן מיר און וועגן מיין צוקונפט, זייענדיק זיכער, אז דער אָביעקט פון זייער שמועס הערט גאר נישט.

די מאמע האָט אוועקגעלייגט אַ ברעטל און זי האָט אָנגעהויבן פארנעמען מיט איר „קצבות".

זי האָט אַרויפגעלייגט א גאַנז און האָט זי צעשניטן מיט אַ געניטער האַנט, אָבער פּלוצלינג האָט זי זיך איינגעבאָגען און איינגעבויגענערהייט האָט זי גענומען ארומטאַפּן די גענז מער ווי געוויינלעך.

באַלד איז זי צוגעגאנגען צו מיין טאַטענס געלעגער:

— שלום געצל! אַי שלום געצל... דו שלאָפסט?

— וואָס ווילסטו? וואָס...?

— וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקן? ס'איז גאָרנישט...

— נו?...

— אין דער גאַנז, וואָס איך האב פאר איר באַצאָלט פינפאונאכציג גראשן... אין דער גאנז, וואס איך האב געקויפט ביי ניקיטעס ווייב...

— וואס? וואס? אוודאי א „שאלה"?

— א שאלה, שלום געצל, א הארבע שאלה ... דער פּי
פּיק ... שטיי אויף, וועסטו זען ... מ׳דאַרף גיין צום רב ...

מיין פאטער האָט זיך אָנגעטאָן, האט א לאנגע צייט אַרומגעטאַפּט דאס אָרט פונם אומגליק, האט געזיפצט, האָט ארומגעוויקלט דעם האלז מיט א וואָלענע שאל — און איז אוועקגעגאנגען.

קומענדיק צוריק אהיים האָט זיין פּנים אויסגעדריקט אַ ביטער געלעכטער:

— א ייד וועט קיינמאָל נישט עסן א גוט שטיקל...

— וואָס? ס׳איז טריף געוואָרן?! א, אזא גאנז, אזא גאנז... טרייף געוואָרן... איך האָב געוווּסט... דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט... ס׳וועט טרעפן עפּעט אן אומגליק... אזא גאנז... דריי פונט שמאלץ...

— נו, וואָס קען מען טאָן... א דין איז א דין... דערויף זענען מיר יידן...

א שטילשווייגעניש. דער מאמעס הענט זענען עפּעס ווי אפּגעלאָזן געוואָרן ביים טאָן די ארבעט. זי האט אויפגעהערט ארבעטן און איז געשטאנען מיט אן אראָפּגעבויגענעם קאָפּ:
„א ריס פון הארצן״. די ארבעטסט, מאטערסט זיך, די ווייסט פון קיין אָפּרו נישט — קומט דער שד און נעמט אלץ צו.
ד ר י י פ ו נ ט ש מ א ל ץ.

כּדי צו פארטרייבן א ביסל דעם גרויסן צער האָט דער טאטע אָנגעהויבן דערציילן דער מאמען מכּוח עובדיהס שידוך. וואָס דער אייבערשטער טוט, לאָזט זיך אויס צום גוטן. ער איז איצט צוריקגעגאנגען פון דאָרטן און אויפן וועג האָט ער געטראכט מכּוח דעם. איך בין געראטעוועט געוואָרן פון א צרה, וואָרום עובדיהס מחותּן איז א שווערער מענטש. אנשטאט די טויזנט, וואס ער האָט זיך מתחייב געווען צו געבן, גיט ער איצט בלויז פינפהונדערט. און ר׳ חנן-נתן ווייסט זיין ווערט און וויל נישט מוותּר זיין אויף דאָס זייניקע. אהיפשער סיכסוך. דאקעגן די זאך, וואס שטייט איצט פאַר פאר מ י ר איז אָן קיין שום פּגימה. אן אמתדיק גליק...

— די גאנז רעכן איך פארקויפן איוואנען, דעם וואָס הינטערן שטאָט... וואָס זאָגסטו שלום געצל?

— אי, א יידענע בלייבט א יידענע! איך רעד מיט איר וועגן א וויכטיקן ענין און זי — גאנז און גאנז... גלויב מיר, אז מיין הארץ טוט אויך אזוי ווי אויפן היזק, פונקט ווי דיין הארץ, אָבער איך בין א מאנסביל... דאס וויינען וועט גאָרנישט העלפן... ניין! איך בין אין כעס... איך רעד צו דיר, און דו...

— וואָס זאָג איך דען? איך זאָג דען עפעס?

— וואָס דו זאָגסט!.. נאַ דיר אַ שמעק-טאַבאַק פאַר דיין גאַנץ זאָגעכץ. דער עיקר... הער אויס! „וואָס זאָג איך"... דו האָסט גאָרגישט וואָס צו זאָגן... אַ גאנצן נאַר ווייזט מען נישט קיין האַלבע אַרבעט...

— איך ווייס דען! מיר דאכט זיך, אז זי איז נישט קיין פאָר פאר אונזער ירמיהן.

— פארוואָס?.. אָטאָ דאָס פרעג איך דאָך: פאָרוואָס? דו זאָגסט דאָך, אז דו ווייסט... זי איז אַ שיינע...

— אַ שיינע איז זי, אמת... איך האָב זי געזען ביי יאנקל-ברוכן אויף דער חתונה; האָט זי געשיינט ווי זיבן זינען...

— טאָ בכן איז וואָס?.. אפשר ווייסטו, חלילה, עפעס א פארבאָרגענע זאך?

— וואָס פאר א פארבאָרגענע זאך... א מיידל פון דער היינטיקער וועלט..

— נו, און וואָס איז אונזער ירמיה? אָט דאָס איז דאָך עס טאקע... אמת, ער האָט נישט קיין שום פאפירן, נו, אָט ווי אַ מין „סמיכות". וואָס מ'גיט ארויס אין זייערע „שקאָלעס"... דאָס האט ער טאקע נישט... דאס איז שווער ארויסצוקריגן, האט ער מיר געזאגט... יאָ... אבער פונדעסטוועגן, ווער קען זיך צו אים גלייכן אין השכלה נישט בלויז צווישן די צ.-ער בחורים, נאר אויך אינם גאנצן קאנט?.. האסט געהערט, ווי ער האט גערעדט מיט די חמורים יענעם שבת?.. זיי זענען דאָך לחלוטין חמורים אנטקעגן אים. א שאד וואס ער גייט

אנגעטאָן ווי אבי-ווער... דעריבער שעמט ער זיך אביסל... קליידער גיבן א סך צו א מענטשן... אז ער וועט קריגן באצאלט פארן ערשטן חודש דארף מען, למען השם, אים אויפנייען מלבושים, ווי ס'פאסט פאר אים... אמת, ער קוקט נישט אזוי שטארק דערויף און ער גייט אהין יעדן טאג... אבער א שיינער מלבוש וועט נאך פארגרעסערן זיין אָנזען. די טבע פון בחורים קען איך בעסער פון דיר... איך בין אויך געווען אַ בחור... דער עיקר איז ביי זיי א „שיינער קרן" .. און זי... לויט מיר נאך, וועט זי אים אויך ווען... א מושלם איז ער דאך... אַרויסווייזן זיין קענטשאפט באמיט ער זיך מן-הסתם אליין... איך האב שוין אויסגעפאָרשט די זאך זייער גוט... אמת, אויסערלעך איז ער אביסל א ישיבה-בחור.., אבער דאס איז נישט דער עיקר. דו מיינסט, אז ער וועט נישט קענען טראגן קיין גאלדענעם זייגער. ער וועט קענען! און ס'וועט אים פאסן און קליידן אויך... איצטער טרעפט, אמת, אז ער רעדט נארישקייטן... ער איז נאך א יינגל... „צי דען קענסטו זיך פארשטעלן, אז איך וועל זיין א סוחר?" — האט ער מיר געזאגט... כא-כא... ער איז נישט פאסיק צו זיין א סוחר — א שווערע זאך! א „גמרא-קאפ" וועט נישט קענען קויפן און פארקויפן!.. יהודית, דאס אלץ איז גארנישט... איך האף, אז מיר וועלן נאך זוכה זיין צו זען אים אלס איינעם פון ד י. וואס שטייען-איין בשעתן יאריד ביי ר' צדוק דעם אייניקל... און ער וועט זיין א פיינער סוחר: א בן־תורה, א תלמיד-חכם!.. דו געדענקסט יענעם בייכיקן?.. ער איז אויך אין דער יוגנט געווען א ישיבה-בחור... אדרבה, דאס איז נאך א שטיקל מעלה, וואס ער איז אויסערלעך... ע־ע... משה שמערלס וויל איצט גראַד אזוינעם... ביים חתונה-מאכן די עלטערע טעכטער האט ער אמת געזוכט א שידוך צו טאן מיט גבירים, און איצט וויל ער דווקא א „צאצקע", וואס זאל ביי אים זיין א קעסט-קינד... דו פארשטייסט? די רחל, אדער „ראכיל", ווי מ'רופט זי ביי די בורסיפס אין הויז, כא-כא, זי איז זיין „לעצטע", מוזינקל... און נאך עפעס: איז דער שטיל וועל איך דיר

אויסזאגן, משה איז, אמת, איצט א תּקיף, א תּקיף, ווי ס׳געהער צו זיין, אבער אין מזומנים איז ער אביסל געענגט, און דידאָזיקע רחל וויל ער חתונה מאכן וואס פריער, כּדי זי זאל זיך נישט אריינגעמען קיין שגעונות אין קאָפּ אַריין... מיין נישט, חלילה, קיין שום שלעכטס. זי אַליין איז אַ וואויל מיידל, אַ באַלעבאַטישע, און אז זי וועט חתונה־האָבן, וועט זי זיין א ווייב ווי אַלע ווייבער, ווי ס׳באַדארף צו זיין... אויך איצט, חלילה, איז נישטא קיין שום שלעכטס.. סתּם... אביסל פון צעצערטלטקייט, פון צופיל גוטס, און א ביסל פארדרייט מען איר דעם קאָפּ דאָרטן ביי די בורסיפּס מיט כל המיני נאַרישקייטן: פאָרן קיין אויסלאַנד, צו דער טייוול ווייס דאָרט וואס נאָך... און אפשר וועסטו מיך פרעגן, פונוואנען איך ווייס דאָס אַלץ ?.. איך זאָל נישט וויסן ?... משה האָט במעט בלויז מיט מיר גערעדט וועגן דעם ווייסגדיק, אז איך פארנעם זיך צוביסלעך מיט שדכנות... דאָן האָב איך מיר אַ טראכט געטאָן: „אלי״, צו מיר — שטייט געשריבן... און משהן קענסטו דאָך: „אומר ועושה״, גערעדט און געטאן... ער האָט פיינט צו פרעגן... ווי אַ מאנסבּ־ל... מ׳דארף נאָר, ער זאָל וועלן, כ׳מיין צו זאָגן, משה שמערלס... איך ווארט שוין מיט אומגעדולד, ער זאָל קומען צופאָרן... ער וועט קומען אין עטלעכע וואָכן ארום, וועל איך דעמאָלט צוטרעטן, צום ענין... לעת־עתה האָב איך נאך אונזערן גאר נישט געוואָגט... זאָל עס זיין נישטוויסנדיק... דערווייל וועט ער דארט ווערן אן ארייננגייער... איצטער פארשטייסטו שוין אַלע מיינע וועגן, האַ ? וואָס זאגסטו, וואָס ענטפערסטו דערויף ?... חכמה !...

— וואָס זאָל איך ענטפערן ?... איך ווייס דען ?... זאָל גאָט טאָן, ווי אים געפעלט... א, ס׳איז שוין טאָג... איך דארף נאָך צוגרייטן צוויי געגז...

— איך קוק אויף דיר... איך קוק זיך איין. א בהמה... דו קענסט גאָרנישט פארשטיין... האָט פאַריבל דער טאָטע...

און איך ליג אומבאַוועגלעך.

## כז.

מיין טאטע קען נישט פארשטיין, פאַרוואָס איך האָב פּלוצלינג אָנגעהויבן זיצן אינדערהיים אַ גאנצן טאָג, און איך באזוך נישט די חברים מיינע, די מאמע האט אים איבערגעגעבן אַ פאַרזאָרגטע, אז איך ליג אויף דער קאַנאַפּע אַ גאנצן טאָג. ער האָט זיך געוועגדעט צו יעקבן און האָט זיך געקליגלט ארויסצוציען ביי אים ווערטער: אפשר בין איך דאָרט באַליידיקט געוואָרן?... אָבער דער לעצטער האָט אים גאָרנישט געקענט אויפקלערן.

דאַן האָט ער באַשלאָסן מיר צו אנטפּלעקן זיין סוד און זיין געדאנק, וואס ער טראכט וועגן מיר, נאָך איידער ס'איז געקומען די צייט דערצו. ס'איז אים געווען שווער זיך איינצוהאלטן און צו פאַרבאָרגן זיין באגער צו וויסן, ווי גרויס ס'איז די סכנה. אָבער ער איז פארבליבן ביי זיין אומפארשטענדניש...

מיין באַציאונג איז, ווי־אָס אַן אמת, געווען בלויז מאנגל אין גלויבן אין אזא גליק און נישט קיין ווידערשטאנד, וואָס פליסט ארויס פון הארצן. דאָס איז געווען קלאָר פאר מיין טאטן, ווארום איך פאַרענטפער מיך דאך אזוי: וואָס דארפסטו מיר פארדרייען אַ קאָפּ מיט זאכן פון משיחצייטן? וועסט דעמאָלט רעדן, ווען דו וועסט הערן א תשובה פון משה שמערלס" — אָבער צייטנווייז גיב איך צו נאָך פאַרשיידענע ווערטער — אין דאָס זענען שוין רייד פון א משוגענעם מענטש, וואָס זענען

דאָס פּאַרא תירוצים ? „איך דארף פאָרן קיין אויסלאַנד" — אָבער פאָרן אַזוי, איז דאָך די גאנצע נסיעה ווערט אַן „איבער-געבּרענטע שטרוי" ; אדרבה, דאַן קען זיין, אז איך וועל פאָרן אויף עובדמאַנס הוצאות און אונטער זיין אויפזיכט, און דאַן קען אפשר פון מיר ארויס אַ לייטישע כּלי ; „איך בין נאָך נישט געשטאנען צום מיליטער" — אָבער איז טאקע משום דעם! אזוי בין איך שפּעטער א זיכערער זעלנער, און משה וואלט מיך געוועסט אויסגעלייזט ; „איך שטיי נישט אין שי-דוכים" — אָבער איך האַלט דאָך אויך נישט, אז א מענטש דארף נישט חתונה-האבן דאס גאנצע לעבן ...

— פונוואנען נעמסטו עס, אז איך האלט נישט אזוי ?

— אז יעדער מענטש דארף שטארבן א נישט-חתונה-געהאַטער ?

— איך זאג נישט „יעדער מענטש" ; יעדער מענטש קומט נישט מיך פרעגן ... איך זאג ...

— נו, וואס, אדרבה, וואס זאגסטו ?

— איך זאג, אז איך בין איך ... ס'הייסט, מיר איז אלציינס ... כ'מיין צו זאגן, ס'איז נישט קיין אונטערשייד, צו מ'וועט מיך יאָ וועלן צו נישט ...

אָבער מיין מיטשמועסער שמייכלט מיט א געמאכט שמיי-כעלע און ער הויבט מיך אָן צו פאָרשן פון דער אנדער זייט : צו איך האב געהאט אין .N באקאנטע מיידלעך ?

— געהאט ... איז דעריבער ?

— גאָר נישט ... איך בין אויסן גלאט אזוי לשם שמועס ... און פון וועמען האסטו עס היינט באקומען דאס רו-סישע בריוול ? אמת, ס'איז נישט נוגע ... אַ גאנצער בריוו גע-שריבן אויף רוסיש ... פונדעסטוועגן, דיינע בעקאנטע פריינט דאָרטן זענען געבילדעטע מענטשן ... דיינע באַקאַנטע פריינט, און אפשר דיינע באַקאַנטע פריינדינס, כא - כא - כא ... איך וואָלט געוואלט זען די „האנטשריפט" ... א שיינע האנטשריפט ... קענסט מיר עס נישט ווייזן ?..

— נאַ דיר.

ער נעמט חיימאָוויטשעס בריוו און קוקט אין אים אַריינ-לייענען רוסיש אויף צו פאַרשטיין קען ער נישט, און דעריי-בער היפּערט ער איבער די גאַנצע פילאָזאָפיע און השתּפכות, וואָס באַגלייטן די וויכטיקע נייס, אַז דער שרייבער פונם בריוו איז אָנגעקומען אין אַ פאַבריק אויף צו אַרבעטן דאָרט ווי איי-נער פון די פּשוטע אַרבעטער. צומלעצט קומט צו דער לייע-נער צום אונטערשריפט „דיין פריינט” — און ער באַרואיקט זיך. דיין פריינט און נישט דיין פריינדין...

– המ... אַ שיינע האַנטשריפט!..

---

## כח.

קיינמאָל האָט מיין פאַנטאַזיע אַזוי שווער נישט געאַרבעט, ווי אין יענער צייט, ווען וועלכער איך דערצייל. גאַנצע שעהן פלעגן ביי מיר דורכגיין אין פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען, אַליין נישט פילנדיק דאָס. ס'איז נישט געווען קיין שום מעג-לעכקייט, איך זאָל כאָטש עפּעס פאַרמאָגן אין דער ווירקלעכ-קייט, דעריבער האָב איך ליב געהאַט מיך צו מאָלן אין אַן אַנדער געשטאַלט און אין אַן אַנדערע לאַגע. איך, ירמיה פייער-מאַן, בין אַן אַנדערער, לגמרי אַן אַנדערער. אַבסאָלוט אַן אַנדערער. איך און זי פאָרן אין דער שווייץ אַריין... מיר פאָרן ביידע.. זי ווירקט אַן אָפּפרישונג-טוי אויף מיינע איינ-געדרימלטע כוחות און איך באַרייכער איר לעבן מיט מיין גייסט!...

איינמאָל האָב איך זי באַגעגנט אין גאַס. זי איז גע-גאַנגען אויף איין זייט און איך אויף דער אַנדערזייט — האָב איך געפונען פאַר נויטיק זיך צו מאַכן, אַז איך זע זי נישט. אַז זי איז שוין פאַרבייגעגאַנגען האָט מיך שטאַרק געצויגן צו זען, כאָטש אויף איין מינוט, איר פריזור, איר צאָפּ, איר פיגור, איר גאַנג, דעם קאָליר פון איר מאַנטל, איר הוט. אָבער איך האָב נישט געקענט, איך האָב געציטערט. איך האָב מורא געהאַט... און ערשט ווען זי איז שוין אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן האָב איך אומגעקערט דעם קאָפּ און איך בין געשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע אויף מיין אָרט, זיך איינקוקנדיק אויף דעם וועג, וווּ זי איז דורכגעגאַנגען...

און אין יענעם אָוונט, נאָך האַלבער נאַכט, בין איך געזעסן אויף מיין געלעגער, אויף דער קאַנאַפּע, נאָענט צום

טיש, אַ לאנגע-לאנגע צייט אָן קיין שום ארבעט, ביז איך בין, צומלעצט, ארייגעפאלן אין אן אנדער וועלט. דורכן דרימל-וואָלקן איז ביי מיר, אמת, געווען א מין באוואוסטזיין, אז איך זיץ ביי מיינע עלטערן אין הויז, אבער צוזאמען דערמיט בין איך געפאָרן אין עפּעס א וועג... דער צוג רוישט, שטורעמט, ער פאָרט דורך ימען און טייכן, בערג און טאָלן — און איך בין אין צוג... דער וואגאן איז פול מיט מענטשן: מיין טאטע, בערעלע, מיין קלענערער ברודער, עובדיה, קליינשטיין. און אָט איז די סטאציע. א קעלט רייסט זיך אריין פון ערגעץ. אלע גייען אראפ. דער וואגאָן ווערט ליידיק. דאס אראפגיין דויערט. עפעס א זאך פארהאלט. „אוי, בטלן! — שרייט אויף מיר מיין טאטע — „פאטראן״!.. פארוואס גייסטו נישט אראפ? גיי אראפ! זע צו געפעלן אין די אויגן פון כלות!״ — טאקע בזה הלשון... און איך ענטפער מיט שטאלץ: „נישט פון דער וועלט!.. אין אט דעם דייטשלאנד, יואוהין איך פאָר איצט מיט איר, איז פאראן פרידריך ניטשע, האט ער גראָבע וואנסעס, און בורסיף האט אויך אזעלכע וואנסעס!״ — אין אין א מינוט ארום נייט אוועק דער צוג, און איך בלייב אויפן וואקזאל, איך צעגיי פון צער, ביז די אויגן ווערן מיר פאר-שטיינערט און וויינען קען איך נישט, און איך גריס מיך מיט דעם באוואוסטזיין, אז איך וויין נישט... ערשט אט א געוויין... דאס איז דער קול פון מיין מאמען, וועלכע זיצט אין ווינקל און פליקט פעדערן... די פינצטערניש ווערט געדיכטער... אלץ דרייט זיך איבער... פוסט און וויסט... דער קאנדוקטאר פרעגט מיך אויף מיין בילעט... „קאנדוקטאר! — שרייט ר׳ חנן-נתן — עובדיה! מ׳טאר נישט פארן אן א בילעט. ס׳א גרויסע עבירה!״.. וואונדערלעך! דער קאנדוקטאר איז האלב רב און האלב בורסיף.. „אוי, אוי — קרעכץ איך פון מיינע שטארקע ווייטיקן — מיינע פיס זענען אריין אין א קלעם... געפענטעט אין קייטן... אוי, וואס איז עס געשען מיט מיר? ווער שלעפט מיך עס?״ ...„פאר אליין!״ באפעלט מיר א יינגל, א ווענ-היטער, וואס האלט א גרין פענדל אין האנט. „דיין נאז שטערט״... איך

כאפ אים אָן... אוי, ס'איז דאך זי... וואס פארא געשעפטן האב איך מיט דיר?..

— דיין בילעט! — שרייט בורסיף און שלאגט מ'ך איבערן קאפ.

איך פרוו מיך אויפהויבן אים זיך אנטקעגנשטעלן און איך זינק אין אן אפגרונט אריין...

און מיין אביסל דערהויבענער קאפ פאלט נאכאמאל אראפ אויפן טיש.

---

## כט.

מיין טאַטנס אויסרעכענונג, דער לכתחילהדיקער פּלאַן פֿון זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט, איז געווען אַזאַ: אז עובדיה וועט פֿאָרן אויף זיין חתונה, וועט דעמאָלט ער, דער טאַטע מיינער, אַריינגיין צו משה שמערלס בעטן אים, ער זאָל מיר איבערגעבן זיין יינגל אויף צו לערנען מיט אים. דאָס וועט זיין דער ערשטער טריט. רערנאָך...

אָבער דערזעלבער פֿאַקט, וועלכער האָט דערנענטערט עובדיהס געהאָפּטע חתונה, האָט אויך געלייגט אַ שטיין אין וועג פֿון מיין טאַטנס פּלענער.

יענעם שבת זענען צוויי אורחים געווען אין אַלטן בית-מדרש: משה שמערלס, וועלכער איז צוריקגעקומען פֿון וועג, און דעם רבס מחותּן, וועלכער איז געקומען באַשטימען די חתונה-צייט. דאָס הייסט, אויסצוגלייכן דעם סיכסוך מכּוחן נדן. ר׳חנן-נתנס שונאים האָבן איצט געפֿונען אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אין זייער קעגנער, אין יעדן ווינקל, וואו מ׳האָט זיך געקערט, האָט מען באַרעדט דעם רב און זיין ישיבה, זיך באַמיענדיק, אַז די רייד זאָלן דערהערט ווערן דורכן מחותּן, דעם אורח. ר׳ חנן-נתן האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און האָט באַצאָלט זיינע פֿיינט אויך מיט דערזעלבער גאַב, אָבער אויך די צונג פֿון די שונאים האָט זיך נישט געפֿונען אונטער אַ פֿאַר-ריגלטער טיר.

— אַט האָסטו דיר אַ רב ביי יידן! ישיבות גרינדעט ער! מצוות וויל ער כאַפּן! און פֿאַרוואָס גיט ער נישט אַכטונג אויף זיין זון, דעם גרויסן צדיק, וואָס פֿאַרנעמט זיך

מיט ביבליאָטעקעס, מיט פֿינאַנדערטיילן ביכער צווישן די ישיבה-בחורים, כּדי זיי צו מאכן פאר גוים!

דידאָזיקע טענות האָבן אינגאנצן אונטערגעבראָכן ר׳ חנן-נתנס שטאָלץ, און עובדיהס חתונה איז באשטימט געוואָרן אויף איינעם פון די ערשטע טעג פון נאָענטסטן חודש...

אָבער דידאָזיקע געשעעניש האט נישט געווירקט צום גוטן אויפן גאנג פון מיין טאַטנס „געשעפט“. בעת דער מהומה האט ר׳ צבי גלותזאָן געפונען פאר זיין פליכט אויפמערקזאם צו מאכן זיין שוואָגער, ער זאָל אויך אכטונג געבן אויף זיין יעקבן, וועלכער איז אויך אביסל אראָפּ פונם דרך-הישר, און באזונדערס דארף מען אים דערווייטערן, למען השם, פון „דעם מלמדס זון, וואָס קיין גוטס וועט פון אים נישט ארויס“.

## ל.

„ס׳איז געווען אַ נאַרישקייט, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט אויסגעמיטן צו באַזוכן יעקבס הויז, צי צוליבדעם, וואָס מיין טאַטנס מ׳ח איז געווען פול מיט נאַרישע אויסרעכענונגען, אָדער צוליבדעם, וואָס ר׳ צבי פאַרלאַנגט אַ דערווייטערונג פון מיר, דאַרף איך מיך באַרויבן פון לייענען נייע העבּרעאישע צייטונגען, וואָס ס׳איז מיר מעגלעך נאָר אין דעם הויז? און אויב אפילו מיין דערווייטערונג איז געווען אויף וואָס פאַרוואָס ס׳איז אופן פאַרשטענלעך פריער — איז איצט האָב איך נישט קיין שום סיבה זיך צו דערווייטערן, ווארום אויך פאַרן אויספרעגן און אויספאָרשן, אַלעמאַי איך האָב זיי נישט באַזוכט אין משך פון דער גאַנצער לעצטער צייט, איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן: זיי וועלן נישט פרעגן און נישט פאָרשן... כ׳וועל אַריינגיין!...“

דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון משה שמערלס איז געזעסן אויסגעזעצט אַרום טיש און האָט געטרונקען אָווענט-טיי. אַ חוץ די אייגענע זיינען נאָך געווען אין שטוב צבי גלותזאָנס טעכטער און זייער ברודער גד. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַ התוכּחה, וואָס דאַרף פאַרקומען, און מיט עפּעס א פאָטאָגראַפיש בילד, און גד האָט געשריען, אַז ער איז נישט קיין ישיבה-בחור און אים וועט מען נישט אָפּנאַרן. ראַכיל מאָיסעיעוונא און בּורסיף זענען אויך געווען צווישן די פּאַראַנענע, נאָר (לכל הפחות, מיר האָט זיך אַזוי אויסגעדוכט) עפּעס אַביסל אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. און באַלד האָט זיך אין מיר אָנגעהויבן אַ געפילן-געראַנגל: „אָט זיץ איך דאָ, רעד, וואָס ס׳קומט מיר אין מויל אַריין, בעט ביי יעקבן נייע צייטונגען מיט אַ מין טאָן, ווי איך וואָלט געוואָלט מודיע זיין און אָנ-

זאָגן צוליב וואָס איך בין אריינגעקומען, איך פור מיך אויף מיט שטאָט און דרך־ארץ, ווייניקסטנס, וויפל איך בין בכוח; אָבער ווי גוט וואָלט געווען אָנשטאָט דעם אַלעם צוצוגיין פלוצלינג צו אים און זאָגן: בורסיף! איך שפיי דיר אין פנים אריין! — און אנפילן תיכף זיין טשופרינע מיטן גאַנצן שפייעכץ פון מיין מויל. און ווי איך האָב זיך נאָר אריינגעטאָן אין דעמדאָזיקן געדאַנק, האָב איך דערשפירט דעם גאַנצן פאַרגעניגן פון דערדאָזיקער טאַט, די גאַנצע לעכערלעכקייט פון די אָנוועזנדיקע. מינוטנווייז האָב איך מיך אַ רוק געטאָן אויף מיין אָרט מיט אַ פערבאָרגענער באַוועגונג, ווי איך וואָלט מיך געגרייט זיך צו געפינען נישט־ווילנדיק אין א בעקוועמערער לאַגע פאר אזא טאָט. אָבער פילן האב איך געפילט, אז איך בין קיינמאָל נישט פעאיק צו טאָן אזא זאַך — און עס האָט מיר זייער באַנק געטאָן. פאַרשאָלטענע גריבלעריי! וואס קוועטש איך זיך: „איך האָב נישט קיין רעכט צו פארווירקלעכן דורכדעם מיין נאַרישן צער!“? — ס׳פעלט דאָך מיר בלויז ווילנס־שטארקייט... ווילנס־שטארקייט? שטארקייט? שטארקייט אָנצושפייען אַ מענטש אין פנים אריין? די שוואכקייט שעמט זיך פאר זיך אליין... אָ, ריין הארץ, באַפרייאונג, בארואיקונג איז דיר נויטיק! פטור צו ווערן דורך עפעס אַ טאָט פון דער נאַרישער, קרענקלעכער אומרואיקייט? אפשר איז אויך עפעס אַן אַריסטאָקראַטישע באַוועגונג נויטיק דערצו און אַ מאָנאָלאָג פון אַ הויכגעשטעלטן פאַרשוין?.. וויבאַלד איך טראַכט דערוועגן — איז שוין קיין אָרט נישטאָ פאַר אַזאַ טאָט... דאָס איז אויך אַ גליק — אנצושפייען אין פנים אריין דעמדאָזיקן אויסגעפוצטן יונגערמאַן!... סאַראַ גרויס רחמנות ס׳איז אויף אונז אַלע!...

— יאָ... — האָט זיך בורסיף דערווייל געווענדעט צו מיר, און ביי יעדערן אויפן פנים איז געווען קענטיק א גרייטקייט אויסצוהערן אַן אינטערעסאנטן געשפרעך — וואָס הערט זיך נייס, הא פייערמאַן?

— נישטאָ קיין נייס, הער בורסיף.

— פון .N באקומט איר בריוו ?

— איך באַקום.

— פון וועמען ? פון חיימאָוויטשן ?

— פון חיימאָוויטשן.

— און וואָס שרייבט ער, אויב ס'איז דערלויבט צו פרעגן..

— ער איז אָנגעקומען אין אַ פאַבריק.

— אין אַ פאַבריק ? – האָט בורסיף דערפרייט מיט דער מציאה, וואָס ער האָט געפאַקט — יאָ... יאָ וויכטיק... הייסט עס, אז דערדאָזיקער דאָן-קישאָט האט יאָ פארווירקלעכט זיין שטרעבונג, יא... אַן אידעאל... אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאנט...

— וואָס פאַר אַ פאַבריק ? – האָט אַ פרעג געטאָן דער באַלעבאָס אליין, מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס פאַרשטייט נישט דאָס געשפרעך און מיט אַ פנים, וואָט דריקט אויס אַ באַזונדערן כעס.

— נארישקייטן, ר' משה ! — האָט אים בורסיף געענטפערט מיט אזא טאָן ווי א יונגערמאַן פונם נייעם דור, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ קלוגן, רעדט מיט אן עלטערן מענטש — נישטא וועגן וואָס צו רעדן. דערדאזיקער מענטש האָט אַ באַקאנטן אין .N אַ סוביעקט, וואָס האָט זיך ליב אויסצופיינען מיט אָריגינעלקייט, כ'מיין, צו זאָגן, וואָס האָט ליב צו באווייזן, אז ער גייט נישט אויף דעם אויסגעטרעטענעם אויסוועג... נו-ו... ער עסט נישט, למשל, קיין מאכלים פון לעבעדיקע וועזנס... יאָ, אַזאַ מין הער! נו, פאַראַיאָרן האָט ער זיך עקזאַמענירט אויפן גאַנצן גימנאַזיע-קורס — און איז דורכגעפאַלן, פאַרשטייט זיך... יאָ... נו, איז אָט איצט שרייבט ער צו דעם מענטש, אַז ער האָט אָנגע-הויבן אַרבעטן אין אַ פאַבריק... כאַ, ווי געפעלט עס איידז? פאַרשטייט זיך, אַז אָט די גאַנצע מעשה איז נישט ווערט... נישט ווערט... הער פייערמאַן, איך בין פונדעסטוועגן זיכער, אַז די אַרבעט אין דער פאבריק וועט לאַנג נישט דויערן. דאָס איז אַ גוטער אידעאַל, אַרבעט איז, אמת, אַ הייליקע זאך..!

יאָ... אָבער ס'איז נישט גרינג... ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט, וואָלט איך נביאות-געזאָגט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר באַקומען אַן אַנדער בריוו פונעם אַרבעטער. יאָ... איך שטעל מיר פאָר, וויפל אויסרוף-צייכנס עס געפינען זיך אין רעמדאָזיקן בריוו, וויפל...

איך בין אויפגעשטאַנען פון מיין אָרט. דאָס נישט איינגעבונדענע העפט פונעם זשורנאַל איז מיר אַרויסגעפאַלן פון די הענט און די בלעטלעך האָבן זיך צעשאָטן. ר' צבי גלותזאָנס מיטלסטע טאָכטער האָט זיך נישט-ווילנדיק איינגעבויגן אויפצוהייבן די בלעטלעך — און איך האָב נישט געליינט קיין אַכט דערויף. דאָס געלעכטער פונם רעדער, צוזאַמען מיטן באַגילדעטן קנאָפּ אויפן אַרבל פון זיין בלוזע האָבן פון מיר פאַרטריבן יעדן פּראָטעסט:

— נבזהדיקער טעלערלעקער... די... חיימאָוויטש...

און איך האָב אַ שפּיי געטאָן.

אַרויסגייענדיק האָבן זיך צעגאָסן פון ביידע זייטן פון יין חוט-השדרה פאַליעס קליינע נאָדעלעך. די נאַכט איז געווען זייער אַ טונקעלע. די לייכטער פון די שטאָטישע הייזער האָבן געפלעמלט אין דער פינצטערניש. מיליאָסן פייער-אויגן קוקן. אָט איז די ישיבה, די פּאָליציי, די קאַזאַרמע, די תפיסה, „דער טאָל פון עלנט"... אין די אַלע הייזער פולסירט דאָס לעבן... גלוסטונגען, געפילן, הנאות, טאַטן, יסורים... און אויף אַלץ איז אויסגעשפּרייט אַ פאַרוואָלקנטער הימל... אַן אומענדלעכע עקזיסטענץ... און אינמיטן דאַס אַלץ — אַ מיאוסער שפּיי, פּאַסקודנער, עקלהאַפטער שפּיי פון אַ מענטש פליג אין פּנים אַריין פון אַ מענטש-וואָרים...

---

דאַס, וואָס ס'האַט געהאַט אָפּגעהאַלטן מיין טאַטן מיר צו פאַרשאַפן האַרצווייטיק, איז פאַרשוואונדן. דאַן האָט ער אָנגעהויבן מיט מיר מדקדק זיין אויך אין פרומקייט-זאַכן —

דאָס, וואס ער פלעגט זיך נישט נוהג זיין צו טאן אין ז טעג פון גרויסע האפנונגען.

אָט האט ער געענדיקט עסן מיטאג. ער דארף גיין אין זיין חדר אריין, אבער ער זיצט זיך, פארלייגט דעם לינקן פוס אויפן רעכטן — און רויכערט... דערנאך פארקרימט ער דאָס פנים, ווי ער וואלט זיך אָפגעטרייסלט פון דערדריקנדיקע טרויעריקע מחשבות, ער פירט דורך זיין אָדערדיקע האנט דורך דער בארד און הויבט אן:

— אט דאס זאגט די וועלט: „א מענטש טראכט, און גאט לאכט". אוי, אוי, אז איך נעם זיך איצטער דערמאנען אלע מיינע חלומות וועגן אים! ירמיה וועט קומען... אנגעטאן ווי א גראף... קיין מענטש וועט נישט וואגן צוצוגיין צו אים... א „ריסטא-קראט" —און פירט זיך אויף מיט יראת־שמים... וואס צו גאט — איז צו גאט, און וואס צו לייט — איז צו לייט... ער קען געפעלן כל המיני מענטשן... מ׳דארף א שמועס טאן מיט א מיידל — ער קען דאס אויך! (דאס איז אויך נויטיק, נאך ווי נויטיק!..) הכלל, דער שטאלץ פון זיינע עלטערן... אלע ווערן בטל פאר אים... און שלום-געצל פילט זיך אויפן זיבעטן הימל. — — —

א קורצע הפסקה. די ־רויך-רעדער קומען ארויס און שטייגן פון זיין מויל פאמעלעך.

— פ־פ־פ־ף... ירמיה איז נעקומען... נאקעט און אפגע-ריסן... שעמט זיך פאר יעדן מענטש.. נישט דאס און נישט יענץ: נישט קיין חסיד און נישט קיין ריסטאקראַט... ס׳איז נאך דאנקן גאָט... די גאנצע וועלט ווייסט נאָך נישט דעם אמת... א סך זענען זיך טועה... ס האָבן זיך נאָך געפונען אזעלכע, וועלכע ווילן אים איבערגעבן די קינדער, ער זאָל זיי לער-נען תורה... אָבער שלום-געצל אליין — שלום-געצל איז געגליכן צו א גרויסן סוחר אין די פאָרט-שטעט... די געשעפטן זיינע טומלען... אי־אי־אי... ער איז איבער אלעמען... און פלוצים, אינמיטן דערינען — קומט אָן א טעלעגראַמע... זיינע שיפן זע-נען אונטערגעגאנגען איז ים... נישטאָ... בענוג, שלום-געצל,

גענוג דער אייבערשטער האָט נישט געהייסן זיך צופּיל פרייען...

די ערשטע טעג פלעגט די מאמע זיין מיין אדוואָקאט: איר גייט נישט אָן די „גאנצע וועלט". לויט זאָגן, לויט קענען נישט פארשטיין, די שטאָט-מענטשן רעדן — וואָס פארא געשעפטן האָבן זיי מיט איר זון? זאָל זיי דער קאָפּ וויי-טאָן פאר זייערע געשעפטן. זי שעמט זיך נישט מיט מיר, ווי ס'זאָל נישט זיין. דאָס טיכל טראָג איך דאָך נישט אום שבת, און מיט קיין מיידלעך שלעפּ איך מיך אויך נישט ארום איבער דער שטאָט. „ס'איז קיין קשיא נישט" — דאָס איז קיין חסרון נישט. דער טאטע זאגט, אז איך האב נישט קיין שכל דערצו, אָבער זי ברענגט אַ ראיה פון די גרעסטע גראָבעיונגען, וואָס האָבן יאָ שכל דערצו. אַ חוץ איר פארטיידיקן מיך פארן טאטן, פלעגט זיך מיך נאָך איינרעדן, אונטער זיינע אויגן, איך זאָל אריבערטראגן זיינע פּרעטענזיעס שטילערהייט. אינדעראמתן, האָט ער זיך אויך, פונקט אזוי ווי זי, שטארק געשראָקן, איך זאָל נישט פארלאָזן די שטאָט, וואָרום איך האָב דעמאָלט פארדינט מער ווי צוואנציק רובל אַ חודש; און אינדעראמתן האט ער זיך אויך באמיט מיט אלע מעגלעכקייטן מיך צוצובינדן צו דער שטוב; אָבער איינגאנצן באהערשן זיין תשוקה מיך צו מוסרן און שטראָפן — דאָס איז געווען איבער זיינע כּוחות. אויך די פאדערונגען, וועלכע ער האט מיר געשטעלט זענען געווען גרעסערע פון דער מאמעס פאָדערונגען; זי פלעגט זיין געצוואוינט מכּוח דעם צו טענהן אַזעלכע מיני רייד:

— איך וויל דיך נישט לערנען קיין פארשטאנד, מיין זון... ביסט אזא חכם ווי איך, די גרויסע חכמה! פיר זיך אויף ווי ס'געפעלט דיר... לייען ביכער... איין זאך וועל איך נאר בעטן: זאלסט נישט פארגעסן די יידישקייט. און כּל-זמן דו וועסט זיין ביי מיר אין שטוב, בין איך זיכער, אז דו וועסט נישט טאן, וואס מ'טאָר נישט. א סך בלוט האב איך א.יף דיר פארגאסן, מיין זון, און איצט פארלאנג איך פון

דיר מיט טרערן בלויז איין זאך: זיי א ייד... וואס איז א יידז
אַ ייד אָן חכמות... נישט עסן אומגעוואַשן, בענטשן, דאַווענען און...
און... זיין אַ ייד...

נאָר דאָס אַלץ איז בלויז געווען די ערשטע צייט; אָבער ביסלעכווייז איז זי אויך געוואָרן ווי אַ פּאַרטיידיקער, אָן אָרנט־לעכער אדוואָקאַט, וואָס ביי אים אין הארצן גופא האָט זיך אריינגעגנבעט אַ ספק אין דער ריכטיקייט פון זיין פּארטיידי־קונג, ווייל דעם באשולדיקערס לאנגע רייד האָבן געווירקט אויך אויף אים, און עס זענען ביי אים אָפּגענומען געוואָרן די ווערטער פון מויל. די טענות אירע האָבן זיך סוף־כל־סוף אויסגענומען.

ס׳פלעגט טרעפן, אז איינע פון די שכנטעס פלעגט אריינקומען צו אונז אין שטוב אָפּצוגעבן מיין מאמען איר קליין טעכטערל, עס זאָל זיך ביי איר אויסלערנען לייענען, אָדער איינע פלעגט אריינקומען קויפן די ציבעלע־ברעקלעך, וועלכע זענען געווען געפּרעגלט אין געגנזנשמאלץ, און די מאמע מיינע פלעגט זיך דינגען וועגן פּרייז, פּארלאנגענדיק שכר־לימוד דווקא צוויי גילדן א חודש אָדער דווקא פינף גראָשן פאר די ציבעלע, און די שכנטע פון איר זייט פלעגט דאן אָנהויבן וויכער צו מאכן דאָס הארץ פון איר בעל־דברטע דורך קלאָגן זיך אויפן יקרות און אויף „די צייטן, וואָס זענען אָנגעקומען, אין וועלכע ס׳איז מער נישט פארבליבן צו טאָן, נאר אריינלייגן זיך אין קבר און אויסגיין", און פארביגייענדיק פלעגט זי א ווארף־טאָן א בליק אויף מיר, ווי זי וואלט זאגן, כדי אונטערצוחנפענען מיין מאמען: „דו האָסט אן אנדער סארט זון, דיין מזל איז א בעסערער, ווי מיינער" — אין אזא מינוט פלעגט מיין אָרימע מוטער אראפּ־לאזן די אויגן, און דאָס פּנים אירס פלעגט עדות־זאָגן, אַז זי קלערט איצט וועגן דעם, וואס די וועלט איז גענארט...

וועו די רעדעריקע פלעגט ארויסגיין פון שטוב, פלעגט

ויך דער טאטע שטארק פעסן. א קבצנטע בלייבט אייבי׳ק א קבצנטע. זי וועט קיינמאל נישט שפירן די דערנידעריקונג פון איר כבוד. מיט בערל דעם שמאטניקס ווייב שטייט זי — די חכמה — און רעדט וועגן איר זון, נישטפילנדיק, ווי ווייט זי דערנידעריקט דערמיט זיין כבוד. א טייערע חברטע האט זי זיך אפגעפונען!

— אָבער מ׳קען דאך איר נישט א שפיי טאן אין פנים אריין...

— מ׳קען נישט? און פארוואס קען דיין זון יעדערן שפייען אין פנים!... אז אך און וויי צו זיין שפיי!..

— מיין זון... ירמיה — איז מיינער פונקט אזוי ווי דיינער...

— בקיצור, ווי די מעשה זאל נישט זיין, דעם תלמיד, וואס ער האט געהאט ביי אל׳מלכן, האט ער שוין אנגעוואוירן...

— נו, שלום געצל, ס׳איז שוין צייט, זאלסט צוריקגיין אין חדר אריין... און דו מאכסט נאך הכנות... דער טיש איז געגרייט... גיי, וואש זיך...

בשעתן עסן וויקלט זיך פונאנדער אן אלגעמיינער גע־שפרעך וועגן צער־בעל־חיים און דעסגלייכן. פריידע דערקלערט בערלען דעם טעם, אלעמאי מ׳מאר נישט זעצן א הון אויף קאטשקענע אייער — ס׳א צער בעלי חיים! די קאטשקעלעך וועלן אונטערוואקסן און זיך אוועקלאזן שווימען איבערן טייך, און די מאמע וועט ארומלויפן, אהין און אהער, ביים ברעג א משוגענע, דאָס רחמנות, וואָס זי רופט ארויס אין אזא מינוט איז זיך גארנישט מעגלעך פאָרצושטעלן. נישט זי קען ברענגען צוריק אירע טייערע קינדערלעך, נישט זי קען אליין צוקומען צו זיי. דאס בילד ווערט געשילדערט מיט קלאָ־ע פארבן, עס ווערט לעבעדיק אינם מויל פון דער שילדערערין, און עס איז פול מיט א טיפער טראגיק...

מיין מאַמע הערט זיך איין, הויבט אויף דעם קאָפּ קוקט אויף מיר מיט אַ לענגערן און טרויעריקן בליק, לאָזט ארויס אַ זיפץ, וואס פאַרסמט אלע מיינע אינעווייניקייטן, און זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ אַ שאָקלען פון אנטוישונג, פון פאַרלוירענער לעצטער האפנונג... אומגליקלעכע הון...

---

## לא.

און אין מיר אינעווייניק האָט געהערשט אַן אַפּאַטיע, אַ פולשטענדיקע אַפּאַטיע, אַן אַפּאַטיע, אַ לגמרי אַנדערע, ווי יענע, וואָס האָט געהערשט אין מיר פאַר איר און נאָך איר. ווי ווילדפלייש איז מיין האַרץ געוועזן, איך האָב געגעסן, געטרונקען, געשלאָפן, געלערנט מיינע איבעריקע תלמידים. נאָר לעבן האָב איך נישט געלעבט. איך בין ווייט געווען פון צו פאַרשטיין, וויאַזוי אַ מענטש וואַנדערט אַרום פון איין אָרט אויפן אַנדערן, וויאַזוי ער טוט עפּעס אַ טאָט, כדי צו פאַרבעסערן זיין לעבנס מצב. ס׳איז מיר נמאס געוואָרן דאָס אַלץ. בכן, הייסט עס, דאַרף איך פאַרלאָזן צ. מיין מוח האָט עס נישט תופס געווען... איז דען נישט אַלציינס?

מיין גייסטיקער צושטאַנד אין יענער צייט איז געווען זייער אַ משונהדיקער. איין מאָדנע געפיל האָט אויף מיר אויסגעשפּרייט זיין ממשלה: איך, ירמיה פייערמאַן, מיט מיין נאָמען, מיט מיין אויסזען, מיט אַלע זייטן פון מיין לעבן, מיט אַלע פּרטים פון מיין קיום, מיטן גאַנצן גיהנום, וואָס אין מיר, מיט דער גאַנצער קאָמישקייט פון מיינע איבערלעבונגען, בין שוין איין מאָל געווען מיט אַסך יאָרן צוריק און איך וועל זיין אין צענדליקער טויזנטער יאָרן אַרום... דאָס איז אַ זיכערע זאַך... און אויך איצט איז פאַראַן ערגעץ עמיצער אין מיין עלטער, וואָס איז אין אַלעם גלייך צו מיר... און אויך מיט אים האָט געטראָפן אַלץ, וואָס ס׳האָט מיט מיר געטראָפן...

איך האָב אויפגעהערט צו דערוואַרטן בריוו אַפילו פון חיימאָוויטשן: ער שרייבט נישט — דאַרף מען נישט..

בין-השמשות-צייט פלעג איך פארלעשן דעם לאמפ און פלעג ארייננזינקען אין פינצטערניש ביז באגינען.

וועלכער פון מיינע באגערן איז נישט דערפילט געוואָרן? וואס האָב איך באגערט? וואס האט געקענט זיין און איז נישט געוועזן? וואס דארף איך?

און מיינע נאכט־קאָשמאָרן פלעגן זיין צונויפגעמישט פון מיינע קינדהייט-חלומות מיט די איינדרוקן פון מיינע לעצטע צייטן. אבסטראקטע נעמען האָבן מיך געפייניקט, האָבן מיך געטרונקען אין שוויס, די פייניקונגען זענען געווען פייניקונגען פון זייער א געפערלעכן גייסטיק־קראנקען, איך געפין מיך אין אַ שמוציקן זאַק. אויף מיין קאָפּ איז אַ משא-זאמד און שווערע שטיינער אויף מיינע הענט און פיס. איך רייס מיך פון זאַק ארויס – און מיין פאָטער גיט מיר קלעפּ פון אויבן. איך — בין אַ פליג, וואס שפילט זיך אויף די באַקן פון יענעם מיידל... זי נעמט און האַקט מיר אָפּ די פליגעלעך... און דער ווייטיק איז ענלעך צו יענעם ווייטיק, וועלכן איך פלעג שפירן אין מיין קינדהייט, ווען איך פלעג זען דעם גיהנום אין חלום... זיבציק גראַד פראָסט... א טרעפּ אויף א טרעפּ... און איך קריך — און נידער אראָפּ . . . און אלע באווייגען מיך...

---

## לב.

ס'איז געווען אַ פרייטיק-צו נאַכט.

יענם גאנצן טאָג האט מיין טאטע אויסגעזען ווי אַ מענטש וועמען ס'איז פארענטפערט געווארן די הארבסטע פראגע אין זיין לעבן, ער האט זיך באמיט אונז צו געבן אָנצוגעהערן, אז ער טראגט ארום עפּעס אסוד, אז ער האט אין זיך באַהאלטן עפּעס א פארבארגענע זאך, וועלכע ער וועט, סוף־כל-סוף אנטפּלעקן ...

מקבל-שבת זיין בין איך נישט געגאַנגען. און אז דער טאטע איז צוריקגעקומען אליין פון דאוונען, האט ער זיך נישט געשפּעטיקט אָנצופאלן אויף מיר:

— מאָטל-ירוחם דער קרעמער איז געווען דארטן און ער האָט מיר דערציילט זאכן פון עובדיהן, אז אך און וויי צו מיר! געווען חברים פון קינדווייז אָן, און ווער ווייס נאך אזוי ווי איך, אז יענער האט אים אפילו צו די פאנטאָפל נישט געגרייכט. און איצטער?... יענער איז גליקלעך... כל טוב... און מיין „תכשיט” זיצט און לייענט זיין שמאטע...

— טאטע, וואָס ווילסטו? — האָט זיך פון מיר ארויסגעריסן א קראנק קול.

— וואס איך וויל? איך ווייס וואס איך וויל... אהא. דאנקען גאָט, וואס דו האָסט, לכל הפחות, געעפנט דאס מויל.. און אזוי — איך רעד און רעד און ער איז ווי אַ שט.מער... ווי אים וואלטן די אלע זאכן גאָרנישט אָנגעגאנגען... ווי ער וואלט געווען דער קלאָרער און איך דער משוגענער... אבער אלע משוגעים זאָגן דאך, אז זיי זענען די קלאָרע נאר די גאנצע וועלט איז משוגע געוואָרן... אָהאָ, וואָס איך וויל...

איך וויל... איך זע, אז דו זיצסטאָפּ-גאַנצע טעג איבער שמאַ-טעס, און ווען מ׳לאזט דיך, וואלסטו נישט געגעסן און גע-טרונקען... און איך פרעג דיך, דו מאָדנער מענטש, בלויז דאס: וואס וועט דיר ברענגען און וואָס וועט דיר צוגעבן דיין שמאַטע, אין וועלכער דו ביסט אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן? וואס? געלט? כבוד? דעם כבוד זאלן האָבן אַלע מיינע שונ-אים... אַלע טייטלען דאָך אויף דיר מיט די פינגער... דער מוח פון אַלע שטאָט-לייט איז דאָך נישס משיג ווער דו ביסט און וואס דו ביסט... און אַלע לאכן אין די הויפּנס... איך וואלט אויך געלאכט — ווען עס וואלט נישט געווען מיין משוגע-נער... ניין; איך האָב אויך פריער נישט משיג געווען... איך ווייס, אז עס זענען פאראן אמתע צדיקים, וועלכע ווארפן אוועק דאָס גאנצע עולם-הזה-לעבן און גיבן זיך איינגאַנצן איבער תורה-ועבודה... אָבער דו, א „קליפה״ — און נישט מער...

— א „קליפה״ — האָט נישט געשמעקט מיין מאַמען דאָס-דאזיקע ווארט.

— ניין?.. דו ווילסט נישט?..

— אָבער וואס ווילסטו? — האָב איך זיך א צווייט מאָל אַ כאַפּ געטאָן.

— אָט דאס וויל איך! — איז פארפולט געווארן די מאס פון זיין כעס און פון זיין פיינטשאפט, און מיט א מין שרעק-לעכער צערודערונג האָט ער אין דער מינוט געפונען זיין וואָכעדיקע קאַפּאָטע און אַרויסגענומען פון דאָרטן עפעס אַ בריוו, וואָס דער קאָנווערט איז געווען צעריסן, און האָט מיט אים מיר אַ שמיץ געטאָן איבערן פנים.

אויפן צעריסענעם קאָנווערט איז געווען מיין אדרעס.

דער בריוו איז געווען פון דער לערנער. חיימאָוויטש איז שוין נישט אין .N, און ער בעט אַ קליינע געלט-שטיצע, וויניקסטנס, א צען רובל, ווייל ער פאַרמאָגט נישט קיין איין גראָשן, און דאַווידאָווסקי האָט אויך פארלאָזן די שטאָט (ער האָט עס געטאָן פרייוויליק). אפשר קען איך אים קומען צו-הילף? איך קען שיקן דאָע געלט אויף איר אַדרעס.

נאָך איז דאָרטן געווען פאָלגנדיקע בקשה: כאָטש עס וועט אוודאי אויסקומען ווי אַן עגאָאיזם, אויב זי וועט רעדן וועגן זיך, בעת איר איינציקער פריינט איז אין א צרה, פונדעסטוועגן — אויך איר לאגע איז זייער אַ געדריקטע: זי האָט נישט קיין לערער און נישט קיין לעקציעס. אפשר וואָלט איך געקאָנט שאַפן פאר איר אין צ. אַ צוויי-דריי לעקציעס? די שפּראַך פונם בריוו איז געווען אַ זשאַרגאָן פון איינעם, וואָס איז נישט געוואוינט דערמיט. דער אונטערשריפט:

„דיין פריינדין".

– וואָס איז דאָס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, נאָכדעם ווי איך האב אַדורכגעקוקט דעם בריוו.

— דו פרעגסט מיך? פרעג דיין פריינדין! פרעג דיין שיינעם חבר, וועלכער איז אפשר גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, נאָר ס׳איז זיך גלאָט אַ תירוץ... איצטער קען דיין מאַמע אויך וויסן וועגן דעם גרויסן גליק... איצט איז אַלץ פאַרשטענדלעך... איינער האָט זיך אָפּגעזוכט דעם אַנדערן... זי איז אַוודאי אזאַ שיינער פויגל, ווי דו ביסט... איך קלייב נחת, ירמיה!

די אורטיילונג-קראפט האָט זיך צוריק דערוועקט אין מיר. איך האָב מיך איינגעקוקט אין בריוו און געזען, אז ער איז אָנגעקומען קיין צ. נאָך נעכטן.

— איך האָב גערעכנט אים אינגאַנצן דיר נישט איבער-צוגעבן — האָט דער טאטע געענטפערט אויף מיין פראַגע אַלע-מאי איך האָב נישט באַקומען דעם בריוו רעכטצייטיק — אָבער דו „האָסט מיך ארויסגעבראכט פון די כלים". נו, בדיעבד איז גוט, וואָס ס׳איז אַזוי געשען... גוט, וואָס היינט איז שבת... וואָרום ווען נישט דאָס, וואָלסטו אפשר באַלד דערפילט דיין פריינדינס בקשה... און אפשר, קען אויך זיין, אַז דו וועסט איצטער שיקן... כע-כע... וואָס טראַכסטו! וועסט שיקן?

— איך וועל שיקן...

— ווען? מאָרגן?

— מאָרגן.

– פקוח נפש דוחה שבת?

– פקוח נפש דוחה שבת.

– נו, און ווען וועט זי אהער קומען?

– ווען זי וועט ווע‏לן...

– גוט... וואָס איז זי דיינע? אַ געליבטע?

– אַ געליבטע.

– גוט... נאָך אַ בעסערע ווי משה שמערלס טאָכטער... און דו האָסט מיר די גאַנצע צייט גאָרנישט דערציילט, גאָר גאָרנישט...

– הער אויף! – האָב איך אַ געשריי געטאָן און בין אַפער פון טיש.

דער קול איז נישט געווען מיינער. די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען. מיין טאַטנס פנים איז ווייס געוואָרן ווי שניי. זיין פויסט האט געציטערט און זיך צונויפגעקלאַמערט, אָבער ער האָט זי נישט אַראָפגעלאָזן אויף מיר, ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועל איך פון אים אוועקגיין תיכף אום שבת, וואָס וועלן לייט זאָגן?

– אָט דאָס איז דער סוף פון מיין גליק... מיין זון דער עלוי... וויפל וואָלט איך געוועסט קלאָגן, ווען איך באַגראָב אים קליינערהייט... אַ בן סורר ומורה...

– כ'האָב נישט קיין זון... געשטאָרבן מיין זון, געשטאָרבן... – האָט געיאָמערט די מאמע.

---

## לג.

נאָך אַ סך בלעטער זענען פאַרבליבן אין מיין העפט, און נישטאָ מיט וואָס זיי אויסצופילן. אויב איך וועל נאָך שרייבן, וועט עס דאָך בלויז זיין אַן איבערחזרונג און סוף-כל-סוף וועל איך אַלץ נישט דערזאָגן...

„דערזאָגן אַלץ" — איין קלייניקייט!

אין איינעם פון מיינע בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו דאַווידאָווסקין, בעת איך האָב געוואוינט אין .N צום צווייטן מאָל, האָב איך גערעדט וועגן דעם צווייטן טייל פון מיין לעבנס-דערציילונג. איצטער וועל איך גאָרנישט שרייבן.

איין ספּעציעלע איינגאַרטיקייט פאַרמאָגט די ווינטער-דראַמע: זי פאַרענדיקט זיך מיט — „פאָרזעצונג קומט"...

פאָרזעצונג, פאָרזעצונג און נאָר פאָרזעצונג...

א סוף, וועט מן הסתם זיין, זיכער זיין. אַ סוף, וואָס איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון מיין ווילן. נאָך פינף, נאָך צען, צוואַנציק יאָר — און איך וועל זיין, ווי כ'וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געווען. אָבער צוליב וואָס וועל איך לעבן אָט די אַלע יאָרן? מיט וואָס וועל איך אויספילן אָט דידאָזיקע יאָרן?

אָבער ניין. אינגיכן וועט קומען דער סוף. אַ סוף פון אַן איינצלנעם, אַ פאַראיינזאַמטן — אפילו קיין זכר וועט נאָך מיר נישט בלייבן.

---

איין שטימונג באַהערשט מיך מיט אַ משונהדיקער געשווינדקייט די לעצטע צייטן. איך זיץ א שעה אדער צוויי רואיק. סתם-טראַכטענישן ברעקלען זיך אין מיר. וועגן דעם

און וועגן יענעם, אָדער מיין מוח איז פּוסט, אינגאנצן אָן אַרבעט — ער רוט. דער דרויסן — אַ ווינטערדיקע וועלט, די שטוב — אַ פינצטערע גרוב... און פּלוצלינג זאג איך צו מיר אליין: אָט בין איך בארואיקט. מיין לאַגע רופט נישט אַרויס ביי מיר קיין שום ווייטיק. איך רו... און די שפּיזן פון דעמ-דאָזיקן געדאַנק-שלאַנג הויבן אָן אויפגיין און רייסן זיך און צעשפּאַלטן כיר מיינע געהירן... איך פארמאך די אויגן און שאָקל מיטן קאָפּ: וואס וויל איך, דער אַכזר, האבן פון מיר? וואס וויל איך?..

און עפּעס אַזאַך פאַלט מיר אַוועק פון די אויגן און צעשפּרייט זיך, און אַלץ אַנטפּלעקט זיך. די גאַנצע וועלט אין אלע אירע בילדער שטייט פאר מיר אַ נאַקעטע... און אַלע פאַרקערפּערונגען, אלע תּנועות, אַלע אויסגעשרייען, אַלע ביל-דער, אַלע שטריכען — אַלץ האט איין קאליר, דער פאַרהאַנג איז אויפגעהויבן... און גכן, צוליב וואָס? צוליב וואס? צוליב וואס טראַכטן און זיך פייניקן אומזיסט?

יא, איך טאָגל בלויז ווערטער, וועלכע איך האָב שוין געזאגט...

אבער וואס גייען מיך אן נייע זאַכן? איך שרייב דאָך בלויז דערפאַר, ווייל ס׳איז מיר אוממעגלעך נישט צו שרייבן דאס פארעלטערטע געשריי, ווייל איך וועל קיינמאל נישט אויפ-הערן צו שרייען אויפן אלטן ווייטיק... יא, קיינמאל נישט... ביז דער לעצטער מינוט מיינער...

טא לאמיך שרייען! לאמיך שרייען אַ גרויס און ביטער געשריי.

---

ווינטער... אַן איי ביקער אייז באַדעקט מיינע האַרץ-געוועבן. אַ טעמפּער לאַנגווייל, פון וועלכן עס פאַרוועלקט יעדע גלוס-טונג און פון וועלכנס אָטעם עס שטאַרבט אָפּ יעדעס געפיל באַהערשט מיין גאַנצע אינעווייניקייט איך ווער אומבאַוועגלעך׳ איך ווער מיר אַליין אַ שווערע לאַסט. בלויז דורך מיין מוח׳

זייען זיך דורך די בילדער פון מיין נאָז, פון מיין שטימע, פון מיין באָרד, מיין געלעכטער, מיין זיפץ — און איך קריג פיינט אלץ אין מיר, איך עקל מיך פון אַלץ, איך בין באליי־דיקט און שעם זיך פאַר אלץ, אַלץ וואָס איך פארמאָג זעט אויס מיאוס, פאַלש, לעכערלעך און עקעלהאַפט, מיין גאַנץ וועזן רופט ביי מיר ארויס אַ געפיל פון שולדיקייט און אַן איינדרוק פון מיאוסן־זיך. איך געפין מיר קיין אָרט נישט.

---

יאָ, ווינטער. . ווינטער אין שטוב, ווינטער אין דרויסן, ווינטער אינעווייניק, אין האַרץ, אין דער נשמה...

אוי, ווינטער!

אוי, א ווינטער אָן אַ פרילינג, אָן אַ זומער פאַר אים — אַן אייביקער ווינטער! און אין דעמדאָזיקן ווינטער בין איך אַ לעזער אין אַ פארוואָרפן דאָרף...

ווער ס'איז נישט פעאיק צו זיין אַ טאטע צו קינדער — צו דען קען ער פאַר זיי זיין אַ גייסטיקער פאָטער? אָבער עסן דאַרף איך. איך בין הונגעריק ווי אַ הונט, און איך האָב קיין אָרט נישט דעם קאָפּ אוועקצולייגן...

איך האָב גארנישט,

און אזוי וועל איך שטארבן.

„דער טויט איז.. — פילאָזאָפירן די חכמים פון דער וועלט — דער טויט איז..."

דער טויט איז טויט; און איך וועל שטארבן.

טאָ בכן, פארוואס־זשע קען איך מיך איצטער נישט באַ־פרייען פונם לעבן?

דידאָזיקע אומאַנגענעמע זאַך, — דאָס צונישט־ווערן אויף אייביק וועט דאָך, סוף־כל־סוף, קומען...

... דאס גוטס פון דער וועלט, דאס שלעכטס פון דער וועלט, די וועלט, יענע וועלט, דער מענטש איז פריי, דער מענטש איז פארקנעכטעט, פארגעניגן, צער, פרייער אויסוואַל, באוואוסטזיין, גייסט, מאטעריע, אייביקייט, פארגענגלעכקייט,

הונגער, לוקסוס, אַרבעט, פוילקייט, פילאָזאָפיע, אומוויסנהייט, גלויבן, לייקענונג...

וואָס גייט דאס מיך אַלץ אָן ?

איך ווייס איצט בלויז איין זאַך : ווען איך וואָלט געהאט די מעגלעכקייט צו הארכן די שטימע פון מיין באוואוסטזיין, וואָלט איך דאך נישט געדארפט, איך, ירמיה פייערמאַן, וואָלט נישט געדארפט לעבן אפילו איין שעה. און איך לעב און וועל מארגן אויך לעבן. איך וועל זיך נישט באפרייען. איך פארמאָג נישט דעם שטאַרקן ווילן זיך צו באפרייען. עס פעלט מיר די אינערלעכע פרייהייט...

אין מיין תּורה געפינט זיך אַזאַ פּסוק : „זע, אָט האָסטו פאר דיר צוויי וועגן : איינעם אַ בעל-כּרחודיקן און דעם צווייטן אַ פרייוויליקן — משוגע-ווערן און זעלבסטמאָרד. טאָ קלייב-זשע אויס דעם טויט !"

און איך, ווי ווייט איך בין פון דעמדאָזיקן שריט !

אוי, גרויזאמער שטן, וואס שפּילט מיט מיר !

אָבער וואס פאר א שטן ?.. אַן אָפּגרונט ?.. ניין, אויך דאָס נישט. איך וועל איבערלאָזן דאָס וואָרט פאר די העלדן. קיין שטן איז דאָ נישטאָ, קיין אָפּגרונט איז דא נישטאָ, נאָר א זאַך איז דאָ פאַראַן, אין דער זאַך איז אויבן פארבונדן. און ערגעץ-וואו אין אים געפינען זיך עטלעכע טראָפּנס האָניק. געציילטע ווערים לעקן דעם האָניק, א סך דערקריגן זיך נישט צו אים, און נישט-ווילנדיק שטויסן זיי זייערע חברים... אָבער דער זאַך איז פארבונדן...

---

איך זיץ איינזאם. נאַכט. אוי, פארוואס שריי איך נישט פון די שטאַרקע ווייטיקן מיינע ?

איך זיץ און שווייג, פונקט אַזוי ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן אין דערזעלבער צייט...

איך זיץ און שווייג, שאַ...

איך שווייג און הער־אויף צו שרייבן, אָט דידאזיקע פּאַרמיאוסטע מלאכה, וואָס א־ז עס געשען מיט מיר? איך וועל צערשמעטערן די פאַרשאָלטענע פעדער...

---

וואָס איז דאס אַזוינס? דאס וואָרט „פּאַרשאָלטענע" האט אַ וואָרף געטאָן אַ נעץ אין מיין מוח אַריין און עס גריבלט...

כי־כי־כי... איך לאַך מיט אַ קליין געלעכטערל, אַ קליין שבקליין, אַן אומהערבאַרן געלעכטער, אַ געלעכטער, וואָס איז ענלעך צו דער שטימע פון אַ משוגענעם הונט, אַ טיפן, אינעווייניקסטן געלעכטער, און איך טרייסל מיך אינגאַנצן אין אַ קדחת־פיבער...

אוי... עפּעס אַ מינוט קומט־אָן און דערנענטערט זיך צו מיר, עפּעס א שוואַרץ־שוואַרצע מינוט, אַ מינוט, וואס פון אירס גלייכן האב איך קיינמאָל נישט געוואוסט... און איך ציטער פאַר דערדאָזיקער מינוט... אוי וואוּהין זאל איך אנטלויפן פון איר? וואו זאל איך מיך באהאלטן?

כי־כי. איך לאַך. מיין קאָפּ ווערט צוגעקוועטשט צו די זייטן פונם זאַק און ער ווערט צעשמעטערט. מיין האַרץ! אוי, ווער שניידט עס אזוי מיין הארץ? פאַרוואָס האָט מען נישט אנגעשאַרפט דאס מעסער? ווער טרינקט עס מיין מאַרך?..

מיינע אויגן ברייטערן זיך אויס און ברייטערן זיך אויס. די ווענט פארשווינדן, פארשווינדן, פארשווינדן.

---

## לד.

N. האט אויסגעזען ווי תמיד. דידאָזיקע מיאוסע און טומלדיקע שטאָט האָט, ווי אַלע שטעט מיט זייערע איינוואוי־נער, געלעבט איר לעבן. זי האָט גאָרנישט פארלוירן מיט מיין אוועקפאָרן און זי האָט זיך נישט געפרייט מיט מיין אנקומען...

רבקה לערנער האָט געליטן עלנט און נויט אויפן שרעק־לעכסטן אופן. זי איז געווען הונגעריק, פארלאָזן, איינזאַם. קיין אַרויסהעלפער האָט זי נישט געהאט. די באַלעבאָסטע פון איר דירה האט זי באַליידיקט. זי האָט געוויינט...

אָפּט פלעג איך צו איר אַריינגיין אינדערפרי, אין איר צימער איז שמוציק און אומארדנונג, איר קלייד איז צעריסן און ברודיק, די האר זענען נאַכלעסיק פאַרפלאכטן. דאס פנים אירס איז ווייס, כמעט גרין...

זי רעט צו מיר מיט אַ נידעריקער און גלייכגילטיקער שטי־מע, אָן קיין שום קלאַנג: קיין פארמעגן האב איך דאָר נישט, וואס זאל מיר פארשטיינערן דאס הארץ. טא פארוואס־זשע פאר־נעם איך איר איינזאמקייט און מייד אוים איר וואוינונג? ווע־מען האט זי דען אחוץ מיר?

איך פארענטפער זיך, מיט וואס קען איך העלפן?...

— פונדעסטוועגן...

איך שווייג און אין הארצן בין איך מודה, אז זי איז גערעכט מיט אירע שטראָפרייד, דער מענטש אנטלויפט פונם צער. און מיין צער, צוקוקנדיג איר וואוינונג און איר לעבן, איז ווירקלעך איבערגעשטיגען אלע גיהנום־פייניקונגען. און אנ־דערע וואָלט אנגערופן אזא מין געפיל — רחמנות, נאר איך

פלעג זיך שעמען מיט אים. איך האב געוואוסט וואס ער באַטייט.

איך זיץ אין א ווינקל און שווייג, און זי קוקט אריין אינם בוך, וואס ליגט פאַר איר, מיט אַ מינע, ווי עס האט א מענטש, ווען ער זיצט אָן קיין שום באוועגונג און ער טראכט, אז מענטשן האלטן אים פאַר אַ פארטיפטן אין געדאַנקען. צומלעצט רירט זי זיך אויף. אפשר וויל איך אַ גלאז טיי?

— ניין.

— און איך ווייס, אז פון נעכטן אָן האסטו גאר נישט געגעסן. ס'איז דאך אמת? איך וועל אנגיסן אַ גלאז טיי. נאר כאַ־כאַ! — איך בין דיך מכבד מיט טיי און האב גאר פארגעסן, אַז איך האב נישט קיין צוקער, מ'דאַרף בארגן ביי דער באַלעבאסטע. אבער... דערפאַר בין איך רייך אין ברויט, כמעט אָן אמתע קאַפיטאַליסטקע... אַ האַלבן לאַבן... ביז מארגן — צו דער זעט, און דערנאך ...

איך דערמאן איר איר היים, און זי רעגט זיך אויף. נישטא קיין שום מעגלעכקייט, זי זאל זיך אומקערן אהין. איר קרובה, דאָס מיידל, וואס וואוינט הי, איז פאַר צוויי וואכן געווען אין איר היים־שטעטל און זי האט אלעמען דערציילט מיט וואס פאַראַ בחורים „רבקהלע" האט א משא־ומתן. אירע עלטערן האַלטן זי איצט ערגער פאר א געשמדטע.

זי זיפצט אפ און גיט צו: איר קרובה, דאס מיידל...

איך, פייערמאן, קען נישט ווי געהעריק דעם כאראקטער פון די פרויען. איך קען נישט זייער גרויסע שנאה, קנאה, אכזריות, נידעריקייט, קליינלעכקייט... זי האט א רעכט אַרויסצוזאגן אַזאַ מיינונג... זי איז אַליין אַ פרוי... זי איז נישט ווי אַן אַנדערע...

און איך הער אויס אירע רייד, איך קוק אויף איר און דערמאן זיך אָן י ע נ ע ר. יענע האט אַלץ. יענע איז געליבט, גליקלעך; אירע „געדאַנקען", געפילן, שטרעבונגען — אַלץ איז נאר כדי איר צוצוגעבן מער חן, כדי צו מאכן זי נאך ליבער, נאך אינטערעסאַנטער. זי וועט פארן אין דער־

שיינער שווייצאריע, ווייל זי וויל דאָרטן לעבן, לערנען דאַרף זי נישט: יעדעס וואָרט, וואָס זי וועט אַרויסלאָזן פון איר וואונדערשיין מויל, וועט די מענער געפעלן און זיי וועלן עס האַלטן פאַר א חכמה. משה שמערלס וועט זי שטיצן אויף צופיקעניש זיך אליין: זי איז שטאַרקער פון אים. דערנאָך וועט זי חתונה-האָבן און וועט געבוירן (בורסיפן, פארשטייט זיך) שיינע קינדער, וועלכע וועלן זיך קיינמאָל נישט מאַטערן און וועלן זיך באנוצן מיט דער אַרבעט פון אַנדערע מענטשן. זי וועט ליגן אויף דער זאָפע, זי וועט זיך באַשעפטיקן, אָדער זי וועט זיך נישט באַשעפטיקן, מיט עפעס א געזעלשאַפטלעכער ארבעט, זי וועט פאַרברענגען א גוטן טאָג און זי וועט מיינען, אַז זי איז אומגליקלעך, אַז זי פארזינקט אין לאַנגווייליקייט, און זי איז דאָך אַזוי ווערט, אַזוי ראַוי צו זיין גליקלעך!..

און בורסיף וועט פאַרדינען געלט.

און אָט דידאָזיקע?

יענע — איז ד י!..

---

## לה.

אין איינעם פון דידאָזיקע טעג האָב איך אנגעשריבן א קאַרטל צו דאווידאָווסקין. אוועקשיקן האָב איך עס, וואָס אַן אמת, נישט אוועקגעשיקט, אָבער געשריבן האָב איך אָט וואָס:

„היינט וועט שיינען די זון. אָבער נישט די זון פון אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן, וואָס האָט א פנים פון אַ שוואַכער, בלאַסער, יונגער פרוי, נאָר אַ זומערדיקע זון, אַ שטאַרקע, אַ גרויסע, אַ בלישטשענדיקע, און דעם מענטשנס אויגן וועלן נישט קענען קוקן אויף איר. ליכט און וואַרימקייט איז אַרום. און איך האָב ליב דאָס לעבן. אוי, ברודער, ווי ליב איך האָב דאָס לעבן, ווי איך פריי זיך מיט מיינע געפילן. מיט מיין אָטעמען! דאָס הארץ גייט מיר אַריבער די ברעגעס... און איך ווייס, אַז דער צווייטער טייל פון מיין לעבן וועט זיין אַן אַנדערער און אַ פאַרשיידענער... וואָס גייען מיך אָן די אַנאַליזירנדיקע שנייד־מעסערס? אַלץ איז זייער רייך, זייער קאָמפליצירט און העכער פון יעדן מין אנאליז... וואָס גייען מיך אָן די „שחיטה־חלפים"? איך האָב ליב דאס גוטע, דאס שיינע, דאָס ריינע, דאָס דערהויבענע, די מוטיקייט, די גערעכטיקייט... איך שטרעב... איך דער אויפגצהאָרעוועטער דורכן צער... איך שטיי העכער פון די אַלע נאַרישקייטן... איך שפיר אַ נייע און אַן אַנדער לעבן — און אין מיר איז באַהאַלטן דער מאַטעריאַל דערפאַר... איך הויב אויף די אויגן... ס'איז גוט דאס באַוואוסטזיין, ס'איז גוט די דערקענטניש!.. איך ווייס, אַז בלויז פיין

איז פאר מיר אָנגעגרייט אין דער צוקונפט, און איך האָב קיין מורא נישט, איך ציטער נישט.. איך הונגער — און בין זאַט... גרויס זענען יסורים... גרויס איז דער איינזא־ער... גרויס איז דער וואָגלער...

„מאָרגן פאָר איך אוועק פונדאנען".

---

# לו.

אַ הערבסט-נאכט איז עס געווען.

אויף איינער פון די קליינע סטאַנציעס אויפן וועג פון N. קיין א. האָט מען מיך אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער באַנק אין באַן-וואַגאָן און מ'האָט מיך צוגעשטעלט צום וואָקזאַל-באַאַמטן.

אָן געלט, אפילו קיין רענדל האָב איך נישט געהאַט — אין איך בין פארלאָזן, איינער אליין.

איך האב מיך אַוועקגעזעצט אויף א באנק, אָבער די וועכטערס האָבן מיך געשיקט אַהין, פונוואנען איך בין געקומען.

— ס'איז דאָך נאכט...

— דאָ איז פאַראַן א דאָרף...

— ווייט פונדאנען ?

— נישט מער, ווי דריי ווי‌אָרסט...

— און יידן זענען דאָרט פאַראַן ?

— נישטאָ דאָרט קיין מאָשקע.

— בכן... ווי-זשע...

— „גיי״ — זאָגט מען דאָך דיר !..

— יידישע געשעפטמאכער, איך קען אייך ! — האט מיט אן איינגעהאלטענעם כעס געבורטשעט דער מיטן רויטן היטל, ווען ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי מיר.

איך בין אויפגעשטאנען און אַרויסגעגאַנגען.

א הויכגעוויקסיקער זשאנדארם האט, פון נישט-האבן וואס צו טאָן, געהיט מיינע טריט.

איך בין אדורך דעם פעראָן, די ליידיקע וואַרטע-זאַלן. פאַרביי דעם לייכטנדן לאַמטערן... דאָרטן ווייטער זענען געלעגן קלעצער האָלץ — האָב איך זיך אוועק געלייגט.

טראָפּנס רעגן און שניי זענען געפאַלן אויף דר׳ערד.

---

1416
UNIVERSITÄT POTSDAM
Universitäts-
bibliothek
Inventarnr.
*98032081*

Universitätsbibliothek Potsdam
Ausleihnr.
*98032081*